STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00283

HEYMISHE UN NOENTE

Yosef Papyernikov

Permanent preservation of this book was made possible by
LTC James N. Pritzker

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאַפּיערניקאָוו

היימישע און נאענטע

י. פאפיערניקאוו

הײמישע און נאָענטע

(דערמאָנונגען)

פארלאג
י.ל. פרץ
ביבליאטעק
תל־אביב, ישראל

1958

HAIMISHE UN NU
J. PAPIERNIKOV
Printed in Israel, 1

ניקאָוו / היימישע און נאָענטע /
. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב
Allenby 31 ל נ ב י
Allenby 59 ל נ ב י

„אורלי״, יסוד המעלה 27, ת״א

יוסף פאַפּיערניקאָוו

★

אויטאָביאָגראַפיעס, מעמואַרן און זכרונות געהערן אין דער ליטעראַטור צו די שאַפונגען, וואָס אַ שרייבער הייבט אָן צו שרייבן ווען ס'באַפאַלט אים די טונקעלע אָנונג וועגן סוף און פאַרגאַנג, אָדער — אין דער הויכער עלטער, וואָס דיקטירט אים באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק — אָנצוהייבן זיך געזעגענען מיט דער ליטעראַרישער וועלט און מיט די לייענער און — פאַרוקן זיך אין שאָטן פונעם אייגענעם בוים, וואָס האָט אויפגעהערט געבן פרוכט...

וואָס שייך די בלעטלעך פון מיין לעבן — בלעטלעך זכרונות, מעמואַריסטיק און אויטאָביאָגראַפיע — האָב איך זיי אָנגעהויבן שרייבן שוין ביים סוף פון דער בלוטיקסטער, גרויליקסטער מלחמה, וואָס דאָס נאַציִשע דייטשלאַנד האָט דער וועלט אָנגעוואָרפן; אַ מלחמה פון וואָס דער פרידלעכסטער און ווייטסטער פונעם קריגספראָנט איז נישט זיכער־געווען, צי ער וועט זיך לייגנדיק ביינאַכט שלאָפן — נאָך זען דעם מאָרגנדיקן טאָג... אָדער: אויפשטיין און זען, אַז ער איז יונגערהייט, איבער נאַכט — אַלט און גראָ־געוואָרן פון איבערלעבן דעם אייגענעם טויט — אינעם אומגליק און בראָך פון די נאָענטע.

נישט איינעם פון מיינע אייגענע און נאָענטע וועמען איך דערמאָן אין די בלעטלעך פון מיין לעבן — האָט דאָס היטלערישע געשפענסט אַרויסגעריסן און פאַרטריבן פון דער איינגעזעסענער היים און געצוווּנגען ווערן נע־ונד, וואָגלען איבער אַלע וועגן פון דער וועלט, „גנבענען" גרעניעצן און צו לעבן אויפן אָנגעוויזענעם ביסל חסד פון די אַזוי־גערופענע דעמאָקראַטישע לענדער; און נישט איינער פון זיי איז, ווי מיליאָנען מיינע ברידער יידן — אומשולדיק פאַרפייניקט־געוואָרן און אומגעקומען פון אַלע מיתה־משונות — פון די היטלעריש־רוצחישע הענט.

זאָלן מיינע בלעטלעך בלייבן אַן אייביקער אָנדענק נאָך זיי; נאָך מיין חרוב־געוואָרענער היים פון מיין וויג, און נאָך די גרעסטע יידישע קהילות און יידישע קולטור־צענטערן אין אייראָפּע.

י. פּ.

היימישע

וועגן מיין היים

„מ'זאָל אויספאָרן אַ וועלט, וועט מען נישט זען אַזאַ שטוב״ — אַזוי האָט די מאַמע מיינע געזאָגט וועגן דער היים אונדזערער, וועלכע זי האָט גערופן: די שטוב; געזאָגט האָט זי עס אין מינוטן פון גרויס פאַרביטערונג און ערגערניש, און געמיינט האָט זי דערמיט די אויסטערלישקייט און אומגעוויינטלעכקייט מיט וואָס מיין היים האָט זיך אויסגעצייכנט.

די מאַמע מיינע איז ווייט נישט אויסגעפאָרן אַ וועלט, און אפילו אַ קליינעם טייל פון איר אויך נישט, פונדעסטוועגן האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף אירס אַ מיינונג וועגן דער היים און וועגן יעדן באַזונדער אין איר, און בכלל וועגן מענטשן, זאַכן און געשעענישן, וועלכע זי האָט פריער פאַר אַלץ, באַנומען מיט איר שטאַרק און בלינד געפיל, וואָס פלעגט דערגיין ביי איר ביז פאַרגעפיל, און דערנאָך ערשט: מיטן פשוטן שכל און געזונטער לאָגיק.

צוליב דער מאַמעס עמפינדלעכקייט און געפילפולקייט איבער וועלכן דאָס געפיל פון אמת און יושר האָט געהאָט ביי איר די איבערמאַכט — האָט די מאַמע זייער אַ סך געליטן פון פרעמדע און פון אייגענע. איבערהויפט האָט זי אַ סך געליטן פון דער אייגענער היים, וועלכע זי האָט גערופן: די שטוב. עס האָבן זי געערגערט און מצער־געווען מיר, די זעקס קינדער, וואָס זענען היפש־דערוואַקסענע שוין — אַרומגעגאַנגען ווי אומבאַהאָלפענע בלודנע שאָף, וואָס זוכן דעם פאַסטוך וועמען זיי הערן און קאָנען אים נישט געפינען...

אַז דער טאַטע פלעגט ביים עסן זיך „וואַשן״ צו אונדז און אַרויס

אויף אונדז מיט טענות הלמאי אַזעלכע „ריזן״ זיצן אינדערהיים און עסן אים אָפּ דיביינער — פלעגט די מאַמע זיך אַ שטעל־טאָן און מיט צער און ווייטיק פאַר אונדזער באַליידיקונג — ווי אַ וואָרף־טאָן דעם טאַטן אין פּנים אַריין: אַז זיי האָבן נישט קיין טאַטן!...

„אַז זיי האָבן נישט קיין טאַטן״, איז געווען דער מאַמעס שלאַג־וואָרט, מיט וואָס זי האָט אונדז פאַרטיידיקט און געגעבן דעם טאַטן אָנצו־הערן אויף איר שטענדיקן פאַרוואָרף — הלמאי ער האָט מיט זיינע „קהלישע״ געשעפטן פאַרנאַכלעסיקט די שטוב, דאָס ווייב און די קינדער. דער טאַטע, וואָס איז אויסער אַ פלײשהענדלער, אַ קצב, געווען אויך אַ ציוניסטישער עסקן, און אין די שולן געהאַלטן אָפּטע דרשות וועגן ארץ־ישראל, גאולה און קרן־קימת — האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס די מאַמע אַ „יידע־נע״, מישט זיך אין זיינע ענינים. איבערהויפּט האָט ער נישט געוואָלט הערן דער מאַמעס אמתן און פאַרוואָרפן, וואָס פלעגן גורם־זיין צו אָפטע מחלוקות, ביי וועלכע מיר, די קינדער, זענען געווען בלויז שטומע עדות, וואָס האָבן שטומערהייט געהאַלטן מיט דער מאַמען.

די דאָזיקע מחלוקות האָבן אונדז, די קינדער, — באַגלייט ביז צום אַרויסגיין פון טאַטע־מאַמעס רשות.

דאָס איז נאָר אַ קיצור פון מיין היים־מיליע, וועלכער כ׳האָב שוין געווידמעט צענדליקער לידער, צו וועלכע כ׳וועל זיך נאָך זיכער נישט איינמאָל אומקערן, מחמת די טעמע היים — איז איינע פון מיינע אָנגעווײ־טיקטסטע טעמעס.

ס׳קאָן זיין, אַז שוין אין דער דאָזיקער קורצער היים־נאָטיץ האָב איך צופיל דערציילט און אומדיסקרעט אַרויסגעטראָגן פאַר דער עפנטלעכ־קייט, דאָס, וואָס כ׳האָב לכתחילה נישט געוואָלט. אויב עס איז אַזוי — זאָלן עס מיר מוחל זיין די אַלע היימישע מיינע, וואָס זענען על־פּי־נס געבליבן לעבן נאָך אונדזער גרעסטן חורבן.

„מיין היים איז געווען דער קוואַל פון מיין אומעט און טרויער״ און געבליבן: מיין אומהיילבאַרע וווּנד, וואָס מאַכט מיך אויפשרייען פאַר ווייטיק — ווי לייכט איך זאָל זי נישט באַרירן.

מיין טאַטע דער קצב

עס ליגט שוין אין דער טבע פון יונגלעך, אין די יונגסטע יאָרן צו וועלן זיין גרויס און פיזיש שטאַרק, און צו באַרימען זיך, אויב נישט מיט דער אייגענער גבורה — מיט דער גבורה פון די נאָענטסטע, און איבער־הויפּט — מיט דער גבורה פון טאַטן. אויך איך בין אין דעם פאַל נישט געווען קיין אויסנאַם פון אַנדערע ייִנגלעך, און באַרימט זיך מיט מיין טאַטן, אַז ער איז דער שטאַרקסטער טאַטע אין דער וועלט... געטאָן האָב איך עס אָבער נישט אַזוי צוליב באַרימעריי, ווי צוליב אָנצוואַרפן אַ מורא אויף יענע ייִנגלעך, וואָס פלעגן מיך שלאָגן בלויז דערפאַר, וואָס איך בין נישט פעיק־געווען אויף געבן צוריק... דעם אמת געזאָגט, געדענק איך נישט, אַז דער טאַטע זאָל מיך, אָדער עמעצן פון מיינע ברידער, האָבן באַשיצט בעת אַזאַ איבערפאַל מצד אַ שטאַרקער ייִנגל. דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז צווישן קינדער דאַרף זיך קיין דערוואַקסענער נישט אַריינמישן, און אַז פאַר אַ ייִנגל, וואָס וויל נישט קריגן געשלאָגן, איז דאָס גלייכסטע: זיצן אין שטוב... פונדעסטוועגן האָב איך די שלעגער־ייִנגלעך פון אונדזער געסל שטענדיק געדראָט מיט מיין טאַטן, פאַר וועמען זיי פלעגן מורא־האָבן מער ווי פאַר אַ סך אַנדערע טאַטעס, ווייל ער איז געווען אַ קצב; געטראָגן אַ ווייס פאַרבלוטיקט פאַרטעך, מיט אַ שטאָל צום שאַרפן מעסערס, אַן אַזוי־גערופענער „מוסאַק״, וואָס איז אים געהאָנגען אינדערזייט, ווי אַ זעלנערי־שער באַיאָנעט, און גערייצט די ייִנגלעך, ביז קנאה צו מיר — פאַר האָבן אַזאַ טאַטן...

אויך אין מיינע יונגע אויגן איז דער טאַטע אָפּטמאָל אויסגעוואַקסן צו אַ שמשון הגיבור, וואָס האָט נישט איינגעלייגט קיין ווענט און זיילן,

נאָר געהאַקט גרויסע זייטלעך פליש, און דאָס: מיט איין האַנט און מיט אַ שווערן „טאָפּאָר״, וואָס איך האָב געפּרוווט אויפהייבן מיט בײדע הענט און נישט געקאָנט.

נאָך מער, האָב איך דעם טאַטן דאַן באַוווּנדערט, פאַר זיין קאָנען אויפשטיין ווינטער אין אַ קנאַקנדיקן פראָסט און אין אַ שניי־זאַווערוכע — האַלבע נאַכט, ווען גאָט אַליין וואָלט זיך געפּוילט אַפּערצוקריכן פון אונטער דער שוואַרצער הימלדעק און אַוועקצולאָזן זיך צום פּראַגער שעכטהויז באַשטעלן פליש, אָדער: אין אַן אָפּגעדינטן פּעלץ, וואָס האָט שוין ווי־לעדער געגלאַנצט פון פעטקייט, און אין שטיוול מיט קאַלאָשן — אַוועקצו־לייגן זיך אויף דער האַרטער פלײשבאַנק, אין דער האַלב־אָפענער יאַטקע, און אין דער ביטערער פינצטערער קעלט — אָפּוואַרטן דעם „פּאַרגאָן״ וואָס פלעגט קומען איידער די הענער האָבן זיך געקליבן קרייען...

אַז כ׳בין עלטער געוואָרן, האָב איך אויפגעהערט דעם טאַטן צו באַוווּנדערן און אָנגעהויבן אויף אים רחמנות האָבן, הלמאי ער מוז אַוועק־גיין פון שטוב, ווען די גאַנצע וועלט שלאָפט נאָך און דרייט זיך ערשט איבער אויף דער צווייטער זייט...

אַלס דערוואַקסענער בחור, ווען כ׳האָב שוין בכלל גענומען אויף אַלץ און אויף אַלעמען קוקן מיט אַנדערע אויגן — האָב איך זיך נישט איינמאָל אַליין געשטעלט די פּראַגע, פונוואַנען דער טאַטע קומט בכלל צו זיין אַ קצב, בעת ער איז סיי אינערלעך אין זיין גאַנצן מהות, און נאָך מער אויסערלעך — נישט ענלעך געווען צו קיין איינעם פון די אַלע קצבים און קיילער־יונגען — זייִנע מכלומר׳שטע „גוטע ברידער״, וואָס פלעגן אין גוטן מוט נישט איינמאָל אָפּלאַכן פון אים, אַז ער איז גאָר קיין קצב נישט, כאָטש דאָס פאַך קען ער נישט ערגער פון זיי, נאָר דאָס זיין אַן „איידלמאַן״ אַן „אָרנטלעך מענטשל״ — הרגעט אים אַוועק די פּרנסה, בעת אַלע קצבים מאַכן אַ לעבן „ווער גוטס גינט״...

טראָץ דער „שלעכטער״ מיינונג זייערער, וועגן טאַטן דעם פליש־פּאַרקויפער, האָבן זיי אַלע געהאַט פאַר אים דרך־ארץ, ווייל דער טאַטע איז געווען אין זיין „בראַנזשע״ פון די געציילטע, וואָס זענען נישט געווען

קיין „גראָבע יונגען", עם הארצים, געקענט זיך אין די קלײנע אותיותלעך, זיך אינטערעסירט מיטן ארץ־ישראל־פּראָבלעם, געלײענט די „הצפירה" און בכלל געװען אַ פּאָרגעשריטענער נאַציאָנאַלער ייִד — אַ משכּיל. צוליב דעם, װאָס דער טאַטע האָט אויך פאַרמאָגט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש, האָבן אים די קצבֿים געמאַכט פאַר זײער סעקרעטאַר אין זײער פּראָפעסיאָנעלן קצבֿים און קײלער־פאַרײן, װוּ ער האָט געפירט די פאַרזאַמלונגען, געשריבן פּראָטאָקאָלן, בריוו, בקשות, פאַר־נאָטיצן און פאַר־איבערזיכטן פאַר דער פּרעסע, און אַלס חובֿבֿ־ציוניק — געשענקט אַ סך צײַט דער ציוניסטישער באַװעגונג אין װאַרשע.

צוליב די אַלע „קהלישע געשעפטן", װי די מאַמע פלעגט עס אָנרופן — פלעגט דער טאַטע אפילו אין גרעסטן ערבֿ־יום־טובֿדיקן יאַריד שטײן אין יאַטקע, װי אויף איין פוס, און האַנדלען אַזוי, אַז ער זאָל װאָס גיכער קאָנען פרײַ־װערן, „אַראָפּ פון מאַרק", װי ער פלעגט זאָגן, און — גײן זיך זען מיט „מענטשן". די קונים פלעגן דעם טאַטנס אומגעדולד װי געהעריק אויסנוצן און אַראָפּרײַסן פון מקח, כאַפּן „מציאות" און בגניבֿה נאָך מיט־כאַפּן אַ מאַרכבײן, אַ שטיק פעטס אָדער פלייש, און נישט אײנמאָל אויסנוצן אויך די ענגשאַפט און נעלם־װערן דעם טאַטן פון אונטער דער האַנט, נישט האָבנדיק באַצאָלט פאַר דעם געקויפטן... נאָך מער האָט דעם טאַטנס צעטראָגנקייט אויסגענוצט דער קײלעריונג, דער העקער, װאָס פלעגט צײַטנװײז אַרבעטן בײַ אים אַלס געהילף אָדער שותּף. װיסנדיק, אַז דער טאַטע האָט אַ טבֿע נישט צו צײלן קיין געלט, נישט צו װיסן װיפל ער האָט געגעבן אָדער גענומען, און איבערצולאָזן אַ פולן שופלאָד מיט „לײזונג" אָפן און הפקר — פלעגט ער אָפּװאַרטן, דער טאַטע זאָל אויף אַ רגע זיך אַרויסכאַפּן פון יאַטקע, אָדער, װי זײַן שטײגער איז געװען: אויסציען זיך אַ מידער אויף דער פלײשבאַנק און כאַפּן אַ דרעמל, בײַ װעלכן מען האָט אומגעשטערט געקאָנט אַרויסטראָגן אפילו די יאַטקע־קלעצער...

אַזאַ איז דער טאַטע, דער קצבֿ, געװען צװישן קצבֿים, קײלעריונגען, העקער און טרײַבערער. אָבער גאָר אַן אַנדערער איז ער געװען, װען ער האָט פון זיך אַראָפּגעװאָרפן די פאַרפעצטע בגדי־חול און געלאָזט זיך אין גאַס־אַרײַן טרעפן־זיך מיט מענטשן. עס איז ממש נישט געװען צו דערקע־

נען דאַן, אַז דאָס איז, ווי מען האָט אים אין קיילערגעסל גערופן: דער קליינער שמואל.

געווען צייטן, ווען דער טאַטע פלעגט אין אַ יום־טוב אָדער אויף אַ שמחה דערשיינען אין פראַק און צילינדער אין וועלכן ער האָט אויסגע־זען ווי אַ ציוניסטישער מנהיג, וואָס פאָרט אָדער קומט פון אַ קאָנגרעס...

ווי כ׳האָב אין עלטער פון זעקס־זיבן יאָר געזען אין טאַטן דעם שטאַרקסטן טאַטן, אַזוי האָב איך מיט יאָרן שפּעטער געזען אין אים אויך דעם חשובסטן טאַטן. איבערגענומען מיט זיין חשיבות האָב איך מיך אַ דאַנק זיין ציוניזם פון וועלכן איך האָב נאָך דאַן קנאַפּ־וואָס פאַרשטאַנען. איך האָב נאָר געוווסט, אַז עפּעס טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ גרויסער זאַך, וואָס מען רופט „אידעע״ און אַז די אידעע זיינע איז: אומקערן זיך צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פאָלק אין לאַנד פון די אבות — קיין ארץ־ישראל. וועגן דער דאָזיקער שטרעבונג פלעגט ער אָפט רעדן אויך מיט אונדז, די קינדער, און די אויגן פלעגן זיך אים, בעת מעשה, צינדן און לעשן פון בענקשאַפט. צום שטאַרקסטן איז די דאָזיקע בענקשאַפט געקומען צום אויסדרוק ביים שבת־יום־טובדיקן טיש, ווען ער האָט, אָנשטאָט זמירות, געזונגען די „התקוה״, „ציון אדמתי״, „דאָרט ווו די צעדער״ און אַנדערע העברעאישע און יידישע ציון־לידער; בעתן זינגען פלעגט ער ווי אַ פאַר־ליבטער צו דער געליבטער — וואַרפן אַלע ווילע פאַרבענקטע בליקן אויף סאָקאָלאָווס און הערצלס בילדער, וואָס זענען צונויפגעפּאָרט געהאָנגען איינגערעמט אין ברוינע פיין־געשניצטע רעמען, וואָס האָבן מיט זיך פאַר־געשטעלט קרענץ פון ענגלעך טרויבן מיט בינטלעך בלעטער, אין וועלכע ס׳האָבן זיך, ווי באַהאַלטן, מגן דודס, באַצייכנטע מיט דער אויפשריפט „ציון״ און אויסער דעם: טינטערס מיט געגנדזענע פעדערס, ביי אָפענע ביכער...

עטלעכע צענדליק יאָר האָט דער טאַטע אַזוי געחלומט וועגן ציון און דעם חלום אַריינגעוועבט אין זיינע זילבער־ווייסע האָר...



שמואל פּאַפּיערניקאָוו ז״ל
(דער פּאָנוער פֿונעם דיכטער)

מיין מאַמע

אַז דער טאַטע איז געווען אַ קצב, איז די מאַמע מיינע, ווי דער שטייגער איז — געווען אַ קצבטע, ווען די קצבים, קצבטעס און סתם־ווייבער האָבן גערופן „מלכהלע די קיילערין". שוין צום נאָמען מלכהלע האָט דער טיטל „קיילערין" געקלונגען ווי אַ שפּאַס, צו וועלכן די מאַמע האָט זיך, בלית־ברירה, צוגעוווינט, כאָטש זי האָט זיך קיינמאָל נישט אַריינגעפּאַסט און נישט איינגעלעבט אין דער קצבים־וועלט. נישט אומזיסט איז דעם טאַטן אַזוי שווער אָנגעקומען צו פועלן ביי דער מאַמען, זי זאָל שטיין אין יאַטקע און נעמען געלט ביי די קונים; היטן מען זאָל די יאַטקע נישט צעטראָגן, אָפּנעמען חובות, אָדער אָננעמען באַשטעלונגען ביי די „גאָספּאָדעס" און „מאַדאַמען".

געשטאַנען איז די מאַמע אין יאַטקע, ווי אין אַן אַפּטייק: אַ ציכטיקע, אַ פּיין־פּאַרקעמטע, אין אַ שטענדיק קלאָרער ווייסער שירץ, אַרומגענומען מיט אַ לעדערנעם פּאַס אויף וועלכן ס'איז געהאָנגען אַ לעדערנע טאַרבע — אַריינצולייגן געלט, וואָס זי פלעגט שטיל ציילן און אַן געקלימפּער צונעמען.

דער מאַמעס שטילע און סאָלידע טאָן עפּעס, האָט אָבער אין יאַטקע אָפּטמאָל גורם־געווען צו קריגערייען צווישן איר מיטן טאַטן. געגומען האָט זיך עס פון דעם, וואָס דער מאַמעס רויקייט און שטילקייט האָט דעם טאַטן באַאומרויקט, געמאַכט אומזיכער מיט דער מאַמעס פעיקייט אויס־צופירן ווי געהעריק דעם אַמט אַלס קאַסירערין, און, ער פלעגט דערפאַר ביים קלאָץ, הינטערן בופעט, אַלע ווייַלע איבער די קעפּ פון די קונים — צו איר אַריבערשרייען: ביסט דאָ? נעמסט געלט? שלאָפסט? און נאָך

אַזעלכע שרייענדיקע שאלות, וואָס האָבן דער מאַמען באַליידיקט ביז טרערן. די מאַמע, וואָס איז בטבע געווען אַ זייער באַשיידענע און צוריקגע־האַלטענע, און געהאַלטן פון שווייגן, אָבער נישט פון פאַרשווייגן — האָט זיך אויך מיטן טאַטן אָפּגערעכנט ערשט דאַן ווען ער איז אַהיימגעקומען און געווען מיט איר אונטער פיר אויגן, אָדער ביי די שטומע עדות פון די קינדער.

נישט ווייניק קריגערייען פלעגט גורם־זיין אויך דער מאַמעס „פּופּן זיך", ווי דער טאַטע פלעגט אָנרופן איר מקפּיד־זיין אויף קליידן זיך ריין, באַשיידן און מיט געשמאַק, מיט וועלכן נישט יעדע פרוי, איבערהויפּט אַ קצבטע — איז באַשאָנקען. דעם טאַטנס טענה וועגן דעם, איז געווען, אַז דער מאַמעס „פּוצן זיך" רייסט די אויגן פון די קצבטעס און שכנהשע ווייבער, באַרעדערינס, וואָס טראָגן זי אַרום אין די מיילער אַלס הולטייקע און אויסברענגערין, וואָס מאַכט דעם מאַן נעבעך בדיל־הדל. דער אמת אָבער איז געווען, אַז די מאַמע פלעגט זיך זעלטן פאַרגינען צו קויפן אַ ניי קלייד, נאָר איבערגעניטשעוועט די אַלטע קליידער אַזוי, אַז אַ קלייד, וואָס איז שוין אַלט געווען צען אָדער פופצן יאָר, האָט אויף דער מאַמען אויס־געזען ווי נאָר־וואָס אַרויסגענומען פון דעם עלעגאַנטסטן דאַמען־געשעפט; דאַקעגן — האָט דער טאַטע יאָ געהאַלטן אין איין צוקויפן־זיך מלבושים, על־פּי רוב טאָקע איבערגעגאַנגענע, מחמת דער טאַטע האָט געהאַלטן פונעם כלל, אַז אַלטע לעבן איבער נייע, און בכלל ליב־געהאַט „אַנטיקן", וואָס פלעגן זיך אים שטענדיק „מאַכן" צו קויפן, און אַהיימגעברענגט אָפטמאָל אַזעלכע אומנויטיקע חפצים, וואָס האָבן ווידער גורם־געווען אַ קריג מיטן טאַטן — מצד דער מאַמען.

צום באַדויערן זענען די מחלוקות און אַרומרייסענישן צווישן טאַטע־מאַמע געווען אָפטע דערשיינונגען און צוליב פאַרשידענע סיבות, וואָס די הויפּט־סיבה איז געווען: דער מאַמעס וואָרפן יעדן דעם אמת אין פּנים־אַריין.

אַז כ'דערמאָן זיך אָן דער מאַמעס אַמאָליקע היימישע מלחמות פאַרן אמת, פאַר וועלכן זי האָט מקריב־געווען די ליבע צו זיך פון מאַן, קינדער, קרובים, פריינט און דאָס אייגענע געזונט און לעבן — טראַכט איך, אַז

מיט אַזאַ גערעכטיקייט־געפיל און קאַמף־גרייטקייט צו פּאַרטיידיקן דאָס גערעכטע, און מיט אַזאַ הילף־גרייטקייט זיך צו טיילן מיטן לעצטן ביסן, ווי די מאַמע האָט עס געקאָנט — וואָלט די מאַמע מיינע, אַנשטאָט צו זיין אַ קצבטע צווישן קצבים, קצבטעס און קיילעריונגען — געדאַרפט און געקאָנט זיין אַ נוצלעכער מיטגליד אין אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן אַרבעטער, פּראָלעטאַריער, פאַר וועלכע זי האָט אין אַלע צייטן געהאַט גרויס סימפּאַטיע.

דאָס דאָזיקע אונטערבאַוווסטזיניקע פּראָלעטאַרישע געפיל דער מאַמעס, איז געווען, ווי כ׳האָב עס שפּעטער אויסגעפונען — אַ „משפּחה־פעלער״. פון דער מאַמעס זיבן ברידער אַרבעטער, זענען שוין עטלעכע ביים וויגעלע פון יידישן „בונד״ אין פּוילן — אויסגעוואַקסן צו זייער וויכטיקע אַרבעטערטוער, וואָס האָבן זיך דערפאַר אַרומגעוואַלגערט אין צאַרישע תפיסות און אויף פאַרשיקונגען.

דאָס דאָזיקע געפיל אויף סימפּאַטיע און מיטגעפיל צום באַעוולטן און גערעכטן, האָט די מאַמע איבערגעטראָגן אויך אויף אונדז, די קינדער, און מיין ברודער יאַנקל האָט זיך דערפאַר מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג „צוקונפט״, און געוואָרן איינער פון אירע הויפּט־פירער.

ווי מיין מאַמעס ברידער, די פעטערס מיינע, אַזוי האָט אויך מיין ברודער יאַנקל באַצאָלט פאַר זיין קאָנספּיראַטיווער פּאָליטישער אַרבעט: מיט אָפטע אַרעסטן, און לסוף — מיט פאַרשיקט־ווערן קיין סיביר פונוואַנען ס׳האָט אים באַפרייט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

מיט אים, מיט יאַנקלען, איז די מאַמע מיינע, צו יענער צייט געווען שטאָלץ, ווי מיט מיר אַלס שרייבער, — מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי האָט זיך, ווי מיט קמעות, אַרומגעטראָגן מיט ציייטונג־אויסשניטן פון מיינע אָפּגעדרוקטע לידער.

פון יאַנקלען האָט דער מאַמען נאָר געערגערט, הלמאַי ער לאָזט אַזוי ווייניק הערן פון זיך, און געטרייסט זיך דערמיט, וואָס ער איז, ווי מען האָט איר איבערגעגעבן — דאָרט אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע „שישקע״.

מלכה פּאַפּיערניקאָוו ז״ל
(די מוטער פונעם דיכטער)

מיין מאַמעס געוויין

דער היים מיינער, די „אויסטערלישע שטוב“, ווי די מאַמע מיינע האָט זי גערופן — האָב איך אין מיינע בלעטלעך זכרונות, נישט איינמאָל דער־מאָנט, געשילדערט און כאַראַקטעריזירט, געשריבן וועגן איר נישט איין ליד און — עס דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז כ׳האָב נאָך וועגן איר ווייניק־וואָס געזאָגט, כאָטש אינדעראמתן וואָלט גענוג געווען, ווען כ׳וואָלט זי פשוט פאַרגליכן צו אַ שיף אָן אַ רודער; אַ שיף אָן אייביק טרענקענדיקע, אַזאַ, אַרום וועלכער אַלע אין איר, פלעגן תמיד, ווי אָן רעטונג־גאַרטלען שווימען ווי אויף ברעטער, זיך אָנכאַפּן אָן אַ שטרוי ,און זיך האַלטן אויף נסים...

די איינציקע, וועלכע האָט מער פאַרגעפילט ווי פאַרויסגעזען יעדע אָנקומענדיקע סכנה אויף דער היים־שיף, איז געווען די מאַמע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שוואַרצע־נביאות־זאָגן; געהאַלטן ווי אין איין שרייען: ראַטעוועט אייך! און אין איין אַלאַרמירן צום שיפקאַפּיטאַן, דעם טאַטן מיינעם, וואָס האָט זיך אָבער ווייניק־וואָס גערעכנט מיט דער מאַמעס וואַכזאַמקייט און אומרו; נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן איר געזונטן אינסטינקט און ריינער לאָגיק און — רויק, נאַכלעסיק און לייכטזיניק — געלאָזט די שיף זיך אָנשלאָגן אָן יעדן האַרטן פעלז, אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז געוואָרן פון איר אַ צעלעכערטע „שברה כלי“ אויף נישט־צום־פאַריכטן...

צוליבן אומאויפהערלעכן איבערלעבן אַלעמענס טראַגישע אומבאַ־האָלפנקייט און געראַנגל קעגן אונטערגאַנג — פלעגט די מאַמע מיינע, כמעט יעדע נאַכט רעדן, שרייען, וויינען און יאָמערן פון שלאָף...

ביזן היינטיקן טאָג גייט מיר נאָך דער מאַמעס נאַכט־געיאָמער;

דאָס קלאָגן און באַקלאָגן אין שלאָף — דאָס ביטערע מזל פון די קינדער, און איר אייגן טרויעריק לעבן.

ביזן היינטיקן טאָג זע איך נאָך דאָס אומהיימלעכע בילד ווי דער טאַטע כאַפּט־זיך־אויף אין מיטן נאַכט, צינדט אָן אויף גיך דעם נאַפט־לאָמפּ, גייט צו צו דער מאַמעס בעט און נעמט איר אַראָפּ די האַנט פון האַרץ — כדי זי זאָל אויפהערן וויינען פון שלאָף. און מיר, די זעקס צעשראָקענע קינדער, אויפגעזעצטע אין די בעטן — זאָלן באַרויקטע, צוריק זיך אָנוועקלייגן.

כ׳ווייס נישט ווי דער מאַמעס דערשטיקטער געיאָמער, וואָס איז פון שלאָף געקומען ווי פון „יענער וועלט״ האָט געווירקט אויף מיינע אַנדערע פיר ברידער מיט דער איינציקער שוועסטער מיינער; כ׳געדענק נאָר, אַז אינדערפרי בעת מיין אויפשטיין פון שלאָף, האָב איך אויף אַלע־מען אין שטוב געקוקט מיט אַזעלכע אויגן, וואָס מען האָט נאָר דאַמלט, ווען מען לעבט איבער עמעצנס טויט...

וועגן מיין מאַמעס געוויין האָב איך נאָך פאַרן שרייבן מיינע בלעטלעך זכרונות וועגן מיין היים — אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע ליד:

חלומט זיך מיין קראַנקער מאַמען יעדע נאַכט, דער טויט,
זי וויינט פון שלאָף, און ס׳קלאָגט איר קול, ווי ווייט און
אומבאַקאַנט,
און אַלע כאַפּן מיר זיך אויף צעשראָקענע, פון שלאָף,
און זעען: ס׳נעמט דער טאַטע איר פון האַרץ־אַראָפּ, די האַנט...

דערנאָך — ווערט שטילער ווי געוועזן, און אומהיימלעך, אַזוי
ווי נאָר־וואָס וואָלט מען פון דער שטוב אַרויסגעפירט אַ מת;
צומאָרגנס, אַז מיר שטייען אויף נישט אויסגעשלאָפענע, —
דערזעען מיר פאַר זיך דעם טאָג, ווי אונדזער העלן נס...

מיין ברודער איטשע

די דאָזיקע בלעטלעך וועגן מיין ברודער איטשע, געהערן אייגנטלעך מער צו זיין אייגענער ביאָגראַפיע, ווי צו מיין אויטאָביאָגראַפיע. איך גיב זיי אָבער דערפאַר, ווייל מיין ברודער איטשע האָט אַזוי־צו־זאָגן סימבאָ־ליזירט די טראַגישע אומבאַהאָלפנקייט פון אַלע זעקס קינדער אינדערהיים; אַן אומבאַהאָלפנקייט, וואָס איז ביי וועמען שטאַרקער, ביי וועמען שוואַכער, פון קינדוויַיז אָן מיטגעוואַקסן און אַריינגעוואַקסן אין אַלעמענס רייפע יאָרן, און ביי קיינעם נישט רייף־געמאַכט דעם כוח, צו קאָנען אין לעבן זיך שטעלן אויף אייגענע פיס... נאָר, ווי פלעגט די מאַמע מיינע זאָגן וועגן דעם: די עפּל פאַלן נישט וויַיט פונעם בוים; דעם בוים האָט זי געמיינט דעם טאַטן מיינעם, וועלכער האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן געקהלט, פאַר־זאָרגט, אָדער געוואָלט פאַרזאָרגן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, און די אייגענע היים געלאָזט ווי אַ שיף אָן אַ רודער, ריכטיקער: ווי אַ שיף אָן אַ קאַפּיטאַן...

די בלעטלעך וועגן מיין ברודער איטשע גיב איך אויך, כדי צו פאַראייביקן מיט זיי דעם אָנדענק פון זיין טראַגיש לעבן און נאָך מער טראַגישן טויט, וואָס ער האָט, ווי דער טאַטע, און ווי הונדערטער טויזנטער יידן — געפונען ביי די נאַציס, אונטער די וועגנט פון יידישן געטאָ.

געווען איז מיין ברודער איטשע דער עלטסטער פון אַלע מיינע פינף ברידער און יונגער מיט עטלעכע יאָר פון דער איינציקער שוועסטער מיינער — לאה, די עלטסטע אינדערהיים. פון מיר איז ער בסך־הכל

עלטער געווען מיט פיר יאָר, און כ׳געדענק אים דערפאַר אַזוי גוט, ווי זיך אַליין, כאָטש קיין באַזונדערס האָב איך וועגן זיינע קינדער־יאָרן נישט צו דערציילן, ווייל ער האָט זיך, חוץ אויסערלעך, מיט גאָרנישט אונטער־שיידט פון די אַנדערע פינף קינדער, וואָס האָבן ווער מער, ווער ווייניקער, פאַרמאָגט כמעט די זעלבע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער־שטריכן — געירשנטע פון טאַטע־מאַמע.

מיין אויפמערקזאַמקייט האָט מיין ברודער איטשע געצויגן אויף זיך, ווען איך בין אַלט געווען צען־עלף יאָר און ער — פערצן־פופצן. געווען איז עס דאַמאָלט, ווען ער איז געוואָרן אַ שילער אין דער פאַך־שולע ביי דער יידישער „גמינע״ אין וואַרשע, אויף סטאַווקע גאַס.

זוי דאַמאָלט — שטייט ער מיר איצטער פאַר די אויגן אין זיין שוואַרצן טוכענעם שילער־אוניפאָרם פאַר וועלכן כ׳בין אים זייער מקנא־געווען, ווייל ער האָט אים צוגעגעבן חשיבות און דערוואַקסנקייט, געמאַכט אים שלאַנקער ווי ער איז געווען, און הויך אין מיינע אויגן, הויך שוין באַלד ווי די מאַמע מיינע, כאָטש געווען איז ער אינגאַנצן ענלעך צו מיין קליין־וווּקסיקן טאַטן; געכאַפּט זיין אַנבליק; געהאַט זיינע פּראָפּאָרציאָנע־לע געזיכטשטריכן; זיינע שוואַרצע קלאָרע אויגן אונטער שוואַרצע לאַנגע ברעמען, און זיין אַרויפגעקעמטן גלאַנציק־שוואַרצן שיינעם קאָפּ האָר, וואָס ביים טאַטן זענען זיי געווען מער געקרויזט און קענדזשעראָוואַט און דערפאַר — אים צוגעגעבן וווּקס און מאַיעסטעטישקייט.

יאָרן לאַנג האָט מיין ברודער איטשע געטראָגן דעם שילער־אוניפאָרם אויף וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געלאָזט פאַלן אַ שפּרענקע־לע, און געהאַלטן אים אַזוי ריין, ווי נאָר־וואָס אָנגעטאָן צום ערשטן מאָל. דער מאַמעס פּעדאַנטישע ריינקייט זיינע, איז אויך שטאַרק קענטיק־געווען אויף זיינע שיך, מאַנקעטן, קעלנער, ביכער, העפטן און אויף אַלע אַרבעט־מכשירים, וואָס האָבן אים געדינט צו זיין פאַך־לימוד: עלעקטראָ־מאָנטער.

אין משך פון יאָרן גיין אין שולע, און אויך שוין נאָך זיין ענדיקן זי, האָב איך מיין ברודער איטשען שטענדיק געזען איינדערהיים איבער זיינע פאַך־ביכער און העפטן, אָדער: זיך עוסק־זיין מיט צייכן־פּאַפּיר,

מיט בלייערס, פעדערס, מעקערס, צירקלען, ווירעס און נאָך אַזעלכע קליניקייטן, מיט וועלכע ער האָט זיך געגרייט, ווי איך און טאַטע־מאַמע האָבן געמיינט — מרעיש־עולם־זיין מיט זיינע גרויסע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון עלעקטרעציטעט, וועגן וואָס ער פלעגט תמיד רעדן און געבן דערקלערונגען איבער די אויפטועון פון עדיסאָנען, מאַרקאָני און אַנדערע דערפינדער. בעת כ׳פלעג אים הערן רעדן וועגן זיי און זען דער־ביי זיינע נאָך מער צעפינקלטע און צעלויכטענע אויגן, איז ביי מיר געוועזן מער ווי זיכער, אַז וויפל כ׳בין אים מקנא פאַר זיין שילער־אוניפאָרם, וועל איך אים נאָך אַ סך מער מקנא־זיין פאַר זיין צוקונפט, וואָס וועט אים — פאַרשאַפן רום און כבוד, טאַטע־מאַמען — פרייד און נחת און מיר — די מעגלעכקייט זיך גרויס־צו־האַלטן מיט אים און צו באַרימען זיך מיט אים מער ווי ער אַליין וואָלט עס געוואָלט...

בכדי דער ווונטש פון דער משפחה מיינער, צו זען אין מיין ברודער איטשען אַ צווייטן עדיסאָן אָדער מאַרקאָני — האָט מיין ברודער געדאַרפט נאָך אַ סך אַרבעטן איבער זיך, נעמען פּראַקטיק. ווי ער אַליין האָט געזאָגט, האָט ער געזוכט ווו אַנצוקומען אויף פאַרפולקאָמען זיך, און זיך אָנגעשטויסן, ווי יעדעס קינד פון אַן אָרעמער היים — אָן דער ערשטער שוועריקייט: געלט אויף צו צאָלן פאַר וועלן נעמען פּראַקטיק. אַז די שוועריקייט איז סוף־כל־סוף באַזייטיקט געוואָרן, האָט נאָך זיין אָנקומען אין אַן עלעקטראָ־טעכנישער אַרבעט־ביוראָ זיך אַרויסגעוויזן, אַז טעאָרעטיש קען ער דאָס פאַך אויס־געצייכנט, נאָר פּראַקטיש — פאַרשטייט ער עס כמעט נישט. די שולד דערין איז געלעגן אין זיין פאַך־שולע, וואָס האָט פאַר דער פּראַקטישער אויסבילדונג כמעט נישט געזאָרגט. די שולד פון דער שולע, וועלכע ער האָט געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג, האָט אָבער נישט געענדערט די באַציאונג צו אים, מצד זיינע אַרבעטגעבער; אַ באַציאונג ווי צו אַן אָנ־פאַנגער, אַ לערניינגל; אַ באַציאונג, וואָס האָט אים ווי אַנטוועדט, גע־קרענקט און באַליידיקט, אים געטריבן פון איין פּאָסטן צום אַנדערן, אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו וועמען פּראַקטיצירן און — געבליבן זיצן אינדערהיים.

זיצן אינדערהיים האָט ביי מיין ברודער נישט געהייסן: זיצן מיט

פאַרלייגטע הענט, נאָר, ווי מען זאָגט עס: על התורה ועל עבודה, אָן עבודה, וואָס אָן אמת, נישט קיין פּראָדוקטיווע, אַזאַ, וואָס האָט קיין נוצן נישט געבּרענגט, נישט זיך און נישט קיינעם, נאָר פאַרקערט: געבּרענגט שאָדן, געשענדט דאָס אויסזען פון דער שטוב — מיט זיין כסדרדיק קלאַפּן און לעכערן די ווענט מיט טשוועקעס און האָקעס, און מיט פאַרציען שטריק און דראָטן אויף צו עקספּערימענטירן זיינע דערפינדונגען מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן, ווי מיט אַ גרויסן סוד.

מיט זיין פאַרוואַנדלען די שטוב אין אַן עלעקטראָטעכנישער לאַבאָראַטאָריע, האָט ער זיך אָבער אָנגעהויבן אָנשטויסן אָן טאַטע־מאַמעס קעגנערשאַפט; אַ קעגנערשאַפט, וואָס האָט אין אים אויפגעוועקט פאַרדראָס און אַ געפיל פון טאָן דוקא אויף להכעיס, און דערפאַר — גורם־געווען צו שאַרפע אויפטריטן מצד אים און טאַטע־מאַמע, און צו זיין ברוגז־ווערן און דערווייטערן זיך פון די אייגענע, אין וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו זען די שטערער אויפן וועג צו זיין קאַריערע...

אין אַזאַ שטענדיק־אָנגעצויגענער, גליאיקער היים־אַטמאָספערע, וואָס האָט צוליב אים זייער אָפט אויפגעריסן — האָט מיין ברודער איטשע, צום צער און ווייטיק פון טאַטע־מאַמע — אַ פאַרעקשנטער און פאַרביטערטער ממשיך־געווען זיינע היימישע עקספּערימענטן און פאָרשונגען, וועלכע ער האָט לײַדער נישט געקאָנט פאַרווענדן אויף פּראַקטישע צוועקן, וואָס זאָלן אים דערמעגלעכן צו ווערן זעלבשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון טאַטע־מאַמע. אַז ס'איז אים שוין פול־געוואָרן די מאָס פון די אָנצוהערעניש און רייבונגען צווישן אים און טאַטע־מאַמע, האָט ער לסוף, מיט דער הילף פון חברים — פאַרלאָזט פוילן און אַוועק קיין דייטשלאַנד אינעם אינדוסטריעלן דיסלדאָרף, פונוואַנען ער איז נאָך זיבן יאָר אַרבעטן ביי נישט זיין פאַך — צוריקגעקומען אַהיים מיט דעם זעלבן מיט וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן: מיט אַנטוישונג און פאַרביטערונג.

געענדיקט האָבן זיך מיין ברודער איטשעס גרויסע חלומות מיט דעם, וואָס ער איז אַ גראָער, ווי אונטער אַ פרי־געפאַלענעם שניי — אָנגעקומען אַרבעטן פאַר אַ הונגער־לוין — אין אַ פאַבריק פון בלעכענע פּושקעס צו קאָנסערוון...

מיינע חדר-יאָרן

כ׳געדענק נישט וויפל כ׳האָב זיי געהאַט, די חדר־יאָרן; כ׳געדענק נאָר, אַז זייער אַ סך — אויף צו קאָנען עס פיינט־האָבן דאָס גאַנצע לעבן, און זייער ווייניק — אויף צו געדענקען, וואָס מען האָט אין אים, אַזוי צו זאָגן, געלערנט...

פון חדר געדענק איך נאָר דאָס, וואָס יעדער, וועלכער האָט גע־לערנט אין אַזאַ אַמאָליק חדר — געדענקט: אַ רביק, וואָס איז מיט זיין לומדות און הנהגה, דערגאַנגען ביז לעכערלעכקייט. אַ „קאַנטשיק" אַן וועלכן דער רבי פלעגט זיך פילן ווי אָן אַ האַנט... און קונדסים, ווייסע חברהניקעס חדר־יינגלעך, וואָס האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט אויף אָפּצוטאָן דעם רביןֹ אַ „שפּיצל" און אָפּרעכענען זיך מיט אים, שוין פאַר אַלעמענס שמיץ...

אין אַזאַ „דערציאונג און בילדונגס־אַנשטאַלט" האָבן די תלמידים, פאַרשטייט זיך, געדאַנקט גאָט, וואָס עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט שבתים, ימים־טובים און חגאות, אָדער סתם אַ געלעגנהייט נישט צו גיין אַ טאָג אין חדר אַריין. ביי מיר, למשל, האָבן זיך אַזעלכע געלעגנהייטן געמאַכט זייער אָפט און אויף זייער לאַנג. ס׳פלעגט טרעפן, אַז צוליב אַ פּאָר שיכלעך אָדער הייזלעך, און אפילו צוליב אַ היטל — זאָל איך בלייבן זיצן אינדערהיים, אויף אַ סך טעג און וואָכן. די צרה איז נאָר געווען, וואָס כ׳האָב די פרייע צייט מיינע, נישט געקאָנט אויסנוצן לויט מיינע ווונטשן און באַגערן, ווייל כ׳האָב מיך געשעמט צו ווייזן זיך אינדרויסן אָן אַ היטל אָדער אָן אַרומגעריסענער אין אַ „הילוך", ווי די מאַמע פלעגט עס אָנרופן; ס׳האָט מיך זייער מצער־געווען דאָס זיצן מיינס אין שטוב, און דאָס זען

דורכן פענצטער ווי די קינדער פון מיין עלטער שפּילן זיך און — כ׳פּלעג זיי מקנא־זיין, כאָטש עס האָט מיך נישט געצויגן אַזוי צו זייערע שפּילע־רייען, ווי ס׳פלעגט מיך ציען צו וואַלד, צו טייך און פעלד און — געווען דערפאַר שטענדיק אַ „פאַרחלומטס״, אַ „פאַרטראַכטס״, צוליב וואָס די מאַמע פלעגט וועגן מיר זאָגן: אַ קינד אַ שטילס און אָן אומעטיקס...

פון מיין זיצן אין שטוב, צוליב דער בושה פאַר מיין „הילוך״, האָט די מאַמע מיינע נישט ווייניקער צער געהאַט פון מיר אַליין, און זי איז יעדן טאָג, ווען דער טאַטע מיינער איז אַהיימגעקומען פון גאַס, אַרויס קעגן אים מיט איין און דער זעלבער טענה: ס׳טייטש? ווי קאָן עס אַ טאַטע ביי זיך פועלן צו לאָזן אַ קינד זיצן אינדערהיים צוליב אַ שטיקל מלבושל?! וואָס וועט פון עס ווערן? דאָס קינד גייט דאָך ממש איין! (געמיינט האָט זי צו זאָגן: גייט אויס) און איך האָב בשעת־מעשה נישט געוווסט, צי מיינט זי, אַז כ׳גיי אויס נאָכן חדר, צי נאָכן טייך, וואַלד און פעלד... דער טאַטע ווידער, אויסהערנדיק יעדן טאָג דאָס ביסל מוסר פון דער מאַמען, האָט זיך פילנדיק שולדיק, יעדעס מאָל זיך פאַרענטפערט מיט דאגות פרנסה, און פאַרזיכערט דערביי, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן בלי נדר, נעמט ער מיך און די אַנדערע פיר קינדער, חדר־יינגלעך, און גייט מיט אונדז אויפן גוי׳אישן מאַרק „באַנייען״ אונדז. אַזאַ מאָרגן און איבער־מאָרגן פלעגט זיך ציען אַמאָל אַזוי לאַנג, ביז עס האָט שוין דער מאַמען מיינער, אַרויסגעבראָכן, ווי מען זאָגט עס, „פון די כלים״, און זי האָט אויפגעשפּילט דעם טאַטן אַזאַ „סצענע״, אַז ער איז געצוווּנגען־געוואָרן אַ כאַפּ־צו־טאָן אַלע פינף יינגלעך מיטאַמאָל, איבערגעלאָזט אין שטוב די איינציקע שוועסטער מיט דער מאַמען, געטאָן מיט כעס אַ זעץ הינטער זיך מיט דער טיר און — אַוועק מיט אונדז צום גוי׳אישן מאַרק וווּ ס׳איז נאָך זייער מיינונג, געווען ביליקער און בעסער. די אמתע „סצענע״ האָט זיך אָבער אָנגעהויבן ווען זענען מיר „באַנייטע״ צוריקגעקומען מיטן טאַטן פון מאַרק.

געשען פלעגט עס צוליב אָט וואָס:

דער טאַטע, וואָס איז בטבע געווען אַ לייכטזיניקער און אומפּראַק־טישער און זיך דווקא געהאַלטן פאַר זייער אַ פּראַקטישן מענטש — פלעגט

אונדז שטענדיק קויפן גרייטע „אָנצוגלעך" נישט נאָך אונדזער מאָס, אויף „אויסצוואַקסן" (ווי ער פּלעגט זאָגן). אַז די מאַמע האָט אונדז דערזען אין זיי, פּלעגט זי זיך ממש אָנצינדן פון ערגערניש און אַרויס אויפן טאַטן מיט אַן אמתער און געראַכטער אַטאַקע: ווי נעמט עס אַ טאַטע און שענדט דאָס פּנים פון די אייגענע קינדער?! ס'איז דאָך פּשוט אַ חרפּה מיט זיי זיך צו ווײַזן אַזוי צווישן מענטשן! זיי זעען דאָך אויס, נישט געדאַכט זאָל עס זײַן, ווי יתומים!...

די מאַמע איז געווען גערעכט: מיר האָבן אין די באַנייטע מלבוש־שימלעך פון וועלכע מיר זענען אַרויסגעפאַלן — אינדעראמתן אויסגעזען ווי יתומים אָדער קאַנטאָניסטן. אַז כ'האָב זיך דערזען אַזוי אין שפּיגל, האָב איך, געדענק איך, אויסגעבראָכן מיט געוויין: כ'וועל נישט גיין אַזוי אין חדר אַרײַן, כ'וועל נישט גיין! און — ווידער בין איך געבליבן זיצן אינדערהיים, ביז די מאַמע האָט ווידער אויפגעשפּילט דעם טאַטן אַ „סצע־נע" און דער טאַטע האָט ווידער אַ נעם־געטאָן אַמאָל מיך, אַמאָל אַ צווייטן ברודער מײַנעם, און איז מיט אונדז אַוועק צו „זײַן" שניידער — איבער־מאַכן די געקויפטע מלבושימלעך...

דער טאַטע האָט געהאַט „זײַן" שניידער, „זײַן" שוסטער, „זײַן" בעקער, נאָר קיין אייגענעם קצב האָט ער נישט געהאַט, מחמת ער איז אַליין געווען אַ קצב, געהאַנדלט הייסט עס, מיט פלייש, און אַרויסגערופן גרויס חידוש ביי קרובים און „גוטע ברידער": הלמאי, מען האָט אַזאַ פּעט מסחר און אַזאַ מאָגערע פּרנסה...

אונדזער קאַץ

אַז אַ הויז־באַשעפעניש איז אַפּ צווישן מענטשן אַזוי לאַנג ווי אונדזער קאַץ איז געווען ביי אונדז אינדערהיים — קאָן מען זי נישט דורכ־לאָזן און נישט דערמאָנען — בעת די היים איז שוין נישטאָ מער; בעת מען שרייבט שוין וועגן איר זכרונות, אין וועלכע מען דערמאנט אפילו יעדעס טויטע מעבלשטיק, וואָס איז געווען ווי אָנגעזאַפּט מיט שטיקער היימיש לעבן.

אַריינגענומען די קאַץ אין שטוב אַריין, האָב איך און מיין ברודער קיווע* — בעת מיר זענען געקומען פון חדר און געזען זי אַ ברעקלס, אַ דאַרס און אַ פּישטשענדיקס הינטער דער טיר. דער טאַטע מיינער האָט טאַקע באַלד אַ געשריי־געטאָן מיר זאָלן דאָס קעצל תיכף אַרויסוואַרפן, ווייל ער פאַרטראָגט נישט קיין קעץ, און דער עיקר: ווייל פון שפּילן זיך מיט קעץ, קריגט אַ חדר־יינגל אַ קעצישן מוח און פאַרגעסט דאָס לער־נען... נאָר די מאַמע מיינע האָט זיך פאַר אונדז אָנגענומען, געזאָגט, אַז אויפן קעצל איז נעבעך אַ גאָטס רחמנות, געגעבן עס די ערשטע קעסט: אַ טעצעלע זיסע טיי פאַרבראָקט מיט אַ שטיקל ווייסע זעמל און — איך מיט מיין ברודער קיווע האָבן מיט דער מאַמעס הילף אויסגעפירט: דאָס קעצל איז געבליבן ביי אונדז.

נישט אָפּגערעדטערהייט, האָבן מיר אַלע דאָס קעצל גערופן:

---

* אין קריג געוואָרן דעפּאָרטירט פון בעלגיע און אומגעקומען.

קיזשאַ, און קיזשאַ האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דאָס מיינט מען זי און — געקומען אויף יעדנס רוף צו לויפן; זיך צוגעוווינט צו די קליינע, אָרעמע מאַלצייטן, כאָטש פליש האָט אינדערהיים נישט געפעלט, ווייל דער טאַטע מיינער, האָט דערמיט געהאַנדלט, נאָר קיזשאַ, האָט די מאַמע געזאָגט, איז נאָך צו יונג אויף צו קאָנען פאַרדייען פליש, און מילך — האָט מען זיך אַליין נישט פאַרגונען...

דעם קעצלס אָרעמע קעסט האָבן אָבער נישט געשטערט, אַז עס זאָל זיך אין משך פון עטלעכע חדשים אַזוי צעוואַקסן, אַז ס'האָט שוין פון אַלעמענס פאַרציע פליש אָנגעהויבן צו באַקומען צוגעוואָרפן אונטערן טיש, דער טאַטע זאָל נישט זען און נישט שרייען, אַז מען מאַכט אַ תל פון „בלוט", און אַז מען דאַרף עס איבערהויפּט נישט צוגעווויִנען צו קיין פליש, ווייל עס וועט שפּעטער נישט וועלן כאַפּן קיין מייז...

די מאַמע האָט פונדעסטוועגן אויסגעקעמפט ביים טאַטן אַ ביסל „טרייבערעכץ" פאַר דער קאַץ, און זי פלעגט עס יעדן אינדערפרי אַליין ברענגען פון יאַטקע אָדער מיטנעמען די קאַץ אין יאַטקע אַריין; נאָך אַזאַ מאַלצייט האָט זיך די קאַץ זייער לאַנג באַלעקט. זיך געוואַשן ווי צו אַ חתונה, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פלושענער סאָפע, ווי כלומרשט אויף צו כאַפּן אַ דרעמל, און אײַנגעדרייטערהייט ווי אַ בייגל — געשלאָפן אַזוי לאַנג, ביז עמעץ האָט אַ רוף־געטאָן: קיזשאַ! אָדער דער טאַטע מיינער האָט אַ געשריי־געטאָן: אַפּשיק! און — זי אַראָפּגעיאָגט.

פון אַלע אונדזערע שטוביקע האָט די קאַץ מורא־געהאַט נאָר פאַרן טאַטן מיינעם. דער טאַטע האָט סתם פיינט געהאַט קעץ און געהאַלטן, אַז אַ קאַץ איז אַ „ריינע קרענק", און זי דערפאַר גערודפט ביי יעדער געלעגנ־הייט; דאַקעגן איז די קאַץ מיט אַלעמען, איבערהויפּט מיט אונדז די קינדער — געווען זייער היימיש, ממש אַ „שמעלקע" מיט יעדן: זיך געהויקערט און געריבן אָן יעדנס פיס, דערקענט אונדזערע טריט אויף די טרעפּ און זיך געשטעלט אונדז אָפּוואַרטן ביי דער טיר; שטיפעריש אַרויפגעשפרונגען אויף אונדז, געשטעלט זיך אונדז ווי אַ פּאַפּוגיי אויפן אַקסל; בעתן עסן — זיך צוגעזעצט צו יעדן, געמאָנט און געוואַרט מען זאָל איר אויך עפּעס געבן און, מען האָט איר געגעבן, ווייל זי האָט זיך

עס כשר פאַרדינט, שוין בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געכאַפּט פון די טעפּ און שיסלען, נישט גענומען אַליין — ווען מען לייגט אפילו אַנידער גאָלד...

וואָס שייך מייז — איז דער טאַטע געווען גערעכט: די קאַץ האָט קיין מייז נישט געגעסן; געכאַפּט אַ מויז, איז עס געווען בלויז אויף צו שפּילן זיך מיט איר: געכאַפּט און אָפּגעלאָזט, ווידער געכאַפּט און ווידער אָפּגעלאָזט כדי זי ווידער צו כאַפּן, אַזוי לאַנג, ביז ס'איז איר נמאס־געוואָרן די שפּיל פון קאַץ און מויז און — זי געלאָזט אינגאַנצן נעלם־ווערן.

פונדעסטוועגן, איז אויף אונדזער קאַץ, די מפונקת, געווען אַ בעלנ־טע, אונדזערע אַ שכנה, און אַן דעם וויסן פון דער מאַמע מיינער, און פון אונדז, די קינדער — זי אַריינגענומען צו זיך אויף אַ גאַנצער נאַכט, כדי זי זאָל ביי איר אויסכאַפּן די מייז פון שטוב; און נישט נאָר, וואָס די קאַץ האָט איר קיין איינציקע מויז נישט געכאַפּט, נאָך זי, די שכנה אונדזערע האָט דערפאַר געכאַפּט אַ פּסק פון דער מאַמען — הלמאי זי האָט זיך עס דערלויבט אויף אַזאַ זאַך...

געשען איז עס אין איינער פון יענע נעכט ווען די קאַץ האָט אָנגעהויבן פול־מאַכן די שטוב מיט קעצישער ליבע־מיאָוקעריי, און דער טאַטע מיינער, איז געווען געצווונגען זי אַרויסצושטעלן הינטער דער טיר. נאָך איינער אַזאַ נאַכט איז זי אויף עטלעכע טעג פאַרשוווּנדן־געוואָרן פונ־דערהיים; אַז זי האָט זיך צוריק אומגעקערט אַן איינגעפאַלענע, אַן אויס־געמאָגערטע און פאַרקויטיקטע, ווי פון אַ ווייטן, שווערן וועג — האָבן מיר זי אַלע נישט פריינטלעך אויפגענומען, נישט צוגעלאָזט נאָענט צו זיך, זי געיאָגט און געטריבן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך גוט אַרומגעוואַשן און געוואָרן אַזוי ריין ווי געווען.

ווער ווייסט צו וואָס פאַראַ עלטער אונדזער קאַץ וואָלט נאָך דער־לעבט ביי אונדז אין נחת און אין כבוד — ווען עס וואָלט זיך איר מיט איינמאָל נישט פאַרגלוסט קיין „פייגעלעך אין בוזים״.

קיין שום זאַך האָט דער קאַץ אונדזערער אַזוי נישט אַרויסגע־ברענגט „פון די כלים״, ווי אַ פייגעלע. דערזען אַ פייגעלע אויף דער ראַם פונעם פענצטער, אָדער אַריינפליען אין שטוב — האָט זי זיך פאַרוואַנדלט

אין אַ קליין טיגערל, וואָס האָט זיך כסדר געצילט דערויף, געהאַלטן עס אין איין יאָגן, אונטערשפּרינגענדיק אַזוי הויך וויפל עס האָט נאָר געקאָנט — כדי צו כאַפּן עס אינדערלופטן.

איינמאָל, אין אַ זומערדיקן טאָג, ווען די קאַץ האָט פאַר ווילטאָג נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, און אַקראָבאַטיש אַרומשפּאַצירט אויפן שמאָלן אייזערנעם אָנלען פון באַלקאָן, איז איר אַ פייגעלע נידעריק אָנגעפלויגן איבערן קאָפּ, און די קאַץ האָט זיך פאַרגעסן, געוואָלט עס כאַפּן מיט די צוויי פאָדערשטע פּיסלעך, ווי זי פלעגט כאַפּן אַ צוגעוואָרפן פאַפּירן קיילעכל, און איז, פאַרלירנדיק די קעצישע גלייכגעוויכט — אַראָפּ פונעם דריטן שטאָק אויף די האַרטע שטיינער פון גאַס, און גאָרנישט מעשה קאַץ, וואָס בלייבט על־פּי־רוב שטיין אויף אַלע פיר — איז זי געבליבן ליגן אַ צעמזיקטע...

די ערשטע, וואָס איז אַראָפּ איר געבן הילף איז געווען — די מאַמע מיינע. די מאַמע האָט זי אונטער אַ פריילעך געלעכטער פון די שכנהשע ווייבער — איינגעוויקלט אין אַ ווייס טוך, און אַוועקגעטראָגן צום וועטערינאַרן דאָקטאָר. ס'האָט זיך שוין אָבער נישט איינגעגעבן זי צוריקצושטעלן אויף אַלע פיר...

צוליב א קריי...

ווי כ׳האָב שוין באַמערקט אין מיינע פריערדיקע בלעטלעך זכרונות — בין איך קליינערהייט נישט געווען פון די קונדסים „ווייסע־חברהני־קעס״, „שדים״ און „רוחות״, וואָס קערן איבער וועלטן, מאַכן שאָדוינעס און טוען־אָן צרות — פרעמדע און אייגענע טאַטע־מאַמע. וואָס שייך שלאָגן זיך, האָב איך עס אי פיינט־געהאַט, אי נישט געקאָנט, און כ׳פלעג דערפאַר קיינמאָל נישט אָנטיילנעמען אין אַ מלחמה מיט די „פלישתים״ אָדער אין אַן אַנדער געשלעג, פון וועלכן קליינוואַרג קומט דאָס רוב אַהיים מיט צעקרעלטע נעזלעך און מיט צעריסענע הייזלעך.

פון מיין קינדהייט געדענק איך נאָר איין געשלעג פון וועלכן כ׳האָב זיך נישט אָפּגעזאָגט, נאָר געראָן אַליין זיך אַריינגעוואָרפן אין אים, כדי צו פאַרטיידיקן מיין כבוד.

אַלט געווען בין איך דאַמאָלט ניין אָדער צען יאָר. אין דעם זעלבן עלטער איז געווען אויך מיין פאַרטנער, דער אָנגר־ייפער מיינער — אַ יינגל פון איין הויף מיט מיר. צעשלאָגן האָבן מיר זיך צוליב אָט־וואָס:

אין זעלבן הויף ווו מיר האָבן געוווינט, האָט אַ געמויערטער פאַרקן אָפּגעטיילט נאָך אַ הויף פון אַ צווייטער גאַס, וואָס איז באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען וואָלאָווא, אָדער ווי די יידן האָבן זי גערופן: די וואָלוווקע. אַז מ׳איז געשטאַנען אונטן אין אונדזער הויף האָט מען פון יענער זייט פאַרקן נישט געזען מער ווי אַ געדיכטן קאָפּ פון אַ גרויסן קאַשטאַנבוים און אַ פּאָר גרינע שפּיצן פון קלענערע ביימלעך, וואָס האָבן זיך ווי אַרויפּ־געדראַפּעט, כדי אַריבערצוקוקן צו אונדז... אין די פאַרטאָגן האָט מען פון יענער זייט פאַרקן געהערט אַ לעבעדיק געקריי פון הענער, וואָס

זענען געווען די וועקזייגערס פאַר אונדזער הויף, און פאַר מיר — מער ווי פאַר אַלע. געהאַט האָב איך דאָס גליק אי צו ווינען אויף אַן אויבערשטן שטאָק, אי צו שלאָפן ביים פענצטער, דורך וועלכן כ׳האָב געזען דעם גאַנצן אַנטקעגנאיבערדיקן הויף מיט שאַר־ירקות, מיט אַ באַנק אונטער אַ בוים, און אַ נידעריק הילצערן פלויטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס היימישע גערטל פון אַ הייזקעלע אַרום וועלכן ס׳האָבן אַרומשפּאַצירט עופות, אַרומגעלאָפן אַ קוויטשיק חזירל און, אַרומגעקוליעט אַ לאָמער גוי — דער באַלעבאָס.

די אַלע פּרטים זענען בלויז אַן אילוסטראַציע פון דער אומגעבונג אין וועלכער ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט די סצענע פון מיין ערשטן פאַרביסענעם קאַמף מיט מיין חבר כאַצקעלע, וואָס האָט גענומען קאָנקורירן מיט מיר אין נאָכמאַכן דאָס קרייען פון אַ האָן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי:

איינמאָל האָב איך באַשלאָסן אויפצושטיין פריער פאַר די הענער, כדי צו דערוויסן זיך צי קרייען טאַקע אַלע הענער אויס מיט איין מאָל, אָדער איין האָן וועקט אויף דעם אַנדערן... כ׳בין אינדערשטיל אַראָפּ פון בעט און צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער אָפּוואַרטן דעם ערשטן קריי. צוליב דעם אָבער, וואָס איך בין אויפגעשטאַנען ווען גאָט אַליין איז נאָך געשלאָפן, האָב איך זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן און האָב פון אומגעדולד, אומגעריכט פאַר מיר אַליין — אַ הילכיקן קריי־געטאָן אין שלאָפנדיקן הויף אַריין... צו מיין גרויסער פרייד און איבעראַשונג, האָט אויף מיין קריי זיך באַלד אָפּגערופן אַ האָן פונעם צווייטן הויף, און נאָך אים — אַ צווייטער און אַ דריטער, און ס׳איז געוואָרן אַ געקריי, גאַרנישט ווי אין האַלבער נאַכט...

נאָך אַזאַ דערפאָלג, האָב איך אָנגעהויבן קרייען אויף וואָס די וועלט שטייט: ביי טאָג און ביי נאַכט און ווען און ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב באַלד געקראָגן נישט ווייניק קאָנקורענטן, און דער הויף איז אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ שטייג פון הענער און הענדלעך, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געקרייעט אינדערצייט...

דער שטאַרקסטער קאָנקורענט מיינער איז אָבער געווען מיין חבר כאַצקעלע, וועלכער האָט געכאַפּט דעם „שניט" און דאָס קרייען מיינס נאָכגעמאַכט אַזוי גוט, אַז ער האָט שוין אפילו געפונען צווישן חברה קליינוואַרג מבינים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ער קרייעט שוין בעסער פון מיר, און פאַרשאַפט מיר דערמיט גרויס ערגערונג און בייז בלוט. פון טאָג־צו־טאָג האָב איך געפילט, אַז דער שטערן מיינער אַלס קרייער — לעשט זיך, פאַלט און וועקט אין מיר אויף אַ שנאה צו מיין קאָנקורענט, וואָס האָט שוין אפילו געקאָנט, ווי איך, אָפּנאַרן נישט בלויז די שכנים פון אונדזער הויף, נאָר טאַקע די הענער אַליין. פון טאָג־צו־טאָג איז די קנאה און שנאה צו אים געוואַקסן אין מיר און געזוכט אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אָן אים, ביז — מיין חבר כאַצקעלע האָט מיך סוף כל־סוף אַליין פּראָוואָצירט צו אַ ביטער געשלעג פאַר מיין כבוד...

איינמאָל, בעת כ'בין אַראָפּגעקומען אין הויף אַראָפּ, איז מיר אַנט־קעגנגעקומען מיין חבר כאַצקעלע, און אַרויספאָדערנדיק — געטאָן מיר אַ קריי גלייך אין פּנים אַריין; פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אים נישט שול־דיק געבליבן און דערלאַנגט אים צוריק אַ קריי אויף וועלכן ער האָט מיר געענטפערט שטאַרקער, און איך אים — נאָך שטאַרקער, און ס'האָט זיך צעפלאַקערט צווישן אונדז אַ קריי־געפּעכט, וואָס איז געקומען פון צוויי פּאַריסענע העלדזלעך מיט אָנגעצויגענע אָדערלעך צום פּלאַצן... אַז מיר זענען ביידע געוואָרן מיד, אָפּגעשטאַנען, און דאָך נישט געוואָלט אָפּטרעטן מיט גאָרנישט — האָבן מיר, פאַרביסענע, זיך אַ וואָרף־געטאָן, ווי צוויי יונגע הענדלעך איינער אויפן אַנדערן, פאַרפאָרן זיך מיט די נעגל אין די צע־פלאַמטע פּנימער און געריסן איינער דעם אַנדערן די האָר פון קאָפּ. איין גאָט ווייס, מיט וואָס אַזאַ קאַמף וואָלט זיך געענדיקט — ווען מען וואָלט אונדז נישט פונאַנדערגעריסן צעדראַפּעטע ביז בלוט, און ברוגזע — אויף לאַנגע, לאַנגע טעג...

עד היום, וועקט־אויף אין מיר אַ געקריי פון הענער — די זיסטע, צאַרטסטע דערינערונגען אָן די קינדער־יאָרן, און דערמאָנט מיך אָן דעם דאָזיקן עפּיזאָד, און אָן מיין האַרציקסטן יוגנט־חבר כאַצקעלע, וואָס איז, ווי איך, געוואָרן אַ יידישער שרייבער, וועמענס נאָמען ס'איז יחזקאל קאָרענ־הענדלער.

האלצסקלאדעס

ווי עס איז שוין באַקאַנט פון מיינע פריערדיקע בלעטלעך זכרונות בין איך שוין קליינערהייט געווען אַן אַנטי־מיליטאַריסט און — אויסגע־מיטן ,מלחמות״ מיט די „פלישתים״ אָדער סתם געשלעגן צווישן יינגלעך; כ׳בין אויך נישט געשפרונגען ווי זיי, איבער פלויטן, נישט געקלעטערט אויףביימער און נישט באַטייליקט זיך אין נאָך אַזעלכע „אונטערנעמונגען״ — נישט דערפאַר, ווייל כ׳בין נישט געווען צו דעם איבעריק פלינק און „ספריטנע״, נאָר דערפאַר, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט צו ריזיקירן מיט מיינע הויזן...

ס׳וואָלט אָבער געווען נישט ריכטיק צו מיינען, אַז כ׳האָב קליינער־הייט איבערהויפט נישט געפונען פאַר זיך אַ וועלכע־ס׳איז „באַשעפטיקונג״ און צייט־פאַרטרייב אויף פאַרשפילט־צו־ווערן גלייך מיט אַלע יינגלעך פון מיין עלטער.

דער רבונו של עולם, זעט אויס, פאַרלאָזט נישט אויך די קינדער פון גאַס און ברוק, און ער זאָרגט שוין, אַז יעדעס קינד אינדרויסן זאָל געפינען אַ „תכלית״ און זיין פאַרנומען אויף לאַנגע שעהן — כדי צו פאַרגעסן דעם הונגער...

אויך מיר האָט גאָט צוגעשיקט אַ קוואַל פאַר קינדישן אינטערעס און פאַרגעניגן פאַר וועלכן כ׳האָב איינמאָל באַצאָלט נישט נאָר מיט דער גאַנצקייט פון מיינס אַ פּאָר הויזן, נאָר מיט דער גאַנצער הויט פון מיינס אַ פּוס...

אַ האַלבע ניזקע, וואָס גערופן האָט מען עס „דאָס טויטע געסל״. דאָס געסל ווו איך האָב דורכגעפּאָקט און דורכגעמאָזלט מיין קינדהייט און פריע יוגנט — איז פון איין זייט נישט געווען פאַרבויט מיט הייזער, נאָר אַרומגענומען מיט אַ הויכן וויס־געקאַלכטן הילצערנעם פּאַרקן, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום ראָג פון איינער פון די לענגסטע געדיכט־באַוווינטע יידישע גאַסן פון געוועזענעם יידיש־וואַרשע — די דזשיקע; הינטערן דאָזיקן לאַנגן פּאַרקן האָבן זיך געפונען אַ גאַנצע ריי האַלצסקלאַדעס אין וועלכע עס פלעגן אַריין און אַרויספאָרן הויך־געלאָדענע פלאַטפאָרמעס מיט קלעצער און ברעטער, וואָס געשלעפּט האָבן זיי צוויי איינגעשפּאַנטע הויכע געזונטע פערד.

איינמאָל, בעת אין געסל האָט זיך באַוויזן אַזאַ באַלאָדענע פלאַטפאָר־מע און ס׳האָט זיך פון הינטן געזען אַרויסגערוקט אַ ברייט שטיק ברעט, וואָס האָט זיך ממש „געבעטן״ מען זאָל זיך אַרויפכאַפּן און זיך אַרויפזעצן אויף אים, האָב איך, גאַרנישט ווי מיין טבע איז געווען, נישט געלאָזט זיך לאַנג בעטן, און איידער וואָס און ווען — בין איך הינטער די פליצעס פונעם פורמאַן — ברייטלעך אַריינגעפאָרן אין אַ האַלצסקלאַד. צו מיין פאַרוווּנדערונג און פרייד האָבן מיך די אַרבעטער און אויפזעער פונעם האַלצסקלאַד נישט דורכגעטריבן; ווי זיי האָבן מיר נישט געשטערט דאָס אַריינפאָרן — האָט זיי אויך נישט געאַרט מיין אַרומדרייען זיך און מיין באַטראַכטן אין אים דאָס אַלץ, וואָס מיר איז אין אים געווען פרעמד און אומבאַקאַנט, און געוועקט מיין נייגער.

באַקענענדיק זיך מיט דער ניי־אַנטדעקטער שטילער „וועלט״ ווו כ׳האָב מיט איינמאָל געפונען אַזוי פיל „געהיימע״ ווינקעלעך מיט ווייכע בערגלעך אָפּגעפּאַלענע קאָרע, שפּענער, זעגעכץ און מיט ריחות פון וואַלד און זשיוויצע, וואָס האָט ווי האָניק קלעפּיק נאָך געטריפט פון די פריש־צעזעגטע און צעשניטענע ברעטער, — האָב איך זייער אָפט אָנגעהויבן זיך אַריינצוגנבענען אין די האַלצסקלאַדעס און אינדערשטיל, מיט נאָך עטלעכע יינגלעך — פאַרברענגט אין זיי שעהען־לאַנג אין באַהעלטעניש און אין קלעטערן אויף די געשטאַפּלטע ברעטער, וואָס זענען סאָרטירטע לויטן מין האָלץ און לויט דער לענג און דיק — געווען צעשטעלט ווי

זוענט אונטער שיפע שוואַרץ־געדעקטע הילצערנע דעכלעך, וואָס זומער, זענען ז״י געווען באַזעצט מיט טשאַטעס טויבן, און ווינטער — באַלייגט מיט שניי.

ווען/ווילנדיק איינמאָל אַרויפקריגן־זיך אויף אַזאַ דעכל, כדי פון אויבן־אַראָפּ צו באַטראַכטן מיין ניי־אַנטדעקטן גן־עדן, האָב איך זייענדיק שוין גאַנץ נאָענט צום ציל — געטאָן זיך אַ גליטש אויס אויף אַ גלאַט געהיב־ליעוועט ברעט, און אַ פוס מיינער איז אומגליקלעך אַריין צווישן די ענגע סטיוועס ברעטער, אַזוי, אַז כ׳האָב אים ביי קיין אופן נישט געקאָנט אַרויס־ציען; אויף מיין אויפגעהויבענעם געוואַלד, האָבן די אָנגעלאָפענע מענטשן פונעם האָלצסקלאַד געמוזט צעוואַרפן צוויי אַזעלכע הויכע ווענט פון ברעטער — כדי צו באַפרייען מיין פוס, וואָס האָט נאָכן אַרויסקריגן אים, אויסגעזען ווי מען וואָלט פון אים אָפּגעשונדן די גאַנצע הויט...

געווען איז עס, דאַכט זיך, דאָס איינציקע מאָל, וואָס כ׳בין אהיים־געקומען פון גאַס מיט „געוואַלד־ריסן״ אין די הויזן און מיט אַ צעבלו־טיקטן אָפּגעשונדענעם פוס, וואָס האָט אָפּגעקילט טאַטע־מאַמעס כעס אויף מיר, פאַר מיינע הויזן...

דאס טויטע געסל

די גאַס, דאָס געסל אָדער געסעלע ווו מען איז געבוירן און דער־צויגן־געוואָרן און פאַרשפּילט־געוועזן פאַר דער שוועל פון טאַטע־מאַמעס הויז — די גאַס, דאָס געסל אָדער געסעלע איז אַ טייל פון דער היים, אַן וועלכער מען דערמאָנט זיך אַמאָל מיט ליבע, מיט בענקשאַפט און באַדויער — אפילו ווען די קינדהייט און די יוגנט אין איר, איז נישט געווען קיין געקעכלטע און געוויקלטע אין סאַמעט און אין זייד...

גערופן האָט מען עס דאָס טויטע געסל. כאָטש געהייסן האָט עס: ניזקע, און געווען איז עס נישט קיין געסל פאַר זיך, נאָר אַ טייל פון אַ לאַנגער, שמאָלער גאַס, וואָס איז ווי אַ סך פאַרשטאָט און נאָכשטאָט־גאַסן — געלעגן ווי אַ צעהאַקטע שלאַנג, וועמענס קאָפּ ס׳האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן גראָען געמויערטן פאַרקן פון וואַרשעווער יידישן בית־הקברות...

עד היום ווייס איך נישט פאַרוואָס מען האָט דאָס געסל גערופן „דאָס טויטע געסל״, בעת אינדעראמתן איז עס דווקא געווען אַ געסל אַ לעבעדיקס און אַ רייכס מיט פריילעכע און טרויעריקע געשעענישן, וואָס וואָלטן געגוג געווען פאַר אַ גאַנץ שטעטל...

צום רייכסטן איז דאָס געסל געווען, ווי יעדע אָרעמע גאַס — מיט קינדער. נישט ווייניק איז עס אָבער אויך געבענטשט געווען מיט משוגעים, וואָס האָבן דעם קליינוואַרג געגעבן וואָס צו טאָן: נאָכלויפן נאָך זיי; באַוואַרפן זיי מיט שטיקער פוילע עפּל; ווערן פון זיי געיאָגט, און כאַפּן פון זיי משוגענע קלעפּ...

ווי אין אַ סך שפּילערייען און ווילדע שטיק פון „ווייסע חברה״, האָב איך זיך אויך נישט באַטייליקט אין קיין גערעג נאָך משוגעים, כאָטש אינגאַנצן גלייכגילטיק און פּאַסיוו צו זיי בין איך אויך נישט געווען, פאַר־קערט: מיין אינטערעס פאַר אַ משוגענעם איז געווען אַ סך גרעסער ווי ביי די וואָס זענען נאָך זיי נאָכגעלאָפן און מיט ווילדע קולות געיאָגט זיי, געטריבן, להבדיל ווי הינט. איך, למשל, האָב נאָך אַ משוגענעם געקאָנט נאָכגיין אַ סך גאַסן כדי צו באַקענען זיך בלויז מיט אַלץ וואָס ער טוט און צו הערן, וואָס און ווי אַזוי ער רעדט. צוליב די זעלבע טעמים פלעג איך אויך שעהען לאַנג אָפּשטיין און אַריינקוקן אין אַ פענצטער פון משו־געים־הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויף באַניפראַטערסקע.

נישט נאָך יעדן משוגענעם אָדער משוגענער האָב איך אָבער געוואָגט נאָכצוגיין, למשל, נאָכן שוחטס טאָכטער רחל־לאה די משוגענע, וואָס האָט געוווינט אַ טיר אַנטקעגן אַ טיר פון מיין היים, בין איך נישט נאָכגעגאַנגען און אפילו מורא־געהאַט אויף איר אַ קוק־צו־טאָן. דאַקעגן, בין איך גאַנץ נאָענט צוגעגאַנגען און אפילו גערעדט צו דער משוגענער פּאַניעטשקאַ די „אינטעליגענטקע״ פון צווייטן שכנותדיקן הויף; כ׳האָב שוין דאַמאָלט געפילט, אַז פּאַניטשקאַ די „אינטעליגענטקע״ מיט די שטויסן ביכער אונטער די אָרעמס, איז אַ בעסערער מענטש און שטייט העכער פון רחל־לאהן דעם פּיפּלאַקס (בופל־אָקס), וואָס פלעגט אָנוואַרפן אַ פחד אויף אַלע קינדער און אפילו אויף דערוואַקסענע.

כ׳האָב נישט בדעה און ס׳איז אויך נישט מיין כוונה אויפצולעבן און צו באַשרייבן אַלע טיפּן משוגעים פון מיין געבוירן־גאַסל. פאַרנעמען זיך מיט זיי איז אַן ענין פאַר אַ פּסיכיאַטאַר, אַ לאָמבראָזאָ; אויסער דעם וואָלט איך הערמיט ווייט אַרויס פון די ראַמען פון בלעטלעך זכרונות. נישט דערמאָנען זיי אינגאַנצן קאָן איך אָבער אויך נישט, ווייל ווען איך דערמאָן זיך מיין געסל, זע איך זיי צוזאַמען מיט די שווינדזוכט־קראַנקע און כל המינים בעלי־מומים — אין פאָדערגרונט פון דער יידישער אָרעמ־קייט, וואָס האָט, ווי אין אַ סך יידישע גאַסן, געסלעך און געסעלעך — באַוווינט „דאָס טויטע געסל״.

רחל־לאה די משוגענע

קליינערהייט, אַלס חדר־ייִנגל, האָב איך געמיינט, אַז אונדזער טייל ניזקע גאַס האָט מען גערופן „דאָס טויטע געסל", נאָר דערפֿאַר, ווייל אין אים האָט געוווינט רחל־לאה די משוגענע. עס איז געגנוג־געווען, אַז עמע־צער זאָל אַ געשריי־טאָן : רחל־לאה גייט! — ס'זאָל ווערן אַ ווילדע בהלה, קודם־כל צווישן קליינוואַרג, וואָס זענען זיך צעלאָפֿן ווי איבערגעשראָקענע פֿייגל, דערנאָך — צווישן די ווייבער, וואָס האָבן פֿאַר איר מורא־געהאַט נישט ווייניקער פֿון די קינדער וועמען זיי האָבן אַריינגעכאַפּט אין די שטובן און פֿאַרהאַקט הינטער זיך טיר און לאָדן, אַזוי, אַז דאָס געסל פֿלעגט מיט איינמאָל, אפֿילו אין אַ מיטן העלן טאָג, ווי אָפּשטאַרבן פֿאַר פּחד.

מער פֿון אַלעמען האָט אין אונדזער געסל געליטן פֿון רחל־לאהן אונדזער הויז, און מער פֿון אַלעמען אין אונדזער הויז — די מאַמע מיינע און מיר, די קינדער — מחמת רחל־לאה האָט געוווינט אין שכנות מיט אונדז אַ טיר אַנטקעגן אַ טיר, און זייענדיק זיכער, אַז דער טאַטע מיינער איז נישט אינדערהיים, אַן עפֿן־געטאָן די טיר און אומגעריכט אויסגעע־וואַקסן אויף דער שוועל — אַ צעשויבערטע, אַ צעיוירענע און אַ שלאַבריי־קע, מיט צוויי שווערע, נאַכגעלאָזטע הענט און באַרוועסע „סטאַמפּאַליעס" און מיט צוויי קעלבערנע אויגן פֿון וועלכע עס איז שווער־געווען צו וויסן אויף וועמען זיי קוקן און וועמען זיי מיינען...

צוליב רחל־לאהס אויגן, האָט מען זעלטן־ווען אויסגעמיטן צו פֿילן דעם טעם פֿון אירע הענט... על־פּי־רוב האָט זי געזוכט אַ קרבן אַ שוואַכן, אַן אומבאַהאָלפֿענעם, און זי פֿלעגט זיך דערפֿאַר וואַרפֿן אויף קינדער, ווי אַ טכויער אויף הינער. געפּאַקט אַ קינד, האָט זי דאָס קינדישע קעפּל

מיטן פּנים אַראָפּ — אַריינגענומען פעסט צווישן אירע קלאַצעוואַטע פיס, און מיט די פויסטן געבויקערט און געפויקט אין דער קינדישער פּלייצע אַזוי לאַנג, ביז דאָס קינד פלעגט זיך פאַרקייכן און ווערן ברוין און בלאָ פון ווייטיק. די זעלבע חיהשע הנאה האָט זי געהאַט ווען איר פלעגט זיך איינגעבן צו פאַרפּאַרן מיט די גראָבע אויפגעבלאָזענע פינגער אין אַ ווייבערשן קאָפּ האָר און זיי רייסן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט דערפילט, אַז זי האָט שוין גאַנצע קלומבעס צווישן זיי...

אַז די מאַמע מיינע האָט רחל־לאהן דערזען אויף דער שוועל פון שטוב, פלעגט זי פאַר שרעק פאַרלירן, ממש, דאָס לשון; אַ גליק איז נאָך געווען, וואָס זי האָט נישט פאַרלוירן דעם זכרון און געדענקט, אַז רחל־לאה האָט מורא אימת־מות, נאָר פאַר צוויי מענטשן: פאַר מיין טאַטן, דעם קצב, און פאַר איר טאַטן, דעם שוחט — פלעגט די מאַמע מיינע אַ געשריי־טאָן: מיין מאַן גייט! אָדער: דיין טאַטע גייט! און — רחל־לאה האָט זיך אַ צעשראָקענע, מיט אויפגעריסענע גלעזערנע אויגן און מיט אַן אָפּגעוואָרן סלינעדיק מויל, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר, געטאָן אַן אומגעלומפּערטן אָקסענעם שפּרונג און — נישט געוואָרן.

נישט געקוקט אויף דער מורא, וואָס רחל־לאה האָט געהאַט פאַר מיין און פאַר איר טאַטן, האָבן מיר, די קינדער, און אויך די מאַמע מיינע — נישט איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אירע הענט... זי האָט, וואָס אַן אמת, נאָך יעדן איבערפאַל אירן, געכאַפּט פון מיין טאַטן מוראדיקע קלעפּ, און איר טאַטע, דער שוחט, פלעגט זי אַ צעקאַטעוועטע צובינדן אויף אַ טאָג־צוויי צום בעט און זי נישט אַרויסגעלאָזט, ס׳האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. ווייל דער זכרון האָט איר נישט געדינט, און ס׳משוגעת און חיהשן אינסטינקט אירן, האָט מען מיט קיין פעטש און לעדערנע רימענס נישט געקאָנט אַרויסשלאָגן — האָט דאָס געסל געליטן פון איר און אַזוי לאַנג געבעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל זי אָוועקנעמען פון דער וועלט, ביז עס האָט זיך דערבעטן:

געשען איז עס אין איינעם אַ ווינטערדיקן טאָג. רחל־לאה האָט ווי אַלע מאָל געבויקערט קינדער; געריסן ווייבער ביי די האָר; געאַרבעט

ווילדע מעשים און געלאָפן דערנאָך אויפן וואַרשעווער בית־הקברות אויס־באַהאַלטן זיך פאַר איר טאַטן...

איינמאָל, נאָך דעם ווי זי האָט שיעור דערהרגעט אַ קינד אויף טויט און אַנטלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בית־הקברות, איז דער טאַטע אירער, דער שוחט, אַוועק נאָך איר, זי אויפגעזוכט צווישן די קברים, און פאַר דער קודלע האָר, זי אַהיימגעפירט, ווי אַ צעווילדעוועטן אָקס. אינ־דערהיים האָט ער זי ווידער געבונדן, געגעבן שלעק, רחל־לאה האָט גע־וואַלדעוועט, גערעוועט ווי מען וואָלט זי געשאָכטן, און עטלעכע טעג זיך געריסן, ווי אַ געפאַנגענע הינטער פאַרשלאָסענע טירן. אויפן פערטן אָדער פינפטן טאָג, אַז מען האָט רחל־לאהן פאַרלייכטערט דעם שטוב־אַרעסט, זי אָפּגעבונדן און געלאָזט איינע אַליין אַ פאַרשלאָסענע, האָט זי, אויס־נוצנדיק די געלעגנהייט, וואָס קיינער איז גראָד נישט געווען אַרום איר — אויפגעריסן דאָס מיט אייז־באַשלאָגענע פענצטער און — אַרויס...

איך בין גראָד אָנגעקומען פון חדר אַהיים. אַז איך בין צוגעקומען צום ראָג פון מיין געסל, האָב איך דערזען אַ שוואַרץ געלויף פון מענטשן און זיך געחידושט, וואָס אַלע שטעלן זיך אָפּ פאַרן הויז פון מיין היים. אַז כ׳בין צוגעקומען נעענטער, האָב איך קודם־כל באַמערקט און נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען קוקט אַזוי אַרויף צום אָפענעם פענצטער ביים שוחט אויפן דריטן שטאָק. אַז כ׳האָב זיך אַ נייגעריקער דורכגעשטופּט צווישן די פיס פונעם אָנגעלאָפענעם עולם, האָב איך דערזען ליגן איינגע־פרעסט אין טיפן שניי אויפן ברוק — אַ פאַרבלוטיקטע מאַסע, וואָס איז ענלעך־געווען צו רחל־לאהן...

אַז מען האָט זי אַ טויטע אויפגעהויבן, זי געטראָגן אַרויף אין שטוב און נאָכגעזאָגט „ברוך דיין אמת” און „געלויבט צו גאָט” — איז אויף דעם אָרט וווּ רחל־לאה איז געלעגן — געבליבן אין טיפן שניי אַ רויטע פאָרעם פון אַ מענטש...

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאַמאָלט געזען אַ דערהרגעטן, אַ מת און אַ טויט אויף וועלכן מען האָט געבעטן...

מאירל

צוויי שרעק־געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך מיר פון דער פריסטער ב״ז דער שפּעטער יוגנט איינגעקריצט אין זכרון, זענען געווען: רחל־לאה די משוגענע, וואָס איז אַרויס דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק און געהרגעט־געוואָרן, און איר ברודער מאירל דער „סוכאָטניק״. די שרעק פאַר רחל־לאהן איז ביי מיר געווען אַ געאַנטע, מען קאָן זאָגן: אַ פיזישע, אַזאַ וואָס זאָגט דיר אונטער צו שטיין כסדר אויפדערוואַך און צו היטן זיך נישט צו שטיין נאָענט צום אָרט, וואָס דראָט מיט געפאַר — ווי דאָס איז געווען, דאָס שטיין נאָענט פון רחל־לאהן — מיט דער אומזיכערקייט, נישט צו קריגן פון איר אן אומגעריכטן טאַראַבענץ אָדער פּלעם אונטער די אויגן, אַז מען זאָל זיך בעת מעשה זען מיט דער עלטער־באָבען.

דאַקעגן, איז מיין שרעק פאַר מאירלען דעם „סוכאָטניק״ געווען אַן אומקלאָרע, אַ מטושטושע, אַ שרעק, וואָס האָט זיך גענומען נישט אַזוי פון זיין שרעקלעך אויסזען, וואָס האָט דערמאָנט אַ מענטש פון יענער וועלט — ווי פון דעם, וואָס די מאַמעס פון אונדזער הויף האָבן אָנגעזאָגט די קינדער און מיר בתוכם — נישט צוצוגיין נאָענט צו מאירלען, ווייל ער קאָן אונדז אָנשטעקן...

מיט וואָס מאירל קאָן אונדז אָנשטעקן, האָב איך רעכט נישט געוווּסט, נאָר, אַז די דערוואַקסענע האָבן געזאָגט: נישט צוגיין — פלעג איך שטיין פונדערווייטנס און קוקן אויף אים ווי ער זיצט תמיד אויף די טרעפּ פאַר דער טיר פון זיין וווינונג, אָדער איינדרויסן אויף אַ בענקל פאַרן הויז; תמיד אין זיין שוואַרצער, לאַנגער טוכענער קאַפּאָטע ביז איבער די כאָלעווקעלעך פון זיינע שטיוועלעך, און אפילו אין וואַרעמע ערב־פּסחדיקע

טעג — אין אַ וואַרעמען וואָלענעם שאַל אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז, וואָס איז געווען ביי אים לאַנג און דאַר און ווי קוים געהאַלטן אויף זיך דעם קאָפּ מיטן אויסגעצויגענעם חלבענעם פּנים, פון וועלכן עס האָבן ווי אויס־געלאָשענע קנויטן — געשוואַרצט צוויי גרויסע אויגן אונטער אַ טיפן למדנישן שטערן.

לויטן אויסזען איז מאירל אַלט געווען אַכצן־ניינצן יאָר, כאָטש געווען איז ער נאָך אַ בר־מצווה יינגל, וואָס וואָלט געדאַרפט און אפשר נאָך געוואָלט זיך אַ שפּיל־טאָן מיט אַלע יינגלעך אינדרויסן — ווען נישט די קרענק זיינע, וואָס האָט אויף אים אַרויפגעצויגן אַלטקייט, ווי דער טאַטע זיינער, דער שוחט, וואָלט אים אָנגעטאָן זיינע איבערגעגאַנגענע מלבושים.

מאירל האָט זיך נישט נאָר נישט געשפּילט זיך מיט די יינגלעך פון זיין עלטער, נאָר זעלטן אפילו גערעדט צו זיי, און מיר איז אויסער זיין כסדרדיק אונטערהוסטלען — זעלטן אויסגעקומען צו הערן די שטים זיינע. בלויז איינמאָל האָב איך דייטלעך געהערט דעם קלאַנג פון זיין שטים:

געווען איז עס אין אַ לינדן, טרוקענעם ערבֿ־פּסחדיקן טאָג. דאָס „טויטע געסל״, וואָס האָט זיך אונטער די גלעטן פון די ערשטע וואַרעמע ווינטלעך, ווי געוועקט צום לעבן — איז פול געווען מיט ליאַרעם און הילך פון צעשפּילטע קינדער, ווי מיט געצוויטשער פון מחנות פייגל. אינדרויסן איז אויך געזעסן מאירל; געזעסן ווי מען וואָלט אים אָוועקגעזעצט אַ ווינ־טערדיקן, אַן איינגעטוליעטן אין זיין טוכענער קאַפּאָטע, מיט אַן אויפגע־שטעלטן קאָלנער, און אַ געוויקלטן אין דער וואָלענער שאַל — זיך וואַרע־מען אויף דער זון. מאירל האָט מיט זיינע גרויסע רעדערדיקע אויגן גע־קוקט אין איין פּונקט ערגעץ ווייט פון זיך און ווייט פון אַלץ און אַלעמען, און כ׳בין געווען זיכער, אַז ער זעט מיך נישט אַן אָנגעשפּאַרטן אָן אַ לאַמ־טער, און באַמערקט נישט ווי איך נעם די גאַנצע צייט נישט אַראָפּ פון אים די אויגן...

— וואָס שטייסטו און קוקסט אויף מיר? דו קענסט מיך נישט? — האָט זיך מאירל פּלוצלינג אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מיר און געפרעגט מיט תערומות. פון מאירלס אומגעריכטן פרעג, האָב איך זיך פאַרלוירן

און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, נאָר מאירל אַליין האָט מיך אַרויס־גענומען פון פאַרלעגנהייט און מיט אַ נאָכגעלאָזטן טאָן אין וועלכן עס איז געלעגן די רעזיגנאַציע פון אַ דערוואַקסענעם מענטש, וואָס איז משלים מיטן גורל — אַ זאָג־געטאָן מער צו זיך ווי צו מיר: גיי, גיי, שטיי נישט, טאָרסט נישט צוגיין צו מיר, דו ווייסט דאָך!...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי כ׳האָב דייטלעך און קלאָר געהערט דעם קלאַנג פון מאירלס ווייכער, סאַמעטענער שטים...

געווען איז עס מאירלס לעצטער פּסח.

צוזאַמען מיטן זומער איז ער אויסגעגאַנגען ערב סוכות, נאָר איך האָב אים נאָך געזען אַ סך צייט שפּעטער; געזען אים נישט בייטאָג, נאָר ביינאַכט אויף טרעפּ און שוועלן, אינדערפינצטער...

וויצעק

נישט לאַנג נאָכן אומגליקפאַל מיט רחל־לאהן דער משוגענער, וואָס האָט דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק געוואָלט אַרויס אין גאַס און דער־הרגעט געוואָרן — איז אין אונדזער הויף געשען אַ צווייטער אומגליק, וואָס האָט זיך אויך געענדיקט מיט טויט, וועלכער האָט אָבער, נישט ווי ביי רחל־לאהן — אַרויסגערופן אמתן טרויער, קודם־כל ביי חברה קליינ־וואַרג פון „טויטן געסל", איבערהויפּט ביי די קינדער פון אונדזער הויף.

געשען איז דאָס אומגליק מיט דער קריסטלעכער וועשנס זונדל וויצעק — דער איינציקער נישט־יידישער חבר מיינער, אין די קינדער־יאָרן.

געווען איז וויצעק עלטער פון מיר מיט פיר־פינף יאָר; דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט זיך צו חברן מיט מיר, ווי ער האָט זיך בכלל געחברט מיט אַלע יידישע קינדער, און ווי ס'האָבן זיך מיט אים געחברט יידישע ייִנגלעך עלטערע אויך פון אים.

די סיבה פון אַריינגעמען וויצעקן אין דער יידישער חברה קליינ־וואַרג און אים אָפּגעבן דעם אויבן־אָן, איז געלעגן דעריין, וואָס וויצעק איז געווען אַ „מזיק", אַ „ממזר", אַ „שד", אַ „רוח", וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ יידישן קאָפּ, אַ „זשידאָווסקע קעפּעלע" — ווי זיין מאַמע פלעגט אויף אים זאָגן, בעת זי פלעגט זען ווי וויצעק מאַכט נאָך מיט אַלע פּיטשעווקעס, הויות און תנועות: ווי אַ ייד דאַוונט, לייגט תפילין, קושט די מזוזה, און נאָך אַזעלכע יידישע זאַכן, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט, אַ דאַנק זיין האָדעווען זיך פון קינדוויז אָן צווישן בלויז יידן. פאַרשטייט זיך, אַז גערעדט האָט וויצעק מער יידיש ווי פּויליש, און וואָלט מען, למשל, בעת

זיין רעדן יידיש, נישט געזען זיין דורכגעזיפּט פּנים מיט לעכער פון זיינע אַמאָליקע שוואַרצע פּאָקן — וואָלט מען אסור נישט געגלויבט, אַז דאָס רעדט וויצעק דער וועשנס, דער וויצעק, וואָס ליגט זומער־צייט גאַנצע טעג אויפן דאַך נעבן זיין מאַמעס בוידעמשטיבל ווו ער האָדעוועט טויבן און יאָגט זיי מיט אַ לאַנגער „שטשינע" צו וועלכער עס איז צוגעבונדן אַ ווייסע שמאַטקע.

וויצעקס חשיבות און אָנזען ביי די יידישע קינדער, האָט זיך אָבער גענומען נישט נאָר פאַר זיין גוט נאָכמאַכן אַ ייד, און אויך נישט פאַר זיין רעדן יידיש ווי אַ „וואַסער"; דאָס חשיבות ביי זיי האָט ער געוווּנען צוליב זיינע „גאָלדענע הענט", וואָס האָבן געקאָנט אַלץ, וואָס די אויגן האָבן נאָר געזען. איבערהויפּט האָט ער זיך דערוואָרבן אָנזען פאַר זיין אויסאַרבעטן און צושטעלן די יידישע יינגלעך אַלץ, וואָס אַ יידיש קינד דאַרף האָבן אויף יידישע ימים־טובים; אַ שטייגער: אויף חנוכה — חנוכה־לעמפּלעך פון האָלץ און פון בלעך, און חנוכה־דריידלעך מיט יידישע אותיות לויטן אַלף־בית; ל"ג בעומר — פייל־און־בויגנס אויף גיין מלחמה־האַלטן מיט די פּלישתּים; אויף שמחת־תורה — פענער, אויסגעשניטענע מיט טירע־לעך און מיט אַן ארון־קודש, און אויסגעמאָלט מיט לייבן, פייגל און „וויזל־טירן", צווישן וועלכע ס'האָבן בלויז געפעלט משה מיט אהרנען... צום בעסטן און צום פריילעכסטן האָט זיך אָבער וויצעק געפילט פּורים־צייט, ווען ער איז געווען באַוואָרפן מיט באַשטעלונגען אויף גרעגערס און שווערדן מיט קאַסקעס פאַר פּורים־שפּילער, און ער, וויצעק אַליין, האָט זיך אויך פאַרשטעלט, געגאַנגען איבער די יידישע הייזער, געזונגען „אַ גוטן פּורים מלך, ווו איך גיי פאַל איך" און — פאַרדינט שטיקער געלט...

געהאַנדלט מיט וויצעקן האָבן נישט נאָר די קינדער — אויך די טאַטעס פון די קינדער. זיי האָט וויצעק באַזאָרגט מיט גרינס אויף שבו־עות; מיט סכך אויף סוכות, און מיט זאַמד אויף אַריינצושטעלן די יום־כפּור־ליכט; חוץ דעם, פלעגט ער נאָך אָפטמאָל פאַרלויפן דעם וועג, דעם סטרוזש, דעם שטענדיקן שבת־גוי און, אויסלעשן אין אַ יידישער שטוב דעם לאָמפּ פרייטיק־צו־נאַכטס נאָכן עסן; צי שבת אין אַ ווינטערדיקן טאָג

— איינהייצן ביי ווען מען דעם אויוון. פאַר אַזעלכע אַרבעטן פלעגט מען וויצעקן אָפּקויפן מיט אַ שטיק פיש, אַ האַלבע חלה, אַ מצה, צי מיט איבערבלייבעכץ פון אַ שבתדיק אָדער יום־טובדיק עסן, וואָס ער פלעגט אַרויפטראָגן צו דער מאַמען זיינער, דער אלמנה אויפן בוידעמשטיבל.

ביי די יידישע קינדער, חדר־יינגלעך, „ווייסע חברהניקעס", האָט אָבער וויצעק געהאַט דעם גרעסטן אָנזען און אָנערקענונג פאַר זיינע קונץ־שטיק, אין וועלכע קיין איינער פון די יידישע קונדסים און מזיקים, האָט נישט געהאַט זיינס גלייכן. ווער האָט אַזוי געקאָנט, ווי וויצעק, גיין אויף די הענט; שטיין אויפן קאָפּ; גרייכן מיטן פוס צום מויל; מאַכן פון זיך אַ בריק אויף וועלכער ער האָט געהייסן זיך אַרויפשטעלן; צי שפּרינ־גען ווי אַ זשאַבע, אַז מען זאָל דערפון צעזעצט־ווערן פון געלעכטער?!...

דער עיקר איז טאַקע געווען — וויצעקס שפּרינגען: געשפּרונגען אויף שטאָלצן; געשפּרונגען פון אַ האַלבן שטאָק טרעפּ; אַראָפּגעשרונגען פון אַן איין־שטאָקיקער געביידע און געבליבן שטיין ווי קיינמאָל גאָר־נישט, און די גרעסטע אַטראַקציע זיינע: געשפּרונגען פון איין דאַך אויפן אַנדערן, איבער אַ שטח פון עטלעכע מעטער. בכדי צו זען אַזאַ אַטראַקציע, האָט מען זיך באַדאַרפט מטריח־זיין אַזש אויפן בוידעם־אַרויף, קאַרגע פיר שטאָק, און דורך די בוידעם־פענצטערלעך ווי דורך לעכער, — זיך צוקוקן און באַוווּנדערן וויצעקס קעצישע פלינקייט און איינשטעלעניש. נאָר איינע, דאַכט זיך, וויצעקס מאַמע, האָט אָנשטאָט צו קלייבן פון אים התפּעלות און צו באַוווּנדערן זיין „שוואַרצע גבורה" — אים געוואָרנט, פאָרויסגעזאָגט זיין שוואַרצן סוף, און — כך־הוה:

איינמאָל, בעת אַזאַ שפּרונג־אַטראַקציע אויף וועלכער איך בין געווען איינער פון די קליינע צושויער און באַוווּנדערער, האָט וויצעק געטאָן אַן אומגליקלעכן שפּרונג, נישט דערגרייכט דעם דאַך פונעם צווייטן הויז און — אַראָפּ אויפן שטיינערנעם ברוק פון הויף...

נאָך וויצעקס „פּאָגזשעב" זענען אויסער זיין מאַמע די וועשן, און נאָך אַ פּאָר גויים און גויקעס — נאָכגעגאַנגען כמעט בלויז יידן, דאָס רוב — יידיש קליינוואַרג פון „טויטן געסל".

כ'ווייס נישט אויב נאָך עמעץ, וואָס האָט, ווי איך, קליינערהייט זיך

געשפּילט מיט וויצעקן, זיך געחברט מיט אים און געשעפּט פון אים התפּעלות — דערמאנט אים אַמאָל. אין מיין דערינערונג לעבט וויצעק און פאַרנעמט נישט קיין קלענער אָרט פון מיינע יידישע חברים פון דער קינדהייט, און ס׳וואָלט געווען פון מיר אַ בפירושע עוולה כ׳זאָל אים נישט דערמאָנען אין מיינע אויטאָביאָגראַפישע בלעטלעך זכרונות, און נישט אונטערשטרייכן, אַז נאָכן אָפּלעבן אַ העלפט פון מיין לעבן אין פוילן — קאָן איך נישט אָנווייזן אויף נאָך אַ נישט־יידישן חבר מיינעם — אויסער, אויף וויצעקן פון די קינדער־יאָרן.

בלעטלעך וועגן טויט

האָבן מיך די טרויעריקע געשעענישן מיט רחל־לאהן דער משוגע־נער מיט איר ברודער מאירל „דער סוכאָטניק", און מיט וויצעקן דעם שפרינגער — אַרויפגעפירט אויף דער טעמע: טויט — וועל איך שוין פאַר איינוועגס „אָפּפאַרטיקן" זיך אויך מיט אים, און אים אויך וויַדמענען אַ פּאָר בלעטלעך פון מיין לעבן...

כידוע, האָבן אַלע קינדער, אָן אויסנאַם, מורא פאַרן טויט, וועלכן זיי באַנעמען נישט און פאַרשטייען נישט מיטן קינדישן שכל, ווי זיי פאַר־שטייען נישט דאָס לעבן, וואָס זיי לעבן.

אויך איך האָב קליינערהייט מורא־געהאַט פאַר דאָס, וואָס מען רופט: טויט, און פאַר זיין ביינאַכט אַליין אינדערפינצטער, ווו דער טויט האָט אַ טבע זיך צו באַווייזן אָן אַרומגעהילטער אין אַ ווייס ליילעך, אָדער אַ נאַקעטער, אַ הוילער מיט גאָלע ביינער דיר אַנטקעגן־צו־קומען מיט אַ קאָסע אין האַנט, אָדער זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ שד, אַ „נישט גוטער", אַ „פּיפּערנאָטער" און אַ „וואָלקולאַקל", וכדומה אַזעלכע באַשעפענישן מיט וועלכע מען פלעגט די קינדער איבערשרעקן אויף טויט, כדי זיי זאָלן נישט גיין אַליין, ווו טאַטע־מאַמע הייסן נישט.

פונדעסטוועגן, האָב איך, געדענק איך, נישט אַזוי מורא־געהאַט פאַרן טויט, ווי פאַר די שוואַרצע „עגלות" און נישט אַזוי פאַר די שוואַרצע „עגלות", ווי פאַר די בעלי־עגלות, די יידן, וואָס דער רוב פון זיי האָט געהאַט רויטלעכע קופערנע בערד, און רויטלעכע כעסיקע אויגן, און גע־

ווען זענען זיי אָנגעטאָן אין לאַנגע, שוואַרצע כאַלאַטן ביז צו די קנאָפּלען פון די אויסגעשמירטע שטיוול מיט דזשעגעכץ; געטראָגן שוואַרצע טוכע־נע ספּאָדיקעס מיט גלאַנציקע לעדערנע דאַשקעס; געזעסן זענען זיי אויף די „קאָזשלעס" פון די „עגלות", אין איין האַנט די לייצעס, אין דער צווייטער — די בייטש, און געפּירט יעדעס מת גליך אין גיהנום־אַריין ווו זיי זענען געווען די שמייסער...

אַז אַן „עגלה" פלעגט פאַרפאָרן צו אַ הויז, און ס'פלעגט פון אים אַראָפּגייז אַזאַ ייד, און ווי אַ חשובער שטרענגער מחותן זיך דורכשטופּן דורכן עולם מלוים, און דורכטראָגן אַ טהרה־ברעט, ווי אַ זאַלצברעט צו אַ נגידישער חתונה, אָדער, אַרויסטראָגן אונטערן אָרעם אַ טויט קינד אין אַ שוואַרץ קעסטל, ווי אַ קלעזמער, להבדיל, אַ פידל אין אַ פוטליאַר — פלעג איך ציטערן אימת־מות, גרייט־געווען זיך צו באַהאַלטן אפילו אונ־טער די פאַרטוכער פון אַ הייפטל קרויט — ווען ס'וואָלט נישט געזיגט מיין נייגעריקייט צו זען אַלץ, וואָס ווערט פאַרקומען אַרום דער לויה.

אַז דער בייזער ייד מיט דער קופּערנער באָרד און גליאיקע אויגן איז נישט געקומען אויך נאָך מיר — האָב איך זיך איבערצייגט ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך צוריק אַרויפגעזעצט און פאַרנומען זיין שוואַרצן אויבן־אָן, ווידער גענומען די לייצעס מיט דער בייטש, געטאָן אַ נוקע צו די צוויי שוואַרץ־פאַרשלייערטע פערד און געריהרט פון אָרט. רויק בין איך אָבער אַלץ נישט געבליבן, ווייל ווי האָט מען געקאָנט זיין רויק בעת עס זענען נאָכגעגאַנגען אַזוי פיל וויינער און קלאָגער, איבערהויפּט, קלאָגערינס, וואָס האָבן, ווי דער שטייגער איז „געשנייצט נעז, געמאַכט ווי שלום־עליכם זאָגט: פּיסקעס, אַז מען האָט באַדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן — נישט אויסצושיסן מיט אַ געלעכטער, נאָר גיי לאַך, ווען מען פירט אַ מת, און די יללות גייען ביזן זיבעטן הימל! — האָב איך זיך גאָר צע־וויינט, אָבער, מער פון שרעק, ווי פון מיטגעפיל צו די, וועמען ס'אומגליק האָט געטראָפן.

דער איינציקער וועמען דאָס גאַנצע געיאָמער אונטער די פלייצעס איז אָנגעגאַנגען ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, איז געווען ער, דער „מלאך־המות", דער בעל־עגלה אין וועמען ס'איז געווען, ווי מיר האָט זיך גע־

דאַכט, — אָפּהענגיק דאָס לעבן פון אַ מענטש; רויק און שטייף איז ער זיך געזעסן מיט אַנגעצויגענע לייצעס און געצוימט די פערד, זיי איינגע־האַלטן, אַז די לויה זאָל זיך, ווי אויף צו להכעיס אַלעמען, — וואָס לאַנג־זאַמער ציען און שלעפּן, כדי וואָס מער אָנצוטרינקען זיך מיטן ים פון טרערן; און זענען די יללות אים נמאס־געוואָרן, האָט ער זיך גאָר צעפּאַ־כעט מיט דער בייטש, און ווי אויף צו להכעיס אַלעמען — געטיילט די פערד שמיץ, כדי זיי זאָלן לויפן, און די מלוים — נאָכלויפן און בעטן זיך ביי אים ווי ביי אַ גזלן: ר׳ ייד, נישט אַזוי גיך, געדענקט אין איין גאָט! און אַז דאָס בעטן האָט נישט געהאָלפן, האָט מען געלאָזט פאַלן האַרבע ווערטער: וואָס איז דאָס איילעניש אויף אייך, וואָס? איר ווערט פאַרשפּע־טיקן אַ יאריד?! גאָר קיין ידיש האַרץ נישט! ס׳איז דאָך אַ בזיון־המת. איר ווערט דאָך אים צעלעכצן מיט אַזאַ פּאַרעכץ! נאָר גיי רעד צום גלאַנ־ציקן דאַשיק פון אַ ייד, וואָס פירט אַריבער מתים אויפן עולם־האמת, און האָט אויף אַלעמענס טענות איין ענטפער: דער טאָג שטייט נישט, און אייער מת איז ביי מיר קיין בן־יחיד נישט...

נישט אומזיסט וואָלט איך נאָך היינט נישט איינגעטוישט איין פּראָסטן באַלעגאָלע־יונג, וואָס שטעלט אונטער אַ פליצע אַרויסצושלעפּן פערד און וואָגן פון אַ בלאָטע — אויף הונדערט און אויף טויזנט באַלע־גאָלעס, וואָס געהערן צו „חברה־קדישה״.

די באבע מיטן שבת-אויבסט

ווי דערדריקנדיק שווער עס זענען געפאַלן אויף מיין קינדיש געמיט די באַזוכן פון דער באָבע מיינער, דער מאַמעס מאַמע — אַזוי לייכט און וואַרעם פלעגן מיר זיין די באַזוכן פון דער באָבע מיינער, דעם טאַטנס מאַמע, וואָס פלעגט אונדז, די זעקס אייניקלעך אירע, ברענגען יעדן שבת פאַרנאַכט שבת־אויבסט איינגעוויקלט און פאַרקניפּט אין אַ ווייס אָדער קאָלירט טיכל, צוגעדעקט מיטן עק פון איר דינעם געפּרעגזלטן טערקישן שאַל — אין זומער, און מיטן עק פון איר וואַרעמער וואָלענער דערע — אין ווינטער.

באַשטאַנען איז אַזאַ שבת־אויבסט פון אַ פּאָר פאַרלעגענע עפּעלעך מיט באַרנעלעך, און פון אַ פּאָר פייגן מיט אַ ביסל ארץ־ישראל־ניסלעך אָדער „באַניקערן", וואָס איינטיילן פלעגט זי עס אונדז, לויט אונדזער עלטער, און מיר, די אייניקלעך אירע — פלעגן דערנאָך טוישן זיך איינער מיטן צווייטן...

אויב ביי טאַטע־מאַמע איז דער עונג־שבת געווען דאָס צולייגן זיך נאָכן עסן, דאָס רוען און דאָס גיין דערנאָך צו עמעצן צו גאַסט — איז מיין עונג־שבת געווען דער באָבעס קומען און ברענגען שבת־אויבסט, אָן וועלכן כ'האָב געהאַט אַ צעשטערטן שבת.

נישט ווי דער באָבען, דער מאַמעס מאַמע — פלעגן מיר, די קינדער, דער באָבען מיטן שבת־אויבסט אַ קוש־טאָן אין האַנט בעת איר קומען, אַ קוש־טאָן אין האַנט בעת איר אַוועקגיין און בכלל זיך באַצויגן צו איר מיט דרך־ארץ, ווי צו אַ רייכער באָבען, כאָטש אינדעראמתן האָט זי זיך קוים מפרנס־געווען פון האַנדלען טאַקע מיט אויבסט, אויפן וואַר־

שעווער מוראַנאָווער מאַרק, ווו זי האָט נאָך לאַנגע יאָרן שלעפּן אַליין די שווערע קוישן — פאַראיבעריקט אַן אַסטמע. דאָס גליק אירס איז געווען, וואָס זי איז בטבע געווען אַ קרעפּקע, יאָדערדיקע יידענע, וואָס גיט זיך אַזוי לייכט נישט אונטער אַ קרענק, און זי איז ביז עטלעכע טעג פאַרן טויט — נישט אַראָפּ פון מאַרק...

בעת ביידע באָבעס מיינע, האָבן זיך גראָד צונויפגעטראָפן אַ שבת ביי מיר אינדערהיים, און כ'האָב ווי אַלע מאָל, געדאַרפט אַ קוש־טאָן דער „רייכער" באָבען — האָב איך זיך צופעליק אָנגעטראָפן מיט די טרויער־ריקע בליקן פון מיין אָרעמער באָבען און — בשום אופן נישט געקאָנט צוגיין אַ קוש־טאָן דער צווייטער באָבען אין האַנט, און דאָס ערשטע מאָל דאָן — געבראָכן אַן אַלט־אָנגענומענעם מנהג, וואָס איינגעפירט האָט אים דער טאַטע מיינער.

פון דער באָבעס פּריוואַט־לעבן האָב איך נאָר געוווסט, אַז זי איז שוין לאַנגע יאָרן אַן אלמנה, און אַז אין דער קיך ביי איר, וואָס זי האָט ביי עמעצן אָפּגעדונגען פאַר אַ וווינונג, האָט זי שטיין אַ גרויסן, מיט בלעך־באַשלאָגענעם קופערט, וואָס זי עפנט נישט אויף פאַר אַ זייטיק אויג...

איינמאָל נאָר האָב איך צופעליק געהאַט דאָס גליק צו זען דער באָבעס קופערט אָפן: די באָבע איז געשטאַנען איבער אים איבערגעבויגן ווען איך בין גראָד אָנגעקומען מיט עפּעס אַ שליחות. אויף דער באָבעס שניי־ווייס הויך־געבעט בעט אויף וועלכן ס'האָט זיך געטורעמט אַ טורעם פון קישנס און קישעלעך, איז געלעגן: דער באָבעס חופּה־קלייד, אַ פּעקל תכריכים, אַן אַטלאַסענע שוואַרצע זשופּיצע, אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה, אַ סאַמעטן אויסגעהאַפּטן תפילין־זעקל, אַן אויסגעשטריקטער מצה־טאַש, ליילעכער, ציכלעך און צווישן דעם אַלעם: אַ זילבערנער בעכער, בראָשעס, קאָלעס, קייטעלעך, און נאָך אַזעלכע קליינע און גרויסע חפצים, וואָס די באָבע האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעהיטן פאַר אַן עין־הרע, און פלעגט זיי אַרויסנעמען בלויז אויף איבערפּוצן, אויף איבערלופטערן און איבער־שיטן מיט נאַפטאַלין...

אַ האַלבע שעה פאַרן טויט, האָט די באָבע נאָך מיט אַלעמען גע־רעדט, געווען נאָך ביים קלאָרן שכל, און געשיקט דעם צווייטן זון אירן —

רופן דעם טאַטן מיינעם, מיט וועמען זי האָט זיך געוואָלט געזעגענען און עפּעס איבערגעבן בסוד.

צוליב דעם, וואָס דער טאַטע מיינער איז בעתן רופן אים גראָד נישט געווען אינדערהיים און פאַרשפּעטיקט זיך געזעגענען מיט איר — האָט די באָבע, דעם סוד אירן מיטגענומען מיט זיך אין קבר...

דער טויט פון מיין מאַמעס מאַמע

דאָס אמתע פּנים פונעם מלאך־המות האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען פונדערנאָענט, ווען כ׳בין אַלט־געווען דרייצן־פערצן יאָר. געווען איז עס דאַמאָלט, ווען דער מלאך־המות איז געקומען נאָך דער באָבען מיינער, דער מאַמעס מאַמע, וואָס האָט זיך אַ דאַרע, אַ קוואַרע געראַנגלט מיט איב קנאַפּע אַכט און פערציק שעה — ביז ער איז זי בייגעקומען...

ביי די קרובים און נאָענטע פון דער משפחה, האָט דער באָבעס אַכט און פערציק שעהדיקער קאַמף מיטן טויט, אַרויסגערופן גרויס חידוש, ווי פון אַ באַוויזענער גבורה פון אַ מענטש, וואָס איז שוין מיט אַ סך יאָרן פאַרן טויט געווען בלויז אַ שאָטן פון אַ מענטש, אַ „צעבראָכענער שאַרבן״, נישט אַזוי פון אַלטקייט, ווי פון נויט, פון דערהאַלטן די נשמה אירע מיטן ביסל געקעכץ און מיטן שטיקל ברויט, וואָס די מאַמע מיינע פלעגט איר בגנבה, דער טאַטע מיינער זאָל נישט זען — יעדן טאָג מיטגעבן אַהיים.

ווען די באָבע איז שוין אַ מעת־לעת געלעגן באַוווסטלאָז און שוין קיינעם נישט דערקענט, האָט די מאַמע מיינע, וואָס איז גראָד געלעגן קראַנק און נישט געוווסט פון דער באָבעס געציילטע שעהן — מיר געגעבן אַוועקצוטראָגן איר אַ טעפּל געקעכץ, און מיר אָנגעזאָגט צוריקצוברענגען דאָס ליידיקע טעפּל...

געווען איז עס אין אַ האַרבסטיקן נאָכמיטאָג. די באָבע האָט געוווינט אויף סטאַווקי גאַס, ווו די אָרעמקייט האָט מיט דער ברייטער האַנט געקני־ניגט פון די בוידעמשטיבער ביז אין די קעלערשטובן, וואָס האָבן דאָס רוב פאַרמאָגט בשותפותדיקע קאָרידאָרן, ווו ס׳איז אין העלסטן טאָג גע־לעגן די פינצטערניש פונדערנאָכט, און ווו אויף צו געפינען אַ טיר־

האָט מען ווי אַ בלינדער געדאַרפט טאַפּן די ווענט און היטן זיך נישט אַריבערצופאַלן איבער עפּעס אַ כלי מיט אומריינקייט...

ווען כ׳האָב מיט דער מאַמעס שליחות דערטאַפּט די טיר פון דער באָבעס צימער און זי געעפנט, האָב איך אין דער טונקלקייט פון צימער נישט געזען מער ווי קאָנטורן פון צוויי בעטן, און איבער איין בעט — צוויי שאָטנקעפּ: אַ קאָפּ דעם בעט צוקאָפּנס, און אַ קאָפּ — דעם בעט צופוסנס. בעתן פאַרמאַכן די טיר האָב איך צו מיין גרויס שטוינען געהערט פון צוקאָפּנס דעם בעט, אַ שווער מענעריש כליפּען; כ׳האָב געמאַכט אַ טראָט צום אָרט פונוואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן דאָס כליפּען, זיך גוט איינגעקוקט, און דערזען דעם פעטער מאירן מיטן פנים אויסגעדרייט צו דער וואַנט און מיט אַ האַנט איבער די אויגן...

פון פעטער מאירס וויינען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס נישט גוטס האָט געטראָפן, נאָר נישט ווײסנדיק אויף קלאָר, וואָס — האָב איך גענומען צוגיין צו דער באָבעס בעט; כ׳האָב נאָך אָבער נישט באַוויזן אַרויסצוזאָגן: גוט אָוונט, באָבע — איז פון צופוסנס דעם בעט, ווי אַרויס־געשפּרונגען דער צווייטער שאָטן, און פלינק אַרויסנעמענדיק פון מיינע הענט דאָס טעפּל, אַ זאָג־געטאָן: די באָבע וועט שוין מער נישט עסן!...

געווען איז דער צווייטער שאָטן — דער יונגסטער פעטער מיינער, פון מייך מאַמעס זעקס ברידער, דער באָבעס מוזיניק: קיווע דער חסר־דעה. ווי פלינק ער האָט פון מיינע הענט אַרויסגענומען דאָס טעפּל, אַזוי פלינק האָט ער זיך מיטן טעפּל געטאָן אַ זעץ־אַראָפּ אויפן קויטיקן דיל, און ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען — געשמאַק גענומען עסן...

כ׳בין פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען צו דער באָבען, זיך אַריבערגע־בויגן איבער איר און אַ זאָג־געטאָן: גוט אָוונט באָבע! אָנשטאָט צו ענט־פערן מיר אַ גוט יאָר, האָט די באָבע געקוקט אויף מיר ווי פון אַ ווייטער, פרעמדער וועלט, און ווי אַ קינד, וואָס וויל עפּעס רעדן און קאָן נישט: געגאַוועט, געשוימט און געבלעזלט, און מיטאַמאָל, ווי מען וואָלט זי גע־שטיקט און געוואָרגן — זיך צעכאָרכלט, און ווי מיט עמעצן געווערט זיך און געאַמפּערט זיך, און געוואָרפן זיך אַזוי, אַז דאָס הילצערנע בעט, וואָס

איז געשטאַנען ווי אויף דריי פיס, איז קרעכצנדיק שיעור זיך צעפאַלן אונטער איר...

ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די באָבע שטאַרבט, און כ׳האָב בעת־מעשה נישט געוווּסט צי דאַרף איך אַוועקגיין אָדער בלייבן, כדי גרייט־זיין מיט מיין הילף. כאָטש ווען איך וועל דאַרפן העלפן און מיט וואָס איך וועל קאָנען העלפן — האָב איך נישט געוווּסט. ווי איך בין אַזוי געשטאַנען אַ צעשראָקענער, אַ קינדיש־אומבאַהאָלפענער, האָט זיך מיין פעטער מאיר פּלוצלינג אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מיר, און מיט אַ צעבראָכענער שטים געהייסן מיר גיין אַהיים און זאָגן דער מאַמען, אַז די באָבע פילט זיך נישט שלעכט...

כ׳האָב פון געוווינהייט, הויך אַ זאָג־געטאָן: אַ גוטע נאַכט באָבע! בין אַוועק אַהיים, און געזאָגט דער מאַמען, וואָס דער פעטער מאיר האָט מיר געהייסן זאָגן: די באָבע פילט זיך נישט שלעכט...

די מאַמע מיינע האָט אויך אויף צומאָרגנס נישט געוווּסט ווי עס האַלט מיט דער באָבען און, מיך ווידער געשיקט צו איר מיטן זעלבן שליחות, וואָס מיט אַ טאָג פריער. כדי די מאַמע זאָל מיך נישט חושד זיין, אַז כ׳האָב איר וועגן דער באָבען געזאָגט אַ ליגן, און אַז איך באַהאַלט פאַר איר אויכ עפּעס שלעכטס און טרויעריקס — בין איך, ווי ס׳וואָלט גאָר־נישט געשען — ווידער אַוועק מיט אַ טעפּל עסן...

דאָסמאָל, האָב איך, אַריינקומענדיק אין קאָרידאָר צו דער באָבען, דערזען אין אים אַן אויפפאַלנדיק טריב ליכט, וואָס האָט אומהיימלעך אַרויסגעשלאָגן טאַקע פון דער באָבעס צימער ווו די טיר איז געשטאַנען אָפן, און נעבן דער טיר, ביי דער שוועל — עטלעכע שווייגנדיקע ווייבער מיט טרויעריק־צונויפגעלייגטע הענט...

דער באָבען האָב איך שוין געטראָפן ליגן אויפן קויטיקן דיל, אַן איבערגעדעקטע מיט עפּעס אַ שוואַרצער זאַך, און מיט צוויי ברענענדיקע ליכט צוקאָפּנס.

אויפן ראַנד פון דער באָבעס לײדיק־אויסגעקרומטן בעט, איז ווי קלענער געוואָרן — געזעסן מיט רויטלעכע פייכטע אויגן, דער זיידע מיינער, וואָס צוליב זיין נישט האָבן קיין שלום־בית — האָט ער אַ לענגע־

רע צייט שוין נישט געוווינט מיט דער באָבען, געטאָגט ביי אונדז אינדער־היים, און געגעכטיקט זיצנדיק איבער אַ ספר, אין זיין „שטיבל" ביי „חברה תהילים".

צופוסנס דער געשטאָרבענער באָבען איז מיט די פיס אונטער זיך געזעסן אַ צעחושטער, מיין פעטער קיווע, דער חסר־דעה און — תמעוואַטע געשמייכלט צו זיך און צו יעדן אַריינגעקומענעם; דערזען מיך. איז דער פעטער קיווע, ווי ביים ערשטן מאָל, אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אַרויסגע־נומען ביי מיר דאָס טעפּל פון די הענט און זיך דערמיט אַראָפּגעזעצט אין ווינקל צווישן ווענטל פון בעט און פענצטער.

אין דער טויטער שטילקייט האָט זיך נאָר געהערט דאָס טרוקענע קנאַקן פון די דאַרע חלבענע ליכט, און דעם פעטער קיוועס זופּן פון טעפּל געקעכץ...

צוליב דער טראַגישער נעבן־סצענע מיט מיין פעטער קיווען, איז אין מיין געדעכעניש גאַנץ־געבליבן דאָס שוידערלעך־טרויעריקע בילד פון דער באָבעס טויט.

מיין זיידנס לעבן און טויט

נישט ווייניקער טרויעריק ווי דאָס לעבן און דער טויט פון מיין מאַמעס מאַמע, די באָבע מיינע — איז געווען דאָס לעבן און דער טויט פון מיין מאַמעס טאַטן — מיין זיידן.

ווי לאַנג כ׳האָב דעם זיידן געקענט און יאָרן לאַנג טאָג־טעגלעך געזען ביי מיר אינדערהיים, האָב איך קיינמאָל נישט געזען אים קומען נישט אנגעלאָדן מיט פולע קעשענעס אַלטע שטיין־האַרטע בייגל, וואָס ער האָט, איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי — צעקנאַקט מיט די ציינער. די מאַמע מיינע האָט אים, וואָס אַן אמת, דערלאַנגט צו די בייגל אַ גלאָז טיי אָדער אַ ביסל געקעכץ, וואָס זי פלעגט פון יעדן קינד אַראָפּנעמען צו לעפל, נאָר דער זיידע האָט פון געוווינהייט, דוקא הנאה־געהאַט די בייגל טרוקענערהייט צו צעבייסן און צעקנאַקן מיט די ציין, ווי ער פלעגט הנאה־האָבן פון אַ הייס גלאָז טיי, און בעתן טרינקען, — געלאָזט זיך ווייט הערן מיט יעדן זופּ, וואָס ער האָט געטאָן.

נישט אַריינגערעכנט דער מאַמעס אונטעררוקן דעם זיידן צו ביסלעך עסן, איז די הויפּט־דערנערונג זיינע, געווען: בייגל, וואָס האָבן צוליבן אויפקויפן זיי אַלטערהייט — אים דערמעגלעכט צו פאַרגינען זיך אויך אַ קאָפּ פון אַ הערינג, אַ רעטעך, אַ ציבעלע, און אין אַ גוטן טאָג — אַלע דריי „העליקאַטעסן״ צוזאַמען...

ווי כ׳האָב שוין דערציילט אין קאַפּיטל: דער טויט פון מיין מאַמעס מאַמע — האָט דער זיידע מיינער, געטאָגט ביי אונדז אינדערהיים, און גענעכטיקט אויף דער האַרטער באַנק אין זיין „שטיבל״ ביי „חברה תהילים״.

נישט געקוקט אויפן זיידנס שווערער עלטער, געדענק איך נישט, אַז ער זאָל האָבן געווען קראַנק און זיך געקלאָגט אויף עפּעס. דער זיידע האָט דאָס שווערע לעבן זיינס געטראָגן מיט גרויס סבלנות און סטאָאישער רויקייט. אויפרעגן פלעגט ער זיך נאָר ווען אים איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן נגידים, וועלכע ער האָט נישט פאַרטראָגן בתכלית־שנאה. דער זיידע האָט נישט געהאַלטן, אַז האָבן עשירות איז אַ געשאַנק פון גאָט, און ער פלעגט וועגן דעם זאָגן, אַז מען ווערט נישט קיין גביר אויפן גלייכן וועג...

נישט פאַרטראָגן האָט ער אויך די פאַלשע יידן, ווי ס׳האָבן געהייסן ביי אים, די צבועקעס און „גאָטס קאָזאַקן" פון „שומרי־שבת"; אַזאַ ייד, פלעגט ער זאָגן, איז ביי מיר געגליכן צו אַ גנב, וואָס שרייט: כאַפּט אַ גנב...

אַז איך בין אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, געוואָרן הייסט עס, בר־מצווה, האָט דער זיידע, אויף דער בקשה פון טאַטן מיינעם, מיר געוויזן עטלעכע מאָל ווי מען לייגט תפילין, און צום סוף געזאָגט צו מיר: איך האָב געטאָן דאָס מייניקע און איצט דאַרפסטו טאָן דאָס דייניקע, צווינגען וועל איך דיך נישט, און מען דאַרף קיינעם נישט צווינגען אָדער אָפּקויפן מיט געלט — פאַר לייגן תפילין; דער עיקר איז נישט די תפילה, נאָר די כוונה, דאָס זיין אַן ערלעכער מענטש און דאָס האָבן אַ יידיש האַרץ.

דער זיידע, וועלכער איז כל יומיו געזעסן איבער די הייליקע ספרים און שטרענג אָפּגעהיטן די דינים פונעם שולחן־ארוך, האָט זיך נישט ווייניק קריטיש באַצויגן צו אַ סך געזעצן פון דער תורה און, געווען אין קאָנפליקט מיטן רבונו־של־עולם. צוליב דעם אָבער, וואָס דער זיידע איז בטבע געווען אַ שתקן — גלויב איך נישט, אַז ער זאָל האָבן געערעדט מכוח זיינע טענות צום רבונו־של־עולם, — מיט זיינע תהילים־יידן, וואָס וואָלטן אין אים זיכער אויסגעפונען אַ באַהאַלטענעם מתנגד, און אפילו — אפיקורס. אינדערהיים, צווישן אייגענע, האָט ער זיך נישט איינמאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אפיקורסות, איבערהויפּט אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר פאַר זיין טויט.

דעם זיידנס טויט האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואָס ער איז

שלאָפנדיקערהייט אַראָפּגעפאַלן פון דער באַנק אין „חברה תהילים״, און איז אויך צומאָרגנס געקומען צו אונדז מיט אַ צעקלאַפּט ווונדיק פּנים. דער זיידע האָט דאָס פּנים אויסגעהיילט, אָבער צו די כוחות איז ער שוין נישט צוריקגעקומען. בעת ער האָט דערפילט, אַז די טעג זיינע זענען געציילטע, איז ער אַהיימגעגאַנגען שטאַרבן ביי זיך אין בעט אין וועלכן ער איז נישט געשלאָפן, ביז אַ שטיק נאָך דער באָבעס טויט.

איך ווער א משורר ביי א חזן

אויסער אַ „שטילס און אַן אומעטיקס", האָבן טאַטע־מאַמע אין מיר, ביי די ערשטע קינדער־יאָרן מיינע — גאָרנישט געזען; ערשט אויפֿן ניינטן יאָר האָב איך מיך אַנטפּלעקט פֿאַר זיי מיט נאָך דריי אייגנ־שאַפֿטן: מיט אַ גוט געהער; מיט אַ ריין קלינגענדיק קעלעכל, אַן „אַלטל", און מיט אַ געפּיל פֿאַר נגינה.

געירשנט די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן האָב איך ביי טאַטע־מאַמע; ביים טאַטן — די שטים, און ביי דער מאַמען — דעם געהער און דאָס געפֿיל.

מיט אַ שטים איז אויך געווען באַשאָנקען די איינציקע שוועסטער מיינע, לאה, די עלטסטע פֿון אַלע זעקס קינדער אינדערהיים. געהאַט האָט זי אַ סאָפּראַן, וואָס האָט געקלונגען מיט אַלע מעלות און חסרונות פֿון טאַטנס טענאָר: שטאַרק, אָבער רוי און ווילד... טראָץ די דאָזיקע חסרונות, האָט מען, פֿונדעסטוועגן, דעם טאַטן גערן געקאָנט הערן זינגען, מחמת, ער איז געווען אַ מנגן, ליב־געהאַט חזנות, און נאָכקאָפּירט קוואַרטינען, סיראָ־טאַן און אַנדערע חזנים, וועלכע ער האָט געהערט פּערזענלעך אָדער פֿון גראַמאָפֿאָן־פּלאַטן.

אַ נטיעה צו געזאַנג האָבן אויך געהאַט די פֿיר ברידער מיינע, וואָס פֿלעגן מיט האַלבע שטימען און אָן שטימען — אויסזינגען זייער גוטן אָדער שלעכטן מצב־רוח.

צום מערסטן און צום פֿריילעכסטן פֿלעגט מען זינגען אין אַ שבת־יום־טובדיקן טאָג, וואָס האָט אַלעמען אַנטוואָפֿנט פֿון שטענדיקן באַהאַלטענעם און אָפֿענעם פֿאַמיליע־קריג. אין אַזאַ טאָג האָט די היים מיט אַלעמענס געזאַנגען געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ קליינער געזאַנג־

שולע, ווי יעדער זינגט אין איין און אין דער זעלבער צייט, זיין באַזונדערן ניגון, צוליב וואָס עס פלעגט אַנטשטיין די אַזוי־גערופענע „קאַקאָפאָניע". אין דאָזיקן היימישן כאָר, אין וועלכן יעדן האָט, ווי אין פאַמיליאַרן צוזאַ־מענלעבן — געצויגן צום היפך פון האַרמאָניע — האָבן כמעט קיינמאָל נישט אָנטיילגענומען איך און די מאַמע. מיר פלעגן, ווי אָפּגערעדט צווישן זיך, וואַרטן ביז אַלע וועלן ענדיקן און לאָזן אונדז זינגען „סאָלאָ" — כדי נישט פאַרלוירן־צו־גיין מיט אונדזער אַרט איינגעהאַלטן און שטיל געזאַנג. איבערהויפּט האָט ליב־געהאַט שטיל געזאַנג, די מאַמע, וואָס פלעגט צוליב איר שוואַך האַרץ, מער אַריינזינגען אין זיך, ווי אַרויסזינגען פון זיך און, באַדויערן, וואָס זי האָט נישט קיין שטים און קיין אָטעם נישט, אויף אויס־האַלטן דעם טאָן... נישט געקוקט אָבער אויף די פיזישע שוועריקייטן, פלעגט די מאַמע שטענדיק באַגלייטן די שטוב־אַרבעט מיט איר אַרט זינ־גען, צו וועלכן איך האָב זיך צוגעהערט מיט מער אויפמערקזאַמקייט און הנאה, ווי צו די געזאַנגען פון די אַנדערע „אייגענע" זינגער. מיט דער זעלבער הנאה פלעגט די מאַמע זיך איינהערן אויך אין מיר — ווען כ'פלעג, נישט איינמאָל זינגען איר צוליב, ווייל אַזוי הערן ווי די מאַמע האָט גע־קאָנט — האָט קיינער אינדערהיים נישט געקאָנט; עס האָט נאָר געדאַרפט זיין עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איר געפעלן — זי זאָל אפילו נאָכגיין נאָך אַ קאַטאַרינקע — כדי אויפצוכאַפּן דעם געהערטן מאָטיוו.

פון אַלע היים־זינגער האָבן נאָר צוויי געמאַכט אַ „קאַריערע": דער טאַטע און איך.

דעם טאַטן האָבן זיינע חובבי־ציוניקעס, בעגוואַלט געמאַכט פאַר זייער שליח־ציבור אין זייער אייגענער שול „תפארת ציון", וואָס האָט זיך געפונען אין וואַרשע אויף פראַנציסקאַנער גאַס. אין יענער שול האָט דער טאַטע מיינער, וואָס איז ווייט־געווען פון זיין רעליגיעז — מהנה־געווען דעם עולם זיינעם, מיט אַ ראש־חודש־בענטשן, מיט אַ יום־טובדיקן שחרית און מוסף און אפילו מיט שופר־בלאָזן...

אויך מיין „קאַריערע" איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן טאַטנס. אָנגעהויבן האָב איך זי און אויך געענדיקט, מיט — זיין אַ משורר ביי אַ חזן.

אַריינגעצויגן אין חזנות האָט מיך אַ שכנס אַ זון, אַ יינגל אַן על־

טערער פון מיר; געווען איז ער אַ משורר ביי אַ סעזאָן־חזן, וואָס זוכט אַ קאַפּעליע אונטערהאַלטער נאָר אויף איבער די ימים־נוראים. ער, מיין שכנס זונדל, האָט עס מיך שטאַרק צוגערעדט און אפילו מטריח־געווען צו מיר דעם חזן אַליין. צוליב מיין ליבע צו געזאַנג, האָב איך טראָץ מיין שעמעוודיקייט, געלאָזט זיך איבעררעדן, באַקומען אויך די הסכמה פון טאַטן, און בין אַוועק צו דער ערשטער רעפּעטיציע; צו דער צווייטער בין איך שוין אָבער נישט געגאַנגען, מחמת, ס׳האָט זיך אַריינגעמישט איינער פון אונדזערע שטוב־איינגייער, וועלכער האָט מיך פון אים אָפּגערעדט און באַוויזן דעם טאַטן מיינעם, אַז ביי אַזאַ סעזאָנאָוון חזן וועט פון מיר גאָרנישט ווערן, און אַז מיט אַזאַ „כלי״ (געמיינט האָט ער די שטים מיינע) — וואָלט איך געקאָנט זינגען אין דער וואַרשעווער „סינאַגאָגע״, די אַזוי גערופענע „דייטשישע שול״.

כ׳געדענק שוין נישט ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דאָס אָננעמען מיך אין כאָר פון דער „סינאַגאָגע״. כ׳געדענק נאָר, אַז ימים־נוראים האָב איך שוין געזונגען אונטער דער רעזשי פון באַקאַנטן פאָלקס־מוזיקער לעאָ ליאָוו — ביים חזן פון די חזנים — גרשון סיראָטאַ.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז מיר געגאַנגען דאָס נײַנטע יאָר, ווען כ׳האָב זי אָנגעהויבן, די דאָזיקע „קאַריערע״, וואָס געענדיקט האָב איך זי ביי פערצן יאָר.

כ׳קאָן מיט דער פולער זיכערקייט זאָגן, אַז די פינף יאָר זיין אַ משורר ביי סיראָטאַן זענען באמת געווען מיינע זינגענדיקסטע יאָרן. געווען זענען דאָס יאָרן פון די ערשטע, שענסטע חלומות; חלומות וועגן גרויס־ווערן און אויסוואַקסן צו אַ צווייטן סיראָטאַ, אָדער לכל־הפּחות צו אַ... קאַרוזאָ, שאַליאַפּין און באַטיסטיני, וואָס זענען מיר שוין צו יענער צייט געווען באַקאַנט פון הערן וועגן זיי. די איינבילדונג מיינע, אַז כ׳וועל נאָך זיכער ווערן איינער פון זיי, איז געווען אַזוי גרויס, אַז כ׳האָב שוין באַצייטנס גענומען צוגרייטן מאַטעריאַל צום זינגען... ווי איך פלעג נאָר דערטאַפּן אַ בלעטל נאָטן, פלעג איך עס מיר באַהאַלטן. די נאָטן־מאַניע איז זיך ביי מיר צעוואַקסן אַזוי, אַז איך פלעג די בלעטער אַרויסשנײַדן פון וווּ־נאָר אַ יידישן און נישט־יידישן זשורנאַל, און אפילו בגניבה אַרויס־

רייסן פון גאַנצע ביכער, ביז כ׳האָב איינמאָל אַוועקגעגנבעט אַ גאַנץ בוך מיט נאָטן: צען פּאָלקסלידער פון אליקום צונזער, וועמענס „סאָכע״ כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט פון דער מאַמען.

געמאַכט די דאָזיקע גניבה האָב איך טאַקע ביי לעאָ ליאָוון, מיט וועמען דער צופאַל האָט מיך מיט איבער צוויי צענדליק יאָר שפּעטער צונויפגעפירט אין תל־אביב, אויף אַ ליטעראַריש „גלעזל טיי״. צוליב דעם, וואָס אויף דער דאָזיקער מסיבה האָט זיך מיר נישט געמאַכט די פּאַסיקע געלעגנהייט פאָרצושטעלן זיך פאַר אים און געבן זיך צו דער־קענען — האָט זיך ליאָוו נישט דערוווסט, אַז ביי איין טיש, פּנים אל פּנים, איז געזעסן מיט אים זיין נאָטן־גנב, וואָס האָט קליינערהייט געזונגען אונטער זיין שטעקעלע...

דער פעטער משה

דאַכט זיך, אַז אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס" זאָגט ערגעץ שלום עליכם, אַז „אין יעדער משפּחה איז דאָ אַ פעטער משה". לויט שלום עליכמען, איז דער פעטער משה אין דער משפּחה — דער „קאָפּ־מענטש", דער אַלץ־ווייסער, וואָס גיט דער גאַנצער משפּחה אָנווייזונגען און קלוגע עצות מיט וועלכע ער קויפט זיך איין אָנערקענונג, ליבע און דרך־ארץ מצד די אייגענע און היימישע.

אויך אין מיין משפּחה איז דאָ, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַ פעטער משה; אַ פעטער, נישט ווי אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס", נאָר אַ פעטער אַ וועלטלעכער, אַן אויפגעקלערטער און באַוווסטזיניקער, אַ געוועזענער סאָציאַל דעמאָקראַט.

פון אַלע מיינע זעקס פעטערס, דער מאַמעס ברידער, האָב איך קליינערהייט ליב־געהאַט און פאַרערט נאָר דעם פעטער משהן — כאָטש צוויי ברידער זיינע, בונדאָווצעס, האָבן אין זייער פּאַרטייאישער אַרבעט אויסגעזען צו זיין אַ סך ערנסטער, באַשיידענער און קאָנספּיראַטיווער פון אים; מיר איז אָבער דווקא געפעלן מיין פעטער משהס באַרעדעוודיקייט, און ס'האָט מיר זייער אימפּאָנירט זיין לאַנגע, בלאָנדע פּאַטלע האָר, זיין שוואַרץ העמדל מיטן רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, זיין לאַנגע פּעלערין און זיין שוואַרצער, ווייכער הוט, וואָס האָט געהאַט אַ זייער ברייטן ראַנד, און געוועזן געקנייטשט ווי אַ קלאָש, און זיך געוואָרפן אין די אויגן פון אַ מייל די וויט...

נישט ווייניק האָט מיך דער פעטער משה אינטריגירט מיט זיין שטענדיקן האָבן יעדן באַזונדער צו זאָגן אַ סוד אויפן אויער, „אַ סוד פאַר

גאַנץ בראַד״, נאָר ליב־געהאַט האָב איך אים איבערהויפּט פאַר זיין דער־ציילן (אפשר צום טויזנטסטן מאָל) די געשיכטע ווי אַזוי דער באַוווּסטער רעוואָלוציאָנער גערשוני איז אין אַ פעסל פון קרויט, צי טאָקע מיט קרויט צוזאַמען — אַנטלאָפן פון פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. ווו אויך מיין פעטער משהן איז אויסגעקומען אַמאָל צו זיצן...

פון מיין פעטער משהס „באַוווּסטזיניקע״ געשפּרעכן און דיסקו־סיעס מיט די דערוואַקסענע, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געהערט אַזעלכע אויסטערלישע, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, ווי: עקספּלאָאַטאַציע, לאָקאַוט, בורזשוי, עקספּראָפּריאַציע, דעמאָנסטראַציע, רעוואָלוציע און נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס דעם טייטש פון זיי האָב איך מיט יאָרן שפּעטער געזוכט און געפונען אינעם פרעמד־ווערטערבוך...

פון מיין פעטער משהן האָב איך אויך דאָס ערשטע מאָל געהערט אַזעלכע נעמען, ווי: קרושעוואַן, ראַספּוטין, סטאָליפּין, פּלעווע, אַזעוו, זאַמיסלאָווסקי און אַנדערע נעמען, וואָס ער פלעגט אַרויסזאָגן מיט אַזאַ צערייצטקייט און גרימאַס אויפן פנים, אַקוראַט ווי ער וואָלט אַראָפּגע־שלונגען זייער ביטערע פּילן. דערקעגן, האָט ער אַזעלכע נעמען ווי: מאַרקס, ענגעלס, גאָרקי, עדלשטאַט, ראָזענפעלד, רייזין, פּרץ, שלום־עליכם און ביאַליק — אַרויסגעזאָגט, ווי אין איין אָטעם פון פאַרערונג און באַגייסטערונג.

אַ דאַנק מיין פעטער משהן מיט זיינע חברים אַרבעטער־אינטעלי־גענטן, וואָס פלעגן פול־מאַכן מיין היים פון טאַטע־מאַמע, האָב איך זיך בכלל דערוווּסט די נעמען פון אַ סך יידישע און נישט־יידישע קעמפער, רעוואָלוציאָנערן און שרייבער, מיט וועמענס שאַפונגען כ׳האָב זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן.

צום שטאַרקסטן פון אַלע יידישע שרייבער האָט מיך פאַרכאַפּט שלום־עליכם; ווען כ׳האָב נאָר געהאַט אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, פלעג איך מיר איינקויפן שלום־עליכמס פאָלקס־אויסגאַבן און לייענען; די צרה איז נאָר געווען, וואָס כ׳האָב אים ביי קיין אופן נישט געקאָנט לייענען אינדערשטיל, פאַר זיך, נאָר אויפן קול, מען זאָל מיך הערן, אַקוראַט ווי איך אַליין וואָלט עס געווען אָנגעשריבן. אַלס צוהערערין פאַר

מיין לייענען שלום־עליכמען, האָב איך זיך אינדערהיים דערוואָרבן — דער מאַמען; די מאַמע מיינע פלעגט גערן הערן, און צוזאַמען מיט מיר — קייכן פון געלעכטער.

אגב, האָב איך אויך געהאַט די זכיה אין עלטער פון דרייצן יאָר, פּערזענלעך צו רעדן מיט שלום־עליכמען עטלעכע ווערטער.

געווען איז עס אין יענער צייט ווען שלום־עליכם איז אַרומגעפאָרן איבער פּוילן, און האָט זייענדיק אין וואַרשע — באַזוכט אין אַ יום־טוב־טאָג די וואַרשעווער „סינאַגאָגע”, ווו איך בין דאַמאָלט געווען אַ משורר ביים חזן גרשון סיראָטאַ. בעת מען האָט שלום־עליכמען, צו דער הפסקה, אַרומגעפירט איבערן גרויסן שולהויף און אים אויך אַרויפגעפירט אינדער־הויך אויפן באַלקאָן צום כאָר, האָט ער, זייענדיק אַרומגערינגלט פון אַ פּערציק קליינע זינגערלעך אין מיין עלטער, זיך צופעליק אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מיר, און שמייכלענדיק געפרעגט מיך וואָסער שטים איך האָב, ווי אַלט איך בין, ווי איך הייס און ווו איך לערן, און נאָך אַלע מיינע תשובות — געטאָן מיר אַ קניפּ אין בעקל, געזאָגט אַלעמען אַ האַרציקן: זייט געזונט קינדערלעך! און — אַוועק.

מער האָב איך שלום־עליכמען אין מיין לעבן נישט געזען. ביזן היינטיקן טאָג איז מיין באַליבסטער יידישער שרייבער געבליבן שלום־עליכם. ס'איז ביי מיר אויך געבליבן די שוואַכקייט צו לייענען אים אויפן קול און צו דערמאָנען זיך דערביי אָן מיין ערשטער שלום־עליכם־צוהערע־רין — דער מאַמען, און אויך אָן מיין פעטער משהן, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיינע אַנדערע צוויי ברידער — אָנגעטראָגן אין מיין בירגערלעכער היים — דעם ערשטן אומרו פון דעם אַזוי־גערופענעם „שטורעם און דראַנג־פּעריאָד” ביי די יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ.

איך דערצייל מעשהלעך

געווען איז עס נאָך אין יענעם עלטער ווען כ׳האָב נאָך אפילו נישט געקאָנט חלומען פון ווערן אַ שרייבער, אַ פּאָעט, און בין נאָך אפילו נישט געווען קיין לייענער פון דאָס, וואָס מען רופט: ליטעראַטור. מיין איינציקע לעקטור איז נאָך געווען דאָס יידישע, פּוילישע, אָדער רוסישע לערנביכל פון דער אָנפאַנגשולע. פון די דאָזיקע ביכלעך האָב איך, ווי אַלע שול־קינדער, געלערנט אויף אויסנווייניק די נאַיווע און נישט ווייניק באַנאַלע מעשהלעך און לידעלעך, וואָס האָבן מיט זייער פאַנטאַזיע ווייט נישט גע־טראָגן און זיך לאַנג נישט אויפגעהאַלטן אין זכרון. די דאָזיקע מעשהלעך און לידעלעך האָבן בלויז אָנגעצונדן מיין קינדישע נייגער צו הערן אין זיי דאָס, וואָס האָט, ווי מיר האָט זיך שטענדיק אויסגעוויזן — אין זיי געפעלט, און מיך געצוווּנגען איבערדערציילן זיי אַזוי, ווי ס׳האָט עס גע־וואָלט מיין אייגענע פאַנטאַזיע.

ביז אין אַ געוויסן עלטער האָבן אַלע קינדער, אָן אויסנאַם, ליב מעשהלעך. מיט מעשהלעך שלעפט מען קינדער איין, און מיט מעשהלעך קאָרמעט מען קינדער אָן, און אויף יאָרן לאַנג בלייבט ביי קינדער אַ ווילן און אַ חשק צו הערן אַ מעשהלע.

אויף וויפל איך געדענק (איך געדענק זיך אין עלטער פון פינף יאָר) — געדענק איך נישט, אַז די מאַמע, אָדער עמעץ־ווער אינדערהיים, זאָל מיר האָבן דערציילט אַ מעשהלע, כדי מיך איינצושלעפן, אָדער אָנצו־קאָרמען. כ׳געדענק נאָר, אַז מען פלעגט אויף מיר אַ הילכיקן געשריי־

טאָן: עס, ווייל איך גיב אַוועק אַן אַנדערן! און כ׳האָב פּאַר מורא מען זאָל דאָס עסן טאַקע אַוועקגעבן — שנעל אויפגעגעסן, און פאַרן הילכיקן גע־שריי: שלאָפן! — פאַר שרעק פאַרמאַכן די אויגן און איינשלאָפן אָן אַ מעשהלע...

ווייזט אויס, אַז טאַטע־מאַמעס נישט דערציילטע מעשהלעך האָבן מיר שפּעטער געפעלט און כ׳האָב זיי דערפאַר געזוכט צווישן קינדער, וואָס פלעגן זיך איבערדערציילן מעשהלעך, וואָס די גרויסע האָבן זיי דער־ציילט, און אַז עס איז מיר אַלץ געווען נאָך ווייניק — האָב איך זיי אַליין גענומען אויסטראַכטן און זוכן הערער אויף צו קאָנען פאַר זיי דערציילן.

היות קיין בעלנים פאַר מעשהלעך פעלן נישט צווישן קליינוואַרג, האָב איך שטענדיק געהאַט אַ פּאַר הערער, וואָס פלעגן זיך גערן אַוועקזעצן מיט מיר אין אָוונט און אין אַ בין־השמשות, אויף די טרעפּ און שוועלן פון מיין היים, און אפילו אין רינשטאָק פון אונדזער שמאָל געסל „דאָס טויטע געסל״. וואָס איך האָב זיי דערציילט, געדענק איך שוין נישט; כ׳געדענק נאָר, אַז מיינע צוהערער פלעגן זיך פון מינוט צו מינוט ענגער צונויפדריקן און צונויפפּרעסן ווי די שעפעלעך, פאַר פּחד זיך האַלטן פאַר די הענטלעך, און מיט מויל און אויערן, און מיט גרויס־געוואָרענע אויגן — קוקן גלייך אויף מיר און זיך פאַרקוקן, בעת־מעשה, אַריבער מיר...

געווען זענען עס אומעטיקע, טרויעריקע מעשהלעך, וואָס פלעגן על־פּי־רוב ווערן איבערגעריסן, ווען די מאַמעס אונדזערע פלעגן זיך אָן אונדז דערמאָנען, און פון די פענצטער, מיט די קעפּ אין דער נאַכט־אַריין — רופן אונדז שלאָפן.

די געטרייסטע צוהערער און פאַרערער פון מיינע מעשהלעך, זענען געווען דריי ברידערלעך מיט אַ שוועסטערל — חברים מיינע פון שכנות־דיקן צווייטן הויף. געווען זענען די ברידערלעך ווילד־צעלאָזענע קינדער, וועמען טאַטע־מאַמע האָט נישט געקאָנט אַזוי איינגעמען און צוימען, ווי איך, מיט אַ מעשהלע. פאַר מיינס אַ מעשהלע זענען זיי גרייט־געווען אָפּצוזאָגן זיך פון אַ סך שלעכטע זאַכן און אויך פון אַרויפגיין אין שטוב אַריין — אויב טאַטע־מאַמע וועלן מיך נישט מיטרופן. צוליב מיינע מעשהלעך בין איך געוואָרן אין זייער היים אַן אָפטער קליינער גאַסט, וואָס

האָט אין די אויגן פון זייער טאַטע־מאַמע, געפונען לייטזעליקייט פאַר מיין קאָנען פאַראינטערעסירן די קינדער מיט אַ מעשה־ביכל און מיט אַן אייגן מעשהלע.

ביי דער דאָזיקער משפחה, וואָס האָט אין דער וווינונג געפירט אַ פאַבריק און געשעפט פון אלבאָמען און נאָטיצביכלעך, האָב איך נאָך אַ קורצער צייט אָנגעהויבן פילן זיך ווי אַן אייגענער. כאָטש די באַלעבאַטים און אויך די איינגייער אין זייער הויז, זענען געווען מענטשן פּראָסטע, רויע און צוריקגעשטאַנענע. עס איז מיר אָבער געפעלן זייער גוטסקייט, און נאָך מער: זייער באַציאונג צו מיר ווי צו עפּעס בעסערס פון זייערע אייגענע קינדער, דערנאָך: די ליכטיקייט און זאַטע וואַרעמקייט און פריילעכקייט, וואָס כ׳האָב אַזוי זעלטן געזען ביי מיר אינדערהיים: גאַנצע טעג און האַלבע נעכט האָט אַ גראַמאָפאָן נישט אויפגעהערט צו שפּילן יידישע קופּלעטן פון „כינקע פינקע״, „דאָס פינטעלע ייד״, „וועלוול עסט קאָמפּאָט״ און נאָך אַזעלכע „שטיק״ פון די דריט־ראַנגיקע טעאַטערן. האָט נישט געשפּילט דער גראַמאָפאָן, האָבן די דאָזיקע קופּלעטן געזונגען די „געזעלן״ און לערניינגלעך, וואָס האָבן געקלאַפּט די „לאַמעווקעס״, געשמירט מיט ליים און קלייסטער די שטויסן רוקנס פון אלבאָמען און ביכלעך: געפּרעסט, געשניטן מיט דער שניידמאַשין, און גאַנצע בערג מיט אָפּפאַל, ווי פאַפּירענע לאָקשן, זענען געבליבן ליגן אויף יענער זייט מאַשין, אין אַ ווינקל, פאַרשטעלט מיט אַ גרויסן קאַסטן, ווי ספּעציעל צוגעגרייט פאַר מיר און פאַר מיינע פיר צוהערער: די דריי חברימלעך מיינע, מיט זייער שוועסטערל, וועמענס אויפמערקזאַמקייט כ׳האָב באַזונדער געוואָלט געווינען, ווייל כ׳בין געווען צו איר נישט גלייכגילטיק און זי ליב־געהאַט מיט דער גאַנצער אומשולד פון מיינע קינדער־ליבעס.

אַזוי האָב איך אין עלטער פון צען־צוועלף יאָר דערציילט פאַר קינדער פון מיין עלטער — אייגן־אויסגעטראַכטע מעשהלעך, וואָס האָבן שוין געטראָגן אין זיך די קערנדלעך פון מיינע היינטיקע לידער.

מיינע קינדער-ליבעס

דערמאָנענדיק (אין מער־צאָל) מיינע קינדער־ליבעס, וויל איך קודם־כל באַמערקן, אַז צוליב מיין פרי־אַנטוויקלט עסטעטיש און אפשר אויך עראָטיש געפיל — איז מיר יעדעס מיידעלע אין מיין עלטער, אויב עס איז נאָר געווען אַ שיינס און אַ ריינס — געפעלן, און כ׳האָב געזוכט איר געזעלשאַפט.

נישט אַלע מיינע קינדער־ליבעס געדענק איך. אין מיין זכרון האָבן זיך אויפגעהאַלטן נאָר יענע „ליבעס״, וואָס זענען אין מיר אויפגעגאַנגען, ווי מיינע ערשטע אומרייפע לידער, וואָס האָבן מיך אָנגעפילט מיט אומ־פאַרשטענדלעכער פרייד און אומרו, ווי פון אַ ליידנשאַפט און שלעכטער געוווינהייט מיט וועלכער מען דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז נישט איינע פון מיינע קליינע ליבע־אָביעקטן, וועמען ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כ׳בין צו איר גלייכגילטיק, האָט פונקט ווי עס טוט עס אַ דערוואקסענע, רייפע און ראַפינירטע פרוי — באַמיט זיך צו רייצן מיך מיט איר אָנוועזנהייט, און אָנגעווענדט אָפּט־מאָל אַזעלכע מיטלען, וואָס האָבן מיך, דעם „גבר״, געמאַכט רויט פון בושה...

געווען זענען עס על־פּי־רוב שולמיידלעך אין עלטער פון צען ביז פערצן יאָר.

די ערשטע, וואָס האָט מיך אַריינגעכאַפּט אין איר כישופרייף נאָך וועלכער זי אַליין האָט זיך נאָך שפּילנדיק געיאָגט, איז געווען אַן אַכט יעריק מיידעלע פון איין הויף מיט מיר. געווען איז עס אַ בלאָנדס, אַ גאָלדנס, מיט אַ רונד פּוכקע פּנימל און מיט טיפע בלאָע אייגעלעך, ווי

ביי אַ ליאַלקע, וואָס האַלט זיי אָפּן, ווען זי שטייט, און פאַרמאַכט זיי — ווען מען לייגט זי אַנידער...

מיט וואָס איך בין דעם מיידעלע געפעלן — ווייס איך נישט. מעגלעך, אַז צוליב מיין צוריקהאַלטן זיך פון שפּילן זיך מיט יעדן איינעם און אין אַזעלכע שפּילערייען, וואָס פלעגן זיך על־פּי־רוב ענדיקן מיט „שאָדענעס" און אַנקלאַגעס, און מיט צושטעלן אַ „בענקעלע" פאַר טאַטע־מאַמע.

אויך זי, מיין קליינע „דולצינעיע", האָט זיך נישט געשפּילט מיט יעדן און אין אַלץ; געווען ווי איך, אַ שטילע צושויערין צו אַלע טומלענ־דיקע שפּילערייען און — געטרויט מיר, דערפאַר, איר הילצערנע לייכטע „כישופרייף", איך זאָל זיך דערמיט דורכלויפן אַביסל איבערן טראָטואַר, אָדער זי פלעגט מיך איינלאַדן שפּילן זיך מיט איר אין דער ספּעציפיש־מיידלשער שפּיל, אין קלאַס, צו וועלכער מען האָט געדאַרפט קאָנען פלינק ווי זי: היפּען און שפּרינגען ווי אַ פייגעלע, און דאָס: אויף איין פוס, פון איין געצייכנט קעסטל אין אַנדערן, נישט טאַרנדיק דערביי אַרויפ־טרעטן אויף דער אַנגעצייכנטער ליניע. פאַר דער דאָזיקער שפּיל, צו וועל־כער כ׳בין געווען נישט איבעריק פלינק און רירעווודיק, און אַרויסגערופן גרויס געלעכטער ביי מיין פאַרטנערין — האָב איך זיך רעוואַנזשירט מיט איר אין „אָרדע־שאָרדע־באָרדע", און זי ווידער קעגן מיר — אין „סטרולקעס".

איינמאָל, נאָך דעם, ווי מיר האָבן אין טויער פון אונדזער הויף אויסגעשפּילט אַלע שפּילערייען, וועלכע מיר האָבן נאָר געקאָנט, און געבליבן זיצן ווי אָן אַ תכלית, האָב איך זי אַ פרעג־געטאָן: אין וואָס שפּילן מיר איצט?

— אין „חתן־כלה" — האָט זי נישט לאַנג טראַכטנדיק, אומשולדיק געענטפערט.

— ווי אַזוי? — האָב איך זי געפרעגט מיט דער זעלבער אומשולד.

זי האָט אויפגעהויבן קעגן מיר אירע הענטלעך, זיי אַרויפגעלייגט אויף מיינע קליינע אַקסלען, און לאַנגזאַם צופאַלנדיק צו מיר — אַ קוש־געטאָן מיר גלייך אין די ליפּן, און אַזוי לאַנגזאַם — אויסגעגלייכט זיך

און געוואַרט איך זאָל נאָכטאָן דאָס זעלבע. אין מיטן דער דאָזיקער שפּיל אין „חתן־כלה״, האָט זיך אָבער אומגעריכט אָן עפּן־געטאָן די טיר ביי וועלכער מיר זענען געזעסן, און אַ פרוי, דערזעענדיק אונדזער ליבע־סצענע, האָט אַ פּלעסק־געטאָן מיט די הענט און אַזאַ היסטערישן קוויטש־געטאָן: זעטס נאָר, זעטס! — אַז מיר, „חתן־כלה״, האָבן, מער איבערגע־שראָקענע ווי פאַרשעמטע — זיך אַ ריס־געטאָן פונעם אָרט, און ווי צוויי פייגל, זיך צעפלויגן יעדער אין אַן אַנדערער זייט...

נאָך דער דאָזיקער חתן־כלה־שפּיל, האָב איך זי נישט געזען אַ סך טעג. אז זי האָט זיך ווידער באַוויזן אינדרויסן, האָט זי זיך קעגן איר ווילן געהאַלטן ווייט פון מיר, און מיין ליבע צו איר איז אַזוי אַרום ביסלעכווייז געוואָרן אויסגעלאָשן.

מיין צווייטע „בעאַטריטשע״ איז, ווי די ערשטע, אויך געווען פון אייך הויף און פון איין הויז, און פון מיט איין שטאָק נידעריקער פון מיין היים.

געווען איז עס אַ ניין־יעריק ברונעטקעלע, מיט אַ קעפּל געדיכטע האָר פאַרפלאָכטן אין צוויי גראָבע צעפּלעך, וואָס זענען איר ווי הבדלה־ליכטלעך, שטענדיק געלעגן אויף די קליינע שולטערן פון פאָרנט, און איינגערעמט אַ קלוג חנעוודיק פּנימל, וואָס האָט עדות־געזאָגט אויף גוטער דערציאונג.

צוליב דעם וואָס די מאַמע פונעם דאָזיקן מיידעלע איז געווען מיין מאַמעס בעסטע שכנה, פלעגט זי, די ניין־יעריקע געליבטע מיינע, זיך געפינען מער ביי מיר אינדערהיים, ווי ביי זיך אינדערהיים, און פאַרנעמען זיך מיט מיר, אָדער איך מיט איר, ווי קינדער פון דעם עלטער קאָנען פאַרנעמען און פאַראינטערעסירן איינס דאָס אַנדערע. די אָפטע קעגנזייטיקע באַזוכן אונדזערע האָבן אונדז געברענגט צו דער געוויינהייט נישט צו קאָנען זיין איינער אָן אַנדערן און נישט צו גיין אַ וועלכן־ס׳איז גאַנג, אויב דער צווייטער וועט נישט מיטגיין. די דאָזיקע קעגנזייטיקע צוגע־בונדנקייט, וואָס האָט ביי אונדז אָנגעהאַלטן ביז אירע עלטערן האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון דער דירה, איז נישט איינמאָל געווען דאָס געשפּרעך און דער צוויי־דייטיקער שפּאַס צווישן איר און מיין מאַמען: אַ שפּאַס

פון װעלכן מיר האָבן גאַנץ װײניק און אפשר גאָרנישט פאַרשטאַנען און, פונדעסטװעגן — פאַרשעמט־װערן ביז נישט צו קאָנען זיך, בעת מעשה, קוקן אין די אומשולדיקע אויגן...

דאָס אומגעװײנטלעכסטע אין אונדזער „ליבע״, איז געװען דאָס, װאָס מײן „געליבטע״ פלעגט מיך אָפטמאָל באַזוכן אין אַזאַ שעה, װאָס איז נישט אַלע מאָל באַקװעם אפילו פאַר קינדער: באַלד אינדערפרי, װען כ׳בין נאָך געלעגן אין בעט און געשלאָפן. פון די דאַזיקע מאָרגן־װיזיטן, אויף װעלכע זי האָט זיך װי בגנבה אַרײנגעשאַרט, — האָב איך זיך דער־װוּסט בעת כ׳האָב אײנמאָל געעפנט די אויגן און זי געזען זיצן אויפן ראַנד פון מײן בעטל, װוּ איך בין געלעגן אַן אָפּגעדעקטער װי די מאַמע האָט מיך געהאַט... װי אַ גרויסער, האָב איך זיך אַ כאַפּ־געטאָן פאַר דער קאָל־דרע, און מײן „געליבטע״ האָט זיך װי פאַרשולדיקט, — נישט באַמערקט צו װערן — אַרויסגעכאַפּט פון צימער.

די אמתע „לילית״ איז אָבער געװען דאָס שװעסטערל פון מײנע דרײ חברימלעך, ברידערלעך, װאָס האָבן געהאַט פאַר מיר גרויס דרך־ארץ, און מיך פאַרערט פאַר מײנע אויסגעטראַכטע מעשהלעך.

געװען איז דאָס אַ מײדעלע אַ ברונעטס, אַ שלאַנקס, מיט אַ לענג־לעך פנים, און מיט אַ לענגלעך נעזל; געהאַט האָט זי אויך לענגלעכע, לעבעדיקע, קלוגע אויגן, װאָס האָבן שוין פאַרמאָגט דעם גלאַנץ פון נײגער — און דורשט נאָך עראָטישע סצענעס און רײצונגען, און געקוקט דערפאַר — דאָרט װוּ זי האָט נאָך נישט געדאַרפט קוקן, און געזען — דאָס, װאָס זי האָט נאָך נישט געדאַרפט זען...

דאָס דאָזיקע צװעלף־יעריקע מײדעלע, האָט מיט דער װאַקסנקײט און ראַפינירטקײט נישט אײנמאָל אויסגענוצט די געלעגנהײט צו בלײבן מיט מיר אַלײן, כדי צו קאָנען אומגעשטערט רײצן מײן פערצן־יעריקער „גבורות״...

מיט אַזעלכע און ענלעכע קינדיש־לײדנשאַפטלעכע סצענעס, האָט דאָס װײבלעכע מײדעלע מיך אַ לאַנגע צײט באַצװוּנגען און באַהערשט מיט ליבע, און װי אַלע מײנע קינדער־ליבעס — אַװעקגענומען דאָס קעפּל מײנס פון די לערנביכלעך...

ווי איך האָב שוין באַמערקט, האָבן זיך פון אַלע מיינע קינדער־ליבעס אויפגעהאַלטן אין זכרון, נאָר די דריי, וואָס זענען אוודאי געווען די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע עפּיזאָדן פון דער פּרעלודיע צו מיינע שפּעטערדיקע ראָמאַנטישע יאָרן.

מיין ערשטער ליטעראַרישער דורכפאַל

כ׳קאָן זיך נישט באַרימען, כ׳זאָל האָבן געווען אַ גוטער תלמיד אין חדר, דערנאָך: אַ גוטער שילער אין דער אָנהייבשולע, און נאָך שפּעטער: אַ גוטער גימנאַזיסט אין מייזלערס יידיש־רוסישער אַכט־קלאַסיקער רעאַל־גימנאַזיע, וואָס כ׳האָב געענדיקט ביים צווייטן קלאַס, ווייל פאַרן דריטן האָט מען שוין נישט געקאָנט פאַר מיר צאָלן...

פונדעסטוועגן, האָט מען טראָץ מיין אומפעיקייט צו בילדונג, געהאַלטן מיך פאַר אַ זייער טיכטיקן, ריכטיקער געזאָגט: ציכטיקן שילער: געווען איז עס פאַר מיין „פּאָוויעדיעניע און וונימאַניע״ (אויפפירונג און געהאָרכזאַמקייט), מיט וועלכע מען האָט מיך גענומען ווי אַ ביישפּיל פאַר די אַנדערע שילער. מיינע מעלות זענען באַשטאַנען פון: נישט פאַרשפּעטיקן, נישט פאַרפעלן קיין לעקציע, זיך האַלטן רייך, און ריין־האַלטן די ביכער און העפטן, איבערהויפּט, טאַקע, די העפטן, וואָס מיינע לערערינס פלעגן אַרומטראָגן איבערן גאַנצן קלאַס, כדי צו ווייזן אַלעמען, ווי אַזוי ס׳דאַרף אויסזען אַ העפט ביי אַ שילער. פאַר די אַלע מעלות פלעגט מען מיר מוחל־זיין דאָס נישט קאָנען קיין לעקציע, דאָס זיין אַ שלעכטער געאָגראַף און נאָך אַן ערגערער מאַטעמאַטיקער. אַ לעקציע געאָגראַפיע פלעגט נאָך, ווי עס איז, פאַרנעמען מיין געדאַנק און אים אויף אַ קאַרגער שעה אַריבערטראָגן אַהין אין די לענדער, ימים, בערג און טייכן, וואָס דער לערער האָט ווי אַרויסגעשאָטן פונעם אַרבל; דאַקעגן, איז אַ לעקציע מאַטעמאַטיק געווען פאַר מיר אַן אמת אָפּקומעניש פון וועלכן כ׳פלעג וועלן וואָס גיכער פטור־ווערן, און האָב געדאַנקט גאָט, אַז כ׳ביך פון איר אַהיימגעקומען מיט אַ „טרויקע״ (אַ דריי).

די איינציקע לימודים, וואָס האָבן מיך יאָ אינטערעסירט זענען געווען: געזאַנג, צייכענען און ליטעראַטור. צוליב דעם, וואָס כ׳בין אין דער צייט פון מיין זיין אַ שילער, געווען אַ משורר אין דער וואַרשעווער „סינאַגאָגע", האָב איך זיך בעת אַ לעקציע געזאַנג, געפילט. ווי מען זאָגט עס: ביי זיך אינדערהיים, און אין דער אייגענער הויט; אַלס צייכענער האָב איך זיך, וואָס אַן אמת, נישט איבעריק אויסגעצייכנט; ס׳איז מיר אָבער בייגעשטאַנען מיין פּעדאַנטישע ריינקייט, מיט וועלכער כ׳האָב געהאַלטן אויך דאָס צייכנפּאַפּיר, אויף וואָס מיין צייכענונג איז געלעגן ווי אויף נישט באַרירטן שניי...

וואָס שייך דער לעקציע ליטעראַטור, האָט זי מיך אינטערעסירט נאָר דאמלט, ווען דער לערער, אַ פּול־לייביקער רוס מיט פלאַקסענע האָר, ווייצענע ברעמען און שטרויענע וואָנסעס, — האָט מיט אַ פעסטער קלינגענדיקער באַריטאָן־שטים, ווי זינגענדיק געלייענט אַ „סטיך" (אַ געדיכט) פון זיינע צוויי באַליבטסטע פּאָעטן: פּושקין און לערמאָנטאָוו. פון די דאָזיקע „סטיכעס" האָב איך כמעט גאָרנישט פאַרשטאַנען, אָבער — פאַרכאַפּט־געווען פון זייער קלאַנג, מעלאָדישקייט און ריטם.

איינמאָל, אין אַ פראָסטיקן ווינטערטאָג, בעת אַזאַ לעקציע איבער „סטיכאָטוואָרעניע" (די קונסט פון דיכטן) — האָב איך צופעליק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פענצטער, און מיין בליק איז געוואָרן ווי צוגעפרוירן צו דער מיט־אייז־פאַרקאָוועטער שויב, אויף וועלכער דער פראָסט האָט אויסגעמאָלט אַ באַשייטן זילבערנעם וואַלד מיט ביימער, קוסטעס און אַנדערע מינים פלאַנצונגען אין וועלכע כ׳האָב דערזען דעם גאַנצן רוסישן ווינטערפּייזאַזש, וועגן וועלכן דער לערער האָט נישט איינמאָל גערעדט און אילוסטרירט מיט ביישפּילן פון דער רוסישער פּאָעזיע. פונעם דאָזיקן ווינטערגעמעל בין איך געווען, געדענק איך, אַזוי אַנטציקט, אַז כ׳האָב אויפגעהערט, בעת מעשה, צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום מיר, פאַרגעסן, אַז איך געפין זיך אין שולע, אין קלאַס און אויף אַ לעקציע צו וועלכער כ׳האָב זיך שוין נישט צוגעהערט, מחמת כ׳בין געווען פאַרנומען מיט באַשרייבן (אונטער דער באַנק, אויף די קני) — דאָס געזעענע אויף דער שויב, וויזט אויס, אַז כ׳האָב געמוזט שוין זיין גאַנץ טיף אין דער געדיכ־

טעניש פון זילבערנעם וואַלד און אין וואַלד פון פּאָעטישע מחשבות, ווייל כ׳האָב נישט באַמערקט ווי דער לערער איז מיר געשטאַנען הינטער די פּלייצעס און געוואַרט, אַז כ׳זאָל זיך אומקערן פון וואַנען כ׳בין אַוועק... נישט קאָנענדיק דערוואַרטן זיך — האָט ער מיר סוף כל סוף דערלאַנגט פון הינטן אַ כאַפּ פאַר דער האַנט, ווי ער וואָלט מיך אויף דער הייסער מינוט געכאַפּט ביי אַ גניבה, געטאָן פון אונטער די וואָנסעס־אַפּער, אַ שפּאָטישן פאַרצי: וואָ־ט אי פּיסאָטעל! (אָט איז אַ שרייבער), און — אַוועק מיט מיין באַשריבן פּאַפּיר, צום שוואַרצן טיש זיינעם, די אַזוי־גערופענע „קאַטעדרע״, פאַר וועלכער, די שילער, פלעגן אַרויסגערופענע, שטיין ווי פאַר אַ טריבונאַל...

כ׳בין געזעסן ווי אַן אָפּגעמשפּטער ערב דער עקזעקוציע. די שילער אַרום מיר האָבן, ווער מיט באַהאַלטענעם חוזק און ווער מיט מיטלייד — געוואַרט אויף מיין פּסק־דין, און נייגעריק געלאָפּן מיט די אויגן, פון מיר צום לערער און צוריק. דער לערער, וואָס האָט ווי אין אַלע ערנסטע פאַלן, אָנגעזאָטלט די נאָז זיינע, מיט די גרויסע שפּאַקולן — האָט זיך דענער־ווירט, געבורטשעט עפּעס אונטער דער נאָז, גערוקט די ברילן אַרויף, דאָ — דערווייטערט, דאָ — דערנענטערט דאָס פּאַפּיר פאַר די אויגן, נישט געקאָנט אַרויסקריכן, ריכטיקער געזאָגט: אַריינקריכן אין מיין „מאַנו־סקריפּט״ און — ענדלעך, שטרענג אַ רוף־געטאָן מיך צו זיך און גענומען מיך אויף אַ פאַרהער, וואָס כ׳גיב איבער נישט אין זיין שפּראַך, נאָר אין מיין שפּראַך:

— אויף וואָס פאַראַ לשון איז דאָס געשריבן? — האָט ער מיר ווי געשטופּט דאָס פּאַפּיר אין פּנים־אַריין.

— אויף יידיש, הער לערער — האָב איך געענטפערט, און אַ היץ האָט מיך באַשלאָגן.

— אויף יידיש?! אפשר אויף טערקיש! — איז ער אַן אויפגעע־קאָכטער אויפגעשפּרונגען, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, און אַרויס אויף מיר מיט אַן אמתן ירגזון:

— וואָס פאַראַ שפּאַס דאָ טרייבן מיט מיר, מחוצף איינער! ווערסט שוין ביי מיר שפּאַסן, שרייבער מיינער! כ׳וועל דיך שוין אויסלערנען דרך־

ארץ! וועסט שוין ביי מיר ענטפערן, כ׳וועל דיר שוין — — — כ׳האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אויפקלערן דאָס מיספאַרשטייעניש. נאָר — אומזיסט! דער לערער האָט געהאַלטן אין איין קאָכן און זידן ווי אַ קעסל, נישט געלאָזט מיך קומען צום וואָרט און צום סוף אַ געשריי־געטאָן: מאַרש!

אין יענעם טאָג בין איך דאָס ערשטע מאָל אַהיימגעקומען פון גימנאַזיע מיט אַ „דוואָיקע" (אַ צוויי) פאַר „פּאָוויעדיעניע און ווניִמאַניע". און מיט מיין ערשטן ליטעראַרישן דורכפאַל, פאַר שרייבן מיין ערשטע יידישע „סאָטשיניעניע" (חיבור) אין רוסישער טראַנסקריפּציע...

מײַנע חלומות

איך געדענק נישט וואָס איך זאָל האָבן געענטפערט ווען מען האָט מיך קלײנערהייט געפרעגט, וואָס איך וואָלט וועלן זײַן, ווען כ׳וועל ווערן גרויס; כ׳בין אָבער זיכער, אַז ווען מען וואָלט עס מיך געפרעגט בעת מײַן זײַן אַ משורר ביי סיראָטאַן און אפילו מיט אַ סך יאָרן שפּעטער — וואָלט איך געװוען געענטפערט, אַז כ׳וואָלט געוואָלט זײַן אַ מוזיקער, אַ שפּילער אָדער זינגער, מעג עס זײַן אפילו אַ חזן — נאָר אַזאַ ווי סיראָטאַ איז געוועזן, אָדער: אַ דיריגענט ווי לעאָ ליאָוו, אונטער וועמענס שטעקעלע איך האָב געזונגען און נישט געוווּסט נאָך פון קײן אַנדערן דיריגענט מיט אַ נאָמען.

נישט אומזיסט האָלט איך, אַז די בעסטע און שענסטע יאָרן מײַנע, זענען געוועזן אין מײַן עלטער פון נײַן ביז פערצן יאָר, ווען כ׳בין מיט גרויס חשק און ליבע געגאַנגען מינדעסטנס אײך מאָל אינדערוואָך צו רעפּעטיציע, און יעדן שבת און יום־טוב — צו עבודת־הבורא. אַ באַזונ־דערע דערוואַקסנקייט און חשיבות האָט מיר צוגעגעבן מײַן אָנטײלנעמען אויף אַ רײַכער, פּײַערלעכער חתונה אָדער לוויה־צערעמאָניע, אָבער נאָך מער האָב איך זיך איבערגענומען מיט מײַן באַטײליקן זיך אַמאָל אויף אַ רעליגיעזן קאָנצערט, אָדער מיט אַרײַנזינגען צוזאַמען מיט סיראָטאַן אין גראַמאָפאָן־פּלאַטן.

נישט אומזיסט האָב איך אין דאָס רוב פון מײַנע חלומות אין שלאָף געזען דאַן העלע בילדער און סצענעס פון דערפאָלגרײַכע דערגרײכונגען אין מײַן פריער מוזיקאַלישער קאַריערע. זײער אָפט פלעגט זיך מיר חלומען, אַז איך שטײ אונטער אַ ים פון ליכט, אויף אַן עסטראַדע פון

אַ ריזיקן קאָנצערטזאַל, און זינג אונטער דער באַגליטונג פון אַן אָר־קעסטער אָדער קלאַוויר, פאַר טויזנטער מענטשן, וואָס נעמען נישט אַראָפּ פון מיר די אויגן, שענקען מיר נאָך יעדן ליד אַ שטורעם פון אַפּלויז, וואָס פלעגט מיך אויפוועקן פון שלאָף און — מיר ווייזן דאָס ווירקלעכע פּנים פון מיין נישט פריילעכער קינדהייט, אין מיין נישט היימלעכער היים...

נאָך מער ווי דאָס חלומען פון מיין זינגערישער קאַריערע, פלעג איך חלומען, אַז איך פיר אָן מיט אַן אָרקעסטער אָדער כאָר, אָדער ביידע צוזאַמען. געצומען האָט זיך עס פון מיין באַזונדערער שוואַכקייט צום „שטעקעלע", פאַר וועלכן כ'בין מיין דיריגענט ליאָון באַזונדער מקנא־געווען, און ביי יעדער געלעגנהייט, ווי נאָר ליאָוו האָט עס אויף אַ מינוט אַוועקגעלייגט — אַ נעם־געטאָן אין דער האַנט, און קיינער זאָל נישט זען — אַ פיר־געטאָן דערמיט איבער דער הוילער לופט, כדי פון עס אַרויסצוכישופן דעם האַרמאָנישן צוזאַמענגוס פון שטימען און טענער...

בכדי צו האָבן די פולע אילוזיע, אַז איך בין, אָדער דאַרף ווערן אַ דיריגענט — פלעג איך נישט איינמאָל איינלאַדן צו מיר אַהיים אַ כאַפּטע זינגערלעך פון מיין עלטער, און באַווירקן זיי, זיי זאָלן אין כאָר זינגען אונטער מיין רעזשי...

אַזעלכע וואָקאַלע היים־קאָנצערטן אויף וועלכע איך בין אויפגעע־טראָטן אַלס סאָליסט אָדער דיריגענט — זענען ביי מיר אינדערהיים אָדער ביי עמעצן פון מיינע חברים, זינגערלעך — פאָרגעקומען זייער אָפט, און געדויער'ט ביז צום טאָג פון מיין אויפהערן זינגען אין דער וואַרשעווער טלאָמאַצקער „סינאַגאָגע".

יענעם טאָג, ווען לעאָ ליאָוו האָט מיר דערקלערט, אַז איך האָב שוין נישט מיט וואָס צו זינגען, און אַז מיין קאַדענץ איז געענדיקט — יענער טאָג איז פאַר מיר געווען דער פינצטערסטער טאָג פון מיינע פינף זינגענדיקסטע יאָרן; ס'האָט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן, און ס'איז מיר געבליבן נישט מער ווי צו וואַרטן עס זאָל זיך מיר אויפן אָרט פון מיין פאַרלוירענעם „אַלט" — אָפּזוכן עפּעס אַ שטיקל טענאָר אָדער באַריטאָן־שטים, צו קאָנען ווייטער זינגען, אָבער שוין נישט אַלס משורר ביי אַ חזן, נאָר אַלס חזן אָדער אָפּערע־זינגער.

בערך פינף יאָר צייט האָב איך געוואָרט אַזוי אויף דער „כלי״ מיינער, ביז כ׳האָב, ענדלעך, צוזאַמען מיט מיין אַנדייטונג אויף באָרד און וואַנסעס — באַקומען אויך אַן אַנדייטונג אויף אַ טענאָר, וואָס איז אָבער געווען צו קליין פאַר מיינע גרויסע געזאַנג־אַספּיראַציעס, כאָטש געווען בין איך זיכער, און געהערט האָב איך אויך פון מבינים, אַז כ׳וואָלט מיט מיין קליינער טענאָר־שטים געקאָנט באַווייזן די קונסט פון זינגען, מער ווי אַ סך זינגער מיט גרויסע שטימען. צו ממשותדיק דערשלאָגן זיך צו עפּעס, האָבן מיר, אָבער, אויסגעפעלט דריי זאַכן: איניציאַטיוו, אַ ביסל חוצפה, און די מאָראַלישע און מאַטעריעלע אונטערשטיצונג. צוליב די דריי זאַכן בין איך נישט געוואָרן קיין זינגער אָדער מוזיקער, און געבליבן בלויז אַ ליידנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון געזאַנג און מוזיק.

ווי אויף צו געפינען אַ טרייסט אין מיין נישט־פאַרווירקלעכטן חלום צו ווערן אַ זינגער אָדער מוזיקער — האָב איך זיך אַ נעם־געטאָן צו מאַלעריי. אינספּירירט צו מאָלן האָט מיך דעם טאַטנס אַזוי־גערופענע „פאָטערשטול״, וואָס האָט פּסח, צו דער סדר־נאַכט, געדינט אַלס היסב־בעט. געהאַט האָט די שטול אַ האַלב־רונדן געפלאָכטענעם, שטרויענעם גע־זעס מיט אַ נידעריקן, ברייטן באַקוועמען אָנלען, און געשטאַנען איז זי אייביקע יאָרן, ווי מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אויבן־אָן ביים שווערן דעמבענעם טיש, אַרום וועלכן ס׳זענען געווען צעשטעלט נאָך אַ האַלב טוץ שטולן פון דער זעלבער „משפחה״, נאָר מיט אויפגעהויבענע גלייכע פּלייצעס...

אַז כ׳האָב געענדיקט צייכענען דעם טאַטנס שטול, האָב איך זיך אַ נעם־געטאָן צום טאַטן אַליין, צום טאַטן נישט פון אָריגינאַל, נאָר פון אַ קליין פאָטאָגראַפיש בילדל, פון וועלכן כ׳האָב מיט אַ פּשוטער בליי־פעדער געמאַכט גאָרנישט קיין שלעכטן גרויסן פּאָרטרעט, און באַלד נאָך אים — דער מאַמעס פּאָרטרעט און נאָך עטלעכע פאַרגרעסערטע בילדער פון מלכים און קעניגינס, וואָס כ׳האָב געפונען אין די לערנביכער פאַר געשיכטע.

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ געוויסע צייט, ביי דער „שוואַרצער אַרבעט״ פון בליי און קויל — האָב איך זיך גענומען צו פּאַסטעלן און איילפאַרב, און

מיט אַ כּך לעבן — געמאָלט די „טויטע נאַטור" און „שטילע לעבנס" — וואָס האָבן געשריגן מיט זייער פאַרבן־רייכקייט...

נישט זייענדיק זיכער מיט מיין מאָלערישן טאַלאַנט, ווי כ׳בין זיכער־געווען מיט מיינע מוזיקאַלישע פעיקייטן — האָב איך נאָך עטלעכע בילדער־אויסשטעלונגען, וואָס כ׳האָב געהאַט ביי מיר אינדערהיים — אַוועקגעוואָרפן די מאָלעריי פון וועלכער ס׳איז מיר געבליבן אַ פאַרביקע וואַרעמע דערינערונג, און אַ ליבע צו אַ גוט בילד.

וואָס שייך מיין חלום צו ווערן אַ מוזיקער — איז ביי מיר, אויסער דער גרויסער ליבע צו מוזיק — געבליבן אַ שוואַכקייט צו אימפּראָוויזירן און צו שאַפן מעלאָדיעס צו מיינע אייגענע לידער.

מען זוכט פאַר מיר אַ תכלית

נאָך דעם ווי כ׳האָב צוליב נישט קאָנען צאָלן דעם שכר־לימוד, איבערגעריסן ביים צווייטן קלאַס, מיט מיזלערס רעאַל־גימנאַזיע, בין איך, ווי אין די חדר־יאָרן „בין־הזמנים״ — געבליבן אינדערהיים, אַרומגע־שלעפּט זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן און איבער די הינטערשטאָטישע פעלדער און באַן־סטאַציעס; אָנגעהויבן פונדערנאָענט באַטראַכטן און באַ־וואונדערן גאָטס וועלט, וואָס איז פאַר מיר די גאַנצע צייט געלעגן ווי אומ־באַקאַנט, הינטערן רוקן פון מיין געסל, די ניזקע, וואָס געראופן האָט מען עס „דאָס טויטע געסל״.

מיין פוסט און פאַסטעווען האָט אָנגעהויבן באַזאָרגן און באַלאַסטן טאַטע־מאַמען מיט אַ נייעם פּופּצן־יעריקן לײדיקגייער און אומזיסטן פרעסער... זיי האָבן עס פאַר מיר, וואָס אַן אמת, נישט געבראָכנט פונעם מויל אַרויס, און נישט געגעבן מיר אפילו אָנצוהערן דערויף, מחמת דאָס אויפהערן לערנען־זיך איז נישט געווען מיין שולד, ווי ס׳איז נישט געווען אויך זייער שולד; פונדעסטוועגן האָב איך די איבעריקייט מיינע, אָנגע־הויבן אַרויספילן, איבערהויפּט טאָקע בעתן עסן, ווען ביים טיש זענען געזעסן נאָך איין יונגערער, און פיר עלטערע לײדיקגייער און אומזיסטע פיקער — די ברידער מיינע, צו וועלכע איך רעכן נישט צו מיין איינציקע שוועסטער, די עלטסטע פון אַלע זעקס קינדער, וואָס האָט שוין ווי־עס־איז צוגעהאָלפן דער מאַמען אין שטוב, און פאַרדינט זיך דאָס עסן...

נאָך לאַנג פוסט און פאַסטעווען האָט די מאַמע מיינע, ווי אַלע מאָל, די ערשטע — אַ פרעג געטאָן וועגן מיר דעם טאַטן: וואָס וועט זיין? ווי לאַנג וועט ער זיך אַזוי אַרומדרייען מיט גאָרנישט? געפרעגט האָט זי עס

כדי צו דערמאָנען דעם טאַטן, אַז ער איז אַ טאַטע, און אַז נאָר אַ טאַטע און נישט קיין מאַמע — דאַרף זאָרגן פאַר אַ קינד און זען פאַר אים אַ תכלית.

נאָך אַ סך מאָל דערמאָנען, דערמאָנען מיט גוטן און מיט בייזן — האָט די מאַמע סוף־כל־סוף געפועלט ביים טאַטן, אַז ער זאָל אַ טראַכט־טאָן וועגן מיר, און דער טאַטע האָט זיך אָן עצה־געהאַלטן מיט קרובים און פריינט און אַלע אײנאײנעם האָבן אויסגעפונען, אַז פאַר אַ בעל־מלאכה וועל איך נישט טויגן, ווייל איך בין אַ „צו אײדל ײנגל", וועלכן מען דאַרף זען „אַרײנדרייען" אין עפּעס אַ לײטיש געשעפט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש, אַ נאָכפרעגן זיך ביי דעם, ביי יענעם, ביז כ'בין, ענדלעך, אין אַ מזלדיקער שעה געוואָרן אַ... שיק־ײנגל אין אַ געשעפט פון מיליטערישע הצטרכותן.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז נאָך אין די חדר־יאָרן, בעת כ'האָב אין אַ פרײַען טאָג זיך אַרויסגעלאָזט איבער די וואַרשעווער גאַסן, איז מײן באַליבטסטע גאַס געווען די מיאָדאָווע, וואָס ײדן האָבן זי גערופן: מעד־גאַס. מעגלעך, אַז ליב־געהאַט די דאָזיקע גאַס האָב איך טאַקע דערפאַר, ווייל אין איר האָט זיך געפונען דאָס דאָזיקע געשעפט פון מיליטערישע זאַכן, וואָס האָבן גערײצט מײן קינדישע פאַנטאַזיע.

ווי יעדעס יונגע ײנגל, וואָס חלומט וועגן זײן שטאַרק און העלדיש, און איז פול מיט באַוווּנדערונג און דרך־ארץ צו דעם, וואָס טראָגט אַ מיליטערישן מונדיר — פלעג איך לאַנג, לאַנג אָפּשטײן פאַרן שויפענצטער פונעם מיליטערישן געשעפט, זיך געשפּיגלט אין די צוויי בלאַנקע שווערדן, וואָס האָבן ווי אין אַ געפעכט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער גרויסער שויב אויף וועלכער ס'זענען געווען צעהאָנגען זילבערנע און גאָלדענע מעדאַלן און פאַר־ביק־עמאַלירטע אָפּצײכענונגען אין דער פאָרם פון צײלעמלעך. שטאַרק געפעלן איז מיר אויך דער מאַנעקין, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גענע־ראַלסקן מונדיר מיט געפרענזלטע עפּאָלעטן, ווי די באַרשטן, און געטראָגן אַ שטאָלענעם העלם מיט אַן אָדלערקרוין פון פאָרנט — אויף אַ שטעקן, אָנשטאָט אויף אַ קאָפּ...

צוליב די, און נאָך אַזעלכע „וווּנדערלעכע" און „אינטערעסאַנטע" זאַכן — האָב איך שטאַרק מקנא־געווען דאָס ײנגל, וואָס כ'האָב שטענדיק

געזען קערן דאָס געשעפט, ווישן די שויבן, אָדער איבערפּוצן מיט קרייד די מעדאַלן...

אַז איך בין אָנגעקומען אין דאָזיקן געשעפט אַריין, האָב איך געטאָן די זעלבע אַרבעט, וואָס עס האָט געטאָן אַמאָל יענץ ייִנגל און — געווען דערפון זייער צופרידן. פון גיין „אַ גאַנג" בין איך אָבער געווען צופרידע־נער; ערשטנס, ווייל כ'האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך דורכצוגיין אַביסל און צו זען אויפן וועג נאָך אַ סך געשעפטן מיט גרויסע שויפענצטער פול מיט שיינע זאַכן; צווייטנס, איז אַזאַ גאַנג געווען פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, ווייל געשיקט האָט מען מיך על־פּי־רוב אין אַזעלכע ערטער ווו נישט יעדער פשוטער ציווילער מענטש, בפרט אַ ייד — האָט געקאָנט אין זיי אַריינקומען; דריטנס, פלעג איך פאַר אַזאַ טרחה קריגן „נאַ פּיוואָ" און פאַר דעם געלט גיין אין קינאָ אָדער עסן ביים „טערק" זיס געבעקס...

באַשטאַנען איז אַ גאַנג אַזאַ: אין אָפּטראָגן עפּעס אַ חפץ צו אַ רו־סישן אָפיציר אָדער פּולקאָווניק, און אפילו צו אַ גענעראַל. צום בעסטן האָב איך מיך געפילט, געדענק איך, ווען מען האָט מיר געגעבן אָפּצוטראָגן אַ שווערד, פאַר וועלכער כ'האָב געהאַט אַ באַזונדערן יראת־הכבוד, און כ'פלעג זי, אַ געוויקלטע אין פּאַפּיר, דורכטראָגן דורך דער גאַס, ווי אַ פרומער ייד טראָגט להבדיל, אַ לולב...

איינמאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען אָפּצוטראָגן אַ שווערד אין סאַמאַראָדנעם אַלטן שלאָס ביי דער ווייסל, איז מיט מיר געשען אַזאַ קאָמי־שע געשיכטע:

בעת כ'בין אַריין אין די הייך פונעם שלאָס און אַנגעהויבן בלאָנ־דזשען איבער טרעפּ, קאָרידאָרן און טירן, האָב איך, אויפמאַכנדיק אַ טיר — זיך געפונען אין אַ ריזיקן זאַל, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט שווערע זשיראַנדאָלן און מיט בילדער, וואָס האָבן מיט זייער גרייס באַדעקט די ווענט פונעם סופיט ביז צום דיל. געווען זענען עס מלחמה־בילדער און בילדער פון פירשטן, קניאַזן, ריטער און קריגסהעלדן רייטנדיק אויף פערד. כ'געדענק נישט צי פון גרויס איבעראַשונג, וואָס איך האָב אויף איינמאָל דערזען אַזוי פיל בילדער, צי פון שרעק, וואָס איך האָב זיך פלוצלינג דערזען איינער אַליין אין אַזאַ גרויסן זאַל — האָב איך זיך מיט

דער שווערד אין האַנט געטאָן אַ גליטש־אויס אויף די גלאַנציקע פּאַרקעטן און — אַ פֿאַל־געטאָן מיט אַ קלינגענדיקן זעץ מיט דער שטאָלענער שווערד אָן דיל; כ׳האָב נאָך אָבער נישט באַוויזן צוריק זיך אויפֿצושטעלן, האָבן זיך, ווי מיט איינמאָל געעפֿנט עטלעכע זייטיקע טירן, און אַ פּאָר דערשטוינטע פּנימער פֿון מיליטעריש־מונדירטע האָבן נאָך געטראָפֿן מיך ליגן נעבן דער מיטלסטער וואַנט, אונטער די געקאָוועטע פּיס פֿון אַ געמאָלט פֿערד, וואָס איז געשטאַנען דיבאָם אויף די צוויי הינטערשטע פּיס און געוואָלט פֿון זיך אַראָפּניזוקן אַ מיליטערישן רייטער מיט שוואַרצע גראָבע וואָנסעס אויף אַן אָנגעצויגן ביז פּנים.

ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, שוין אין דער אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה פֿון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מיר איז אין אַ זונטיק אויסגעקומען צו באַזוכן דעם זעלבן שלאָס — האָב איך אַריינקומענדיק אין זעלבן זאַל, זיך דערמאָנט אינעם דאָזיקן עפּיזאָד, און זיך ערשט דערוווּסט, אַז כ׳בין פֿאַלנדיק מיט דער שווערד אין האַנט — געלעגן פֿאַר די פּיס פֿון אַ צעבריקעט פֿערד פֿון מאַטעיקאָס „ביטוואַ פּאָד גרונוואַלדעם״ (די שלאַכט הינטער גרונוואַלד).

נישט לאַנג נאָך דער געשיכטע מיט מיין פֿאַלן מיט דער שווערד אין האַנט, זענען צוליבן טויט פֿון אַ פּולקאָווניק געפֿאַלן אַלע מיינע האָפֿענונגען צו מאַכן אַ מיליטערישע קאַריערע...

די מעשה הערפֿון איז געווען אַזאַ:

בעת דעם פּולקאָווניקס לוויה איז מיט מיליטערישן פּאַראַד געגאַנגען דורך דער זעלבער גאַס און פֿאַרביי דעם געשעפֿט ווו איך בין געווען אָנגעשטעלט, האָב איך ווי אַ מחותן מיט מלכות — זיך אַרויסגעשטעלט אינדרויסן פֿאַר דער טיר, כדי צו זען, און דער עיקר: צו הערן דעם מיליטערישן אָרקעסטער, וואָס האָט גראָד געהאַלטן אין שפּילן שאָפּענס טרויער־מאַרש; כדי צו הערן אים ביז צום סוף, האָב איך געמאַכט עטלעכע טריט פֿון דער טיר און בין דורכגעגאַנגען אַזוי די גאַנצע מעד־גאַס; דער אָרקעסטער האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט, געשפּילט איין טרויער־מאַרש נאָכן אַנדערן, און איך האָב געהאַלטן אין איין צוגעבן נאָך אַ טראָט און נאָך אַ שפּאַן, און אומבאַמערקט — געלאָזט אַזוי אַ גאַס נאָך אַ גאַס הינ־

טער זיך. ווען כ'האָב זיך געכאַפּט, אַז איך דאַרף שוין גיין צוריק — האָב איך זיך געפונען אויפן פּראַוואָסלאַוונעם בית־הקברות — דריי קילאָמע־טער ווייט פון געשעפט...

אַז די מאַמע מײנע איז אויף צומאָרגנס אַוועק צו מיין „פּרינציפּאַל" געוואויר־ווערן הלמאי ער האָט מיר געהייסן גיין אַהיים, האָט ער איר גע־עצהט מען זאָל מיך זען צו מאַכן פאַר אַ מוזיקאַנט...

טאַטע־מאַמע האָבן מיך פאַר אַ מוזיקאַנט נישט געמאַכט און געפונען פאַר מיר אַ צווייטן פּאָסטן, אין אַ געשעפט פון שפּילצייג. אין אָנהויב איז מיר אפילו געפעלן מיין נייער פּאָסטן: עס האָבן מיך געוויילט די כל'ערליי המצאותן, וואָס זענען געלעגן אין די שפּילצייג, וואָס כ'האָב קינדוויַיז זיכער נישט געהאַט, און ס'איז נאָך געווען דערביי אַ געלעגנ־הייט סתם זיך צו באַקענען מיטן גרויסן און רייכן רעקוויזיט פון דער קינדערוועלט. צוליב דעם וואָס קיין סך צו טאָן האָב איך אין געשעפט נישט געהאַט — איז מיר דער צווייטער פּאָסטן זייער גיך נמאס־געוואָרן און כ'האָב אָנגעהויבן צושטיין צום טאַטן, ער זאָל געפינען פאַר מיר עפּעס ערנסטערס ווי שפּילן זיך מיט שפּילצייג, און — כ'בין ווידער געבליבן אָן אַ פּאָסטן.

טאַטע־מאַמע האָבן אָבער נישט אויפגעגעבן זייער האָפענונג צו זען מיך אַלס משרת, ווי יעדעס „לייטישע" קינד פון אַ „לייטישער" היים און, האָבן מיך, נאָך חדשים לײדיק־גײן, ווידער „אַרײנגעדרייט" אויף אַ פּאָסטן, וואָס האָט זיך געפונען אין האַרץ פון יידישן וואַרשע: אויף נאַלעווקעס. געווען איז עס אין אַ געשעפט פון סאַמע איידעלע אַרטיקלען, ווי: זייד אויף שפּולן, גאַרן, קאַמגאַרן, כוואַסטן, שנורן, פרענדזן, דזשעט וכדומה אַזעלכע זאַכן. אויך אויף מיין דריטן פּאָסטן האָב איך, ווי יעדער צוקונפטי־קער „מענטש" אין אַ געשעפט — געדאַרפט קערן, ריינהאַלטן און גיין אַ „גאַנג". ס'איז שוין אָבער נישט געווען דאָס גיין מיט שפּילצייג פאַר קינדער, און נאָך פריער — מיט שווערדן צו אָפיצירן און פּולקאָווניקעס. געווען זענען עס גענג צו יידישע בעלי־מלאכות און אַרבעטער: שפּולער און שפּולערינס, שפּינער, וועבער, העפטער, פלעכטער א.ד.ג. מיט די גענג האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל אָנגעשטויסן אָן דער נויט און אָרעמקייט

פון די אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס, וועלכע כ׳פלעג אַלס חדר־ייִנגל זען לויפן אין אײן אָטעם — געיאָגט פון קאָזאַקישע פערד און נאַהייקעס — פון די אַמאָליקע אַרבעטער־בערזעס.

אַ דאַנק דעם דריטן פּאָסטן מײַנעם, האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן פאַרטראַכט איבער דעם סוד פון מאַכן גרויסע רווחים פון גאָרנישט טאָן מער, ווי: לויפן מיטן קאָפּ, ווינקען מיט די אויגן און דרייען מיט דער צונג — ווי כ׳האָב עס געזען בײַ מײַנע דרײַ באַלעבאַטים, שותפים: געפּוצטע חסידים, וואָס פלעגן פון וווילטאָג רעדן ניבול־פּה, זיך פאַרהערט מיטן משרת, דעם „גאָלע בראָדניק" — אין דערציילן פעטע געפעפערטע וויצן, און דערכאַפּט זיך די „פאַרחלשטע הערצער" מיט געגנדזלעך און ביר, וואָס איך פלעג לויפן ברענגען, און אויך קריגן אָפּצולעקן אַ ביין...

צוליב מײַן פאַרנעמען זיך מיט די סודות פון זייערע רווחים, און פאַר נאָך אַזעלכע סודות, וועלכע כ׳האָב אָנגעהויבן אַרויסטראָגן פון „חדר" — האָט מען מיך נאָך אַ קורצער צײַט אַרבעטן — אָפּגעזאָגט אויך פון מײַן דריטן פּאָסטן.

אַלס מאָטיוו פאַר אָפּזאָגן מיך, האָבן מײַנע באַלעבאַטים אָפן און ציניש דערקלערט, אַז כ׳בין צו ערלעך אויף צו ווערן אַ געשעפטמאַן...

נאָך אַזאַ דערקלערונג האָבן טאַטע־מאַמע אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו מאַכן פון מיר אַ סוחר.

מיין פראָלעטאַרישע שול

אויב דאָס לעבן אַליין איז די בעסטע שול, איז די בעסטע פּראָלע־טאַרישע שול: האָבן געהאַט אַ לעבן פון נויט און דחקות, אָדער: האָבן געלעבט פון אַרבעט — פאַר אַ הונגערלוין. די ערשטע העלפט פון דער דאָזיקער שול בין איך דורכגעגאַנגען מיט אַן „אויסצייכענונג"; וואָס שייך דער צווייטער העלפט, בין איך, לײַדער, צוליב טאַטע־מאַמעס חלום צו מאַכן מיך פאַר אַ „סוביעקט" און צו זען מיך אַלס „מענטש" ביי יענעם — קיינמאָל נישט געווען קיין אַרבעטער בפועל ממש, אַזוי, אַז מיין פּראָלע־טאַ־ישע אויסבילדונג, וואָס איז מער אַ טעאָרעטישע ווי אַ פּראַקטישע — האָב איך צו פאַרדאַנקען דער אַרבעטערהיים אויף קאַרמעליצקע נומער 23, פון געוועזענעם יידיש־וואַרשע. געווען איז די אַרבעטערהיים דער קלוב פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, אין וועלכער איך, ווי אַ סך יוגנטלע־כע אויך אין אַנדערע פּאַרטייען — בין געקומען נישט מיט קיין באַוווּסט־זיניק־אידעאָלאָגישער פאַרבערייטונג, נייערט — גאַנץ צופעליק געוואָרן אין איר אַריינגעצויגן אויף אַ סך, אַ סך יאָרן.

דער צופאַל, וואָס האָט מיך געבראַכט צו דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז געווען: אַן ערשטער מאַי, גענויער: אַן ערב דעם ערשטן מאַי.

געווען איז עס אין פּוילנס דייטשישע אָקופּאַציע־יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין איינעם אַן אָוונט פאַרן ערשטן מאַי האָב איך צופעליק אַריינשפּאַצירט אין דער קאַרמעליצקע גאַס, און אַ נייגעריקער — געבליבן שטיין פאַר אַ הויז, וואָס האָט צוליב דער גרויסער באַוועגונג אַרום אים — געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. דורכן טויער פונעם דאָזיקן הויז, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער 23, זענען אַן אויפהער געגאַנגען

אַריין און אַרויס הייטערע גרופּקעס יוגנטלעכע אַרבעטער־מיידלעך און יינגלעך מיט רויטע שלייפלעך צוגעשפּילעט צו די לאַצן פון זייערע רעקלעך און בלוזעס. אויך די אָפענע פענצטער און דער באַלקאָן פונעם ערשטן שטאָק אינעם זעלבן הויז זענען פול־געווען מיט יוגנטלעכע, מיטע־לע און עלטערע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעזען זייער יום־טובדיק און ווי אין דערוואַרטונג אויף עפּעס גרויס און וויכטיקס. צוליב מיין גרויסער נייגעריקייט, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און דרייסטקייט אַריינצוגיין אין טויער, און פון טויער — בין איך אַזוי אַרויף אויף די טרעפּ, איבער וועל־כע מען האָט געהאַלטן אין איין גיין און אין איין שטראָמען צום לעבעדיק־טומלענדיקן ערשטן שטאָק, און נישט פילנדיק ווי אַזוי — בין איך געוואָרן מיטגעריסן און אַריינגעצויגן אין אַ גרויסן פול־געפּאַקטן זאַל, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט גרינס אַרום רויטע אויפשריפטן, און דער עיקר: מיט אַ סך רויטע פענער אויבן־אָן אויף דער סאַמע מזרח־וואַנט, אויף דער בינע, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען אַ לאַנגער רויט־געדעקטער טיש מיט שטולן, וואָס אויך זיי זענען געשטאַנען ווי אין דערוואַרטונג...

איידער וואָס און ווען — האָב איך זיך דערזען זיצן אויף איינער פון די ערשטע בענק, פון וועלכע איך וואָלט זיך דורך דער ענגשאַפט בשום אופן נישט צוגעקריגן צום אַרויסגאַנג — ווען כ׳וואָלט עס אפילו געוואָלט. ווען אַלע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן שוין העל געברענט, האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן, וואָס עס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן:

אַ גרופּע יוגנטלעכע מיט רויטע „שטורעם־פענער״ אין די הענט, האָבן פון ביידע זייטן ווענט גענומען אַרויפמאַרשירן אויף דער אָפענער בינע און זיך צעשטעלט אין אַ האַלבראַד; באַלד נאָך זיי זענען באַגלייט פון הילכיקע הענט־פּאַטשערייען — אַרויף אַ גרופּע עלטערע יום־טובדיק געקליידטע מענער און פרויען, וואָס האָבן פאַרנומען די שטולן אַרום טיש; איינער פון זיי האָט דערקלערט די אַקאַדעמיע פאַר געעפנט, און איינער נאָכן אַנדערן האָבן מיט אַ פייערלעכן טאָן גענומען רעדן צום פאַר־זאַמלטן עולם מעגינא דיומא: וועגן דער באַדייטונג פונעם ערשטן מאַי.

נאָך דער דאָזיקער מאַי־אַקאַדעמיע, וואָס איך בין דאָס ערשטע מאָל דאָן בייגעווען — האָב איך באַשלאָסן אויך צו זען דעם צווייטן „ספּעק־

טאָקל״: די מאַי־דעמאָנסטראַציע, צו וועלכער איינער פון די לעצטע רעדנער האָט גערופן.

צו דער באַשטימטער שעה און אויפן באַשטימטן אָרט, בין איך אויף־צומאָרגנס ווידער אַוועק אויף קאַרמעליצקע 23. פאַרן טויער פון דער אַרבעטערהיים האָט שוין, ווי אין אַ בינשטאָק, גערוישט און גערעשט מיט אַן אַרבעטער־עולם, וואָס איז פון מינוט צו מינוט געוואַקסן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסשטעלן־זיך אין רייען אין מיטן דער גאַס, און דאָס אַרויסשטעלן די פאָנען־טרעגער פאָרויס, און די טראַנספּעראַנטן־טרעגער — צווישן די סעקציעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; ענדלעך האָט מען זיך איינגעשטעלט, דער „צוג״ האָט גערירט און — איך בין געבליבן שטיין אָן אַ זייט, ווי אַ פאַרגעסענער — כאָטש די שולד דערין איז געלעגן אין מיר אַליין; ס׳האָט מיר פּשוט אויסגעפעלט מוט און דרייסטקייט אַריינצוגיין אינעם לאַנגן „צוג״ און מיטצוגיין מיט אַזוי פיל פרעמדע און אומבאַקאַנטע...

נאָכן דאָזיקן „דורכפאַל״ מיט מיין ערשטן ערשטער מאַי — האָב איך פונדעסטוועגן אָנגעהויבן אַריינצושמעקן אין אַרבעטערהיים, אַזוי, אַז נאָך אַ קורצער צייט האָב איך שוין געוווּסט דאָרט ווער ס׳איז ווער און ווער ס׳איז וואָס; געוואָרן אַ היימישער, אַן אייגענער; אָנגעהויבן הערן אין אַרבעטערהיים לעקציעס איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס האָבן מיך אָבער נישט אַזוי אינטערעסירט ווי די לעקציעס איבער ליטעראַטור — מיטן טראָפּ אויפן סאָציאַלן אינהאַלט. מער ווי פון די אָפיציעלע רעפעראַטן און לעקציעס — האָב איך אין די אָוונטן „געלערנט״ פון די כסדר־דיקע ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס ארום די באַזעצטע טישלעך מיט אַר־בעטער, וואָס האָבן מיט זייער אופן דיסקוטירן, דערמאָנט אַ ישיבה אין וועלכער מען האָט מיט ברען געלערנט אַ בלעטל מאַרקס, ענגעלס, אַ קאַפּיטל באָראָכאָוויזם און — שטענדיק געהאַלטן אין איין זוכן אַ סינטעז, אַן אידעען־פאַרבינדונג צווישן פּראָלעטאַרישן ציוניזם און סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם. איך קאָן נישט זאָגן, אַז כ׳האָב זייער פּשט און דרש ריכטיק פאַרשטאַנען, מחמת קאָנען די פּועלי־ציוניסטישע תורה איז פאַר אַ יוגנטלעכן, און אפילו פאַר אַ דערוואַקסענעם — גאָרנישט געווען אַזאַ

לייכטע זאַך — בפרט אין די צוואַנציקער יאָרן פון נאָך דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען אויך אין דער יידישער אַרבעטערגאַס אין פּוילן האָט מען געדאַרפט נעמען שטעלונג צו: דיקטאַטור אָדער דעמאָ־קראַטיע.

אין די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וואָס דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד האָט אין יענע יאָרן אַנגעטראָגן קיין פּוילן — האָב איך אָנגע־שריבן מיינע ערשטע סאָציאַלע לידער; געשריבן האָב איך זיי טאַקע אין דער אַרבעטערהיים, אין די אָוונטן, ווען דער לאָקאַל איז געווען שוין געריייניקט נאָכן אַרויסגעבן אַ סך צענדליקער מיטאָגן פאַר אַרבעטער און אַרבעטלאָזע, און ס'איז אין אים געווען שוין אַ מחיהדיקע שטילקייט און קילקייט אפילו אינעם הייסטן זומערטאָג.

די ערשטע אוידיטאָריע פאַר מיינע לידער זענען טאַקע געווען די שטענדיקע באַזוכער פון אַרבעטערהיים. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון פאַר־לייענען זיי פאַר איינעם אָדער פאַר עטלעכע, וואָס זענען געזעסן ביי מיין טישל; דערנאָך בין איך מיט זיי אַריבער אויף אַ ברייטערן פאָרום: אויף דער בינע — פאַר הונדערטער צוהערער מיטאַמאָל. כ'בין אָבער אין אַרבעטערהיים נישט געבליבן דער איינציקער דיכטער ביי די פּועלי־ציון. ס'האָבן זיך מיט דער צייט אָנגעהויבן באַווייזן נאָך דיכטער, וואָס פלעגן, ווי איך, אויסנוצן די אָוונטיקע רויקייט און שטאַנדיקייט, און אומבאַקאַנט נאָך פאַר מיר — לאַנגזאַם שפּאַנען אַהין און צוריק איבערן לאַנגן זאַל, און חלומען — עפּעס אויסצוחלומען..

נישט ווייניק זענען זיי געווען, די דיכטער און פּראָזאַיקער אין מיין פּראָלעטאַרישער שול — די אַרבעטערהיים אויף קאַרמעליצקע 23 אין וואַרשע; נישט איינער פון זיי האָט מיט דער צייט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, און נישט איינעם פון זיי וועט מיר, צו מיין טיפסטן ווייטיק, אויסקומען צו דערמאָנען ווי קדושים — פאַרשניטע־נע און געפאַלענע אין געטאָס און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן ביי היטלערן ימח שמו.

מיין ערשטער אַרויספאָר

ביז אין עלטער פון אַכצן יאָר איז די ווייטסטע נסיעה מיינע, פון מיין געבורטשטאָט וואַרשע — געווען אָטוואָצק — דער קוראָרט און זומערוווינונג, די אַזוי־גערופענע „דאַטשע" הינטער וואַרשע. אין אָנהייב האָבן מיך אין אַ פרייען זומערטאָג מיטגענומען אַהין מיינע חברים, וואָס האָבן געהאַט דאָרט קרובים אָדער באַקאַנטע, דערנאָך האָבן מיך געצויגן אַהין די אָטוואָצקער „פּאָליאַנעס" מיטן אָטוואָצקער סאָסנאָווע וואַלד, און צום סוף — בין איך ביי יעדער געלעגנהייט געפאָרן אַהין צום וואַלד־מיידל יוספה מיטן גאָלד־געלאָקטן קאָפּ און גרינעם וואַלדשאָטן אין די אויגן...

אַ מענטש מאַכט אין זיין לעבן אַ סך אינטערעסאַנטערע רייזעס פון מיינע, אין אָטוואָצק, אָבער קיין שענערע און קיין ליכטיקערע רייזע, ווי מיין רייזע צו יוספהן — קאָן מען שוין ביי מיינע יאָרן זיכער נישט האָבן...

אויב מיין ערשטע „האַרץ־רייזע" קאָן ווערן אָנגערופן: די יוגנט־רייזע פון ליבע און גליק — קאָן מיין צווייטע רייזע, וואָס איז פאַקטיש געווען מיין ערשטער אַרויספאָר אין דער וועלט — ווערן אָנגערופן: די רייזע פון הונגער און פיין.

געווען איז עס אין פערטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אָנהויב 1918, אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע אין פּוילן, דאַן, ווען דער הונגער האָט ניי־געבוירענע קינדער געבראַנגט אויף דער וועלט אָן נעגל אויף הענט און פיס, און ביי קינדער, וואָס זענען שוין פון לאַנג

געהאַט אַרומגעגאַנגען — צוגענומען די כוחות צו קאָנען גיין און שטיין און — זיי אַוועקגעזעצט מיט געליימטע פּיסלעך אונטער זיך...

אין איינעם אַ פראָסטיקן ווינטערטאָג, ווען אַלע, אויסער דעם טאַטן, וועמען די זאָרג האָט אַרויסגעטריבן פון שטוב אין גאַס — זענען געלעגן ביז שפּעט אין די בעטן, נישט געהאַט זיך צו וואָס אויפצוהייבן, ווייל אין שטוב איז הינטער מיט־איין־באַשלאָגענע שויבן אַרומגעגאַנגען דער זויערער הונגער מיט דער ביטערער קעלט — איז מיין ברודער קיווע, דער עלטערער פון מיר, ווי דערוואַרעמט פון אַן אומגעריכטן שטראַל, ראַפּטום אַראָפּ פון בעט, אַפּערגערוקט פון אונטערן קיכטיש די שיסל מיסט, אַרויסגעקליבן פון איר די טרוקענע דאַרע קאַרטאָפל־שאָלעכץ, געוואַשן זי, געריייניקט, אַריינגעשאָטן אין אַ טאָפּ מיט וואַסער און אויפן טרוקענעם אונטערגעצונדענעם מיסט אויפגעקאָכט פון קאַר־טאָפל־שאָלעכץ אַ זופּ, וואָס קיינער, אויסער אים, האָט נישט געקאָנט נע־מען אין מויל אַריין...

בעת דער דאָזיקער סצענע מיט מיין ברודערס מאָלצייט, האָב איך באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון מיין פּריווילעגירט פּאַרטייאיש שיסעלע זופּ מיט ברויט פון דער פּראַגער אַרבעטערקיך, און אַוועק ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן, כדי צו פּרוון פּאַרדינען אויף ברויט, און צו קאָנען עפּעס אָפּשפּאָרן אויך פאַר דער היים.

עטלעכע טעג נאָך מיין באַשלוס האָב איך מיך איינמאָל אויפגע־הויבן כמעט אין מיטן אינדערנאַכט און בין אַוועק צו דער אַרבעטביוראָ, וואָס האָט צוגעזאָגט גאָלדענע בערג פאַר די, וואָס וועלן זיך פרייוויליק פאַרשרייבן צו מיליטערישער אַרבעט, אונטערן באַדינג צו פאָרן ווו מען וועט נאָר שיקן — אויף אַ קאָנטראַקט פון אַ האַלב יאָר מינדעסטנס. נאָך לאַנגע שעהן אָפּשטיין אין דער ריי מיט הונדערטער, וואָס האָבן ווי איך געקלאַפּט פאַר קעלט אַ פוס אָן אַ פוס און אַ צאָן אָן אַ צאָן, בין איך ענד־לעך, אין אַ גליקלעכער שעה פאַרשריבן־געוואָרן, באַקומען עפּעס אַ פּאַפּיר מיט אָנווייזונגען, וואָס איך דאַרף מיט זיך מיטנעמען אין וועג, ווו און ווען איך האָב זיך צוצושטעלן און — קיין וואָרט נישט — צו וויסן ווו־אַהין מען שיקט מיך. די איינציקע, וואָס איז שטאַרק געווען קעגן מיין

פֿאָרן איז געווען — די מאַמע מיינע. זי האָט פֿאַר קיין אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ יינגל, וואָס איז נאָך קיין גאַנצע אַכצן יאָר נישט אַלט, וועט זיך פּלוצלינג אויפֿהייבן און אַוועק ערגעץ אַרבעטן צו די דייטשן, צו וועלכע זי האָט פֿאַרלוירן יעדן צוטרוי, וואָס זי האָט געהאַט צו זיי בעת זייער אַריינמאַרשירן אין וואַרשע. דער טאַטע דאַקעגן, האָט געהאַלטן מיט מיר, אַז אַזעלכע יינגלעך אין מיין עלטער פֿאָרן שוין אָן טאַטע־מאַמען איבער ימען, און איך פֿון מיין זייט האָב דער מאַמען באַרויקט, אַז איך גיי נישט חלילה אין מלחמה־אַריין, און אַז עס שטייט מיר נישט פֿאַר קיין שום בייז, פֿאַרקערט: עס קאָן נאָר זיין אַ טובה פֿאַר דער היים...

נאָך אַ סך טרערן, וואָס די מאַמע האָט פֿאַרגאָסן, בין איך אין באַ־שטימטן טאָג און צו דער באַשטימטער שעה אַוועק ביינאַכט צו דער „נאַדווישלאַנער" באַנסטאַציע, וווּ כ'האָב אויפֿן פּעראָן שוין געטראָפֿן הונ־דערטער בחורים און נישט ווייניק עלטערע יידן מיט בערד, אַלע מיט וואַליזעס, קעסטלעך, פּעקלעך און רוקזעק, ווי ביי רעקרוטן; נאָך אַ צען מינוט וואַרטן ביים לייזיקן באַשנייטן באַנפּלאַנט, האָט זיך, ווי פֿאַר דער נאָז אונטערגעריטשט אַ צוג מיט ליידיקע, פֿינצטערע וואַגאָנען, ס'האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ קאָמאַנדע פֿון אַ בירשטים: איינשטייגן! און מיר זענען איינגעשטיגן, די וואַגאָנען האָבן אונדז איינגעשלונגען, פֿונ־דרויסן האָט מען אונדז צוגעשלאָסן, ס'האָט זיך דערהערט אַ צווייטע קאָמאַנדע: אָפּפֿאָרן! און — דער צוג האָט גערירט.

לכתחילה איז דאָס פֿאַרשליסן די וואַגאָנען, דעם עולם פּריוויליקע פֿאָרער נישט געפֿעלן, און מיך — פּשוט באַאומרויקט, מחמת כ'האָב זיך מיטאַמאָל דערפֿילט דערפֿון ווי אַ געפֿאַנגענער; חברה האָבן אָבער באַמיט זיך צו פֿאַרטרייבן דעם שלעכטן איינדרוק, געמאַכט זיך קוראַזש און היי־טערקייט, גענומען זינגען אויף אַלע לשונות, דערציילט זיך מעשיות, אַנעקדאָטן און וויצן, אַזוי לאַנג, ביז מען איז געוואָרן מיד, איינגעשטילט און איינגעשלאָפֿן זיצנדיקערהייט אינדערפֿינצטער.

די איינציקע וואָס זענען נישט געשלאָפֿן אין שלאָפֿנדיקן צוג, זענען געווען: דער צוגפֿירער און איך... כ'האָב זיך דורך קני און פּיס צוגע־שלאָגן צום פֿענצטער, כדי אויסצונוצן די געלעגנהייט צו באַטראַכטן גאַטס

וועלט אַ ביסל ווייטער פון אָטוואָצק, נאָר געזען האָב איך נישט מער, ווי: שנייפלאַכטעס, וואָס האָבן זיך פאַרלוירן אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט, באַנסלופּעס, טעלעגראַפן־סלופּעס און ביימער, וואָס זענען ווי פאַר־בייגעלאָפן פאַרן פענצטער, אַ קליינע דרעמלענדיקע באַנסטאַציע, אַ שלאָ־פנדיקע פּויערישע כאַטע, און דאָס אַלץ: באַשלאָגן מיט ווייס, ווי טוש־צייכענונגען.

אַזוי איז דער צוג אַ גאַנצע נאַכט געלאָפן, און פאַרטאָג זיך פּלוצ־לינג אָפּגעשטעלט.

פונעם טרייסל פון די שטיין־געבליבענע וואַגאָנען האָט זיך דער עולם אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך אַ לאָז־געטאָן צו די פענצטער, גע־ווישט מיט די הענט די באַהויכטע שויבן און דערזען אַ גרויסע באַנסטאַציע מיט אַ גרויסן אויפשריפט: ביאַליסטאָק.

מיר האָבן נאָך רעכט נישט באַוויזן צו באַטראַכטן די איינצלנע פּאַסאַזשירן אויפן ביאַליסטאָקער פּעראָן — האָט זיך פונדרויסן דערהערט די שוין־באַקאַנטע בירשטים: אויסשטייגן! און — מיר זענען אויסגע־שטיגן, צעשטעלט זיך ווי די זעלנער צו צוויי, די וואַך האָט אונדז איבער־געציילט צי ס׳פעלט נישט ווער, געטאָן אַ קאָמאַנדע: מאַרש! און — מיר זענען דורך האַלב־פאַרשלאָפענע ביאַליסטאָקער הינטערגאַסן צוגעקומען צו א מיליטערישער קאַזאַרמע ווו ס׳האָט אויף אונדז געוואַרט דער ער־שטער פרישטיק אויף דייטשישער קעסט: אַ טעפּל שוואַרצע קאַווע פון גע־ברענטן ווייץ, און אַ פּאַרציע ברויט.

דעם איינציקן טאָג אין ביאַליסטאָק האָבן מיר גאָרנישט געטאָן; געזעסן יעדער אויף זיין פּעקל אָרעמקייט, גערעדט, געשמועסט, אַרומגע־גאַנגען אַרום גרויסן באַוואַכטן קאַזאַרמעהויף, געגעסן אויף מיטאָג אַ גע־מיזע־זופּ, ווייצענע קאַווע מיט ברויט, און אויף צומאָרגנס פאַרטאָג האָט מען אונדז ווידער אָפּגעפירט אונטער אַ וואַך צוריק צו דער באַנסטאַציע און אונטער אַ קאָמאַנדע — געהייסן אונדז איינשטייגן, און ווידער האָט מען אונדז פאַרשלאָסן און נאָך עטלעכע שעה פאָרן — אונדז געברענגט קיין סוואַלק. פון דער סוואַלקער באַנסטאַציע האָט מען אונדז, ווי אַרעסטאַנטן געפירט איבער אַ סך מיט שניי־באַדעקטע דערפער, און פאַרנאַכט ערשט

— געבערענגט אונדז אין אַ פּאַרוואָרפן דאָרף ווו יעדער פּויער איז געווען געצוווּנגען אַרײַנצונעמען צו זיך עטלעכע פון אונדזער אַרבעטער־מחנה און צו באַזאָרגן זיי מיט נאַכטלעגערס. יעדער פּויער האָט צוליב דעם גע־מוזט אָפּרײַניקן אין זײַן כאַטע אַ שטוב אָדער אַ האַלבע שטוב, אויס־שפּרייטן אויפן לײמענעם פּוסבאָדן בינטלעך שטרוי, און אונדז מסדר־זײַן...

פון מידקייט האָבן מיר, דאָס צוגעקומענע „פּינפּטל" אין דער כאַטע, זיך גלייך אַ וואָרף־געטאָן אויפן אויסגעשאָטענעם שטרוי, און אין די נאַסע, בלאָטיקע שיך און מלבושים — אײַנגעשלאָפן און אָפּגעשלאָפן אַזוי ביז ס'האָט אונדז פון דרויסן אויפגעוועקט אַ זעלנערס קלאַפּן אין די טירן פון די דאָרפישע כאַטעס. ווען מיר זענען אין שטאָק־פינצטערניש אַרויס אינדרויסן איז געווען פינף אַ זייגער... ביי אַ מיליטערישן ספּע־ציעל־אויפגעשטעלטן גרויסן באַראַק ווו ס'האָט זיך געפונען די קאַנטינע, דער פּראָוויאַנט־לאַגער און די קיך — האָט אונדזער צונויפגעקומענע מחנה, ווי אַ לאַנגע, אויסגעשטעלטע רייע שאָטנס אַרום ליכט פון נאַפט־לאָמפּן — „געפּאַסט" דעם פרישטיק: קאַווע מיט ברויט, דערנאָך: אַ לאָפּעטע מיט אַ קרייצהאַק און —מאַרש, אַוועק איבער שנייאיקע פעל־דער — אויפצוהאַקן די געפרוירענע ערד און מאַכן אָקאָפּעס, אַקוראַט ווי די מלחמה וואָלט זיך ערשט געדאַרפט אָנהייבן...

בערך זעקס וואָכן צייט האָב איך ביי די פּרימיטיוועסטע לעבנס־באַדינגונגען צו וועלכע מען וואָלט באַדאַרפט נאָכאַמאָל געבוירן־ווערן — געאַרבעט פון אינדערפינצטער ביז אינדערפינצטער.

אין משך פון די זעקס וואָכן צייט האָב איך מיך נישט אײנמאָל דערמאַנט אָן דער מאַמעס געזונטן אינסטינקט און אומרו, און אויך אָן מײַן אייגענעם אומרו בעת מען האָט אונדז דאָס ערשטע מאָל פאַרשלאָסן אין די וואַגאָנען.

שוין אין די ערשטע טעג פון אָנקומען אין דאָזיקן דאָרף, האָב איך אָנגעהויבן זען, פילן און פאַרשטיין, וואָס מען מיינט מיט די ווערטער: אונטערן שטיוול פון אָקופּאַנט. כ'האָב עס ראשית־כל אַראָפּגעלייענט פון די צעשראָקענע פּנימער און אויגן ביי די פּויערים, ביי וועמען יעדער דײַטשי־שער זעלנער האָט אומגעשטערט צוגענומען דאָס לעצטע חזירל אָדער

הענדל, און בכלל אַלץ, וואָס עס האָט זיך אים פאַרוואָלט. אין משך פון דער צייט בין איך געווען אַן עדות פון אַ סך גרויל־סצענעס פון דייטשישער רשעות און אכזריות, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן לגבי די פויערים. איבער־הויפּט האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון איין געשעעניש פון וועלכער ס'ווערט מיר נאָך איצטער קאַלט פון דערמאָנען זי:

אין איינעם אַ שפּעט אינדערנאַכט, ווען אין אונדזער כאַטע האָט זיך שוין לאַנג געהערט דאָס וואַרעמע אָטעמען פונעם שלאָפנדיקן פויערישן געזינדל, און מיר, דאָס „פינפטל", זענען געלעגן און „געוואַרט" אויפן שלאָף, און זיך צוגעהערט צום בראָיען פון דער שניי־זאַווייערוכע, וואָס האָט געריסן די פאָדערשטע טיר און מיט געפייף געפויקט אין דער בלעך פון דער הרובע — האָט זיך פלוצלינג דערהערט פונדרויסן אויפן בעלמעוואַטן שייבל פון פאַרפרוירענעם פענצטערל, עטלעכע טעמפּע קלעפּ פון אַ פויסט, און אַ ליכט פון אַן עלעקטריש לעמפּל האָט גלייכצייטיק אַריינגעבליצט צו אונדז אינדערפינצטער. מיר האָבן זיך אַלע, ווי איינער, אויפגעזעצט, נישט פאַרשטאַנענדיק, וואָס עס זאָל באַדייטן, נישט געוווּסט צי מיינט מען אונדז אָדער דעם פויער, און זיך געקישובט: אַרויסגיין אָדער נישט; פונדרויסן האָט די פויסט דערווייל אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו זעצן אין שייבל, און אַלע פינף האָבן מיר זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער טיר; אַז מיר האָבן זי אַן עפן־געטאָן, האָט די זאַוויערוכע צוזאַמען מיטן שניי אָנגעטראָגן איבער דער שוועל אַ באַשנייטן דייטשישן זעלנער מיט אַ בייטש און מיט אַ כעסיקן: קרייץ, הימל, דאָנער־וועטער נאָך איין מאַל, פאַרפלוכטער זאַוער־באַוער!!! מיר האָבן פאַרשטאַנען דערפון, אַז ער מיינט דעם פויער, ווייל ער האָט עס אונדז אויך באַוויזן: ער האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל זיינס, גע־לויכטן דערמיט, געזוכט, און געפינענדיק דעם פויער נאָך אַלץ אַ שלאָפנ־דיקן — גענומען אים בייטשן איבערן פנים, אַזוי, אַז דער פויער האָט זיך נישט טויט נישט לעבעדיק אויפגעכאַפּט, ווי געוועקט צו אַ שרפה, פון שרעק נישט געקאָנט זיך אָנטאָן, נישט געטראָפן ריכטיק מיט די פיס אין די שטיוול, און נישט געקאָנט געפינען די אַרבל פון זיין טוליפּ; דער דייטש האָט געהאַלטן אין איין „דאָנערן" און שרייען: מאַך דאָס דו פאָרט קאָמסט! און מיטן טומל אויפגעוועקט אויך דער פויערטע מיט די קינדער, וואָס

האָבן, דערזעענדיק ווי אַ דייטש מיט אַ בייטש פירט אַוועק דעם טאַטן — זיך צעוויינט און צעצלמט, געצלמט זיך און געוויינט; אַז מיר האָבן דעם פויער אַרויסבאַגלייט אינדרויסן־אַרויס, האָבן מיר פונדערווייטן קוים געזען די שוואַרצע קאָנטורן פון אַ פערד און וואָגן, וואָס זענען ווי געשווומען פאַרזונ־קענע אין טיפן שניי...

אַ גאַנצע נאַכט איז דער באַלעבאָס פון אונדזער כאַטע, דער פויער, וואָס האָט געדאַרפט דעם דייטשישן זעלנער־בעל־עגלה אַרויספירן פון פאַר־שנייטן וועג — נישט צוריקגעקומען. ערשט פאַרטאָג האָבן אים פויערים צופעליק געפונען ליגן אַ פאַרשאָטענעם מיט שניי אין אַ טיפן ראָוו פאַזע וואַלד, און אים אַהיימגעבערענגט אַ שטייפן, אַ טויטן, אַן איבערגעדעקטן מיט אַ פויערישער סערמיענגע, אויף אַ הילצערנעם שליטן...

די דאָזיקע ווילדקייט און אכזריות פון די דייטשן אין יענער צייט, ווען היטלער האָט נאָך אפילו נישט געחלומט פון ווערן דער „פירער" — האָבן מיר, די פרייוויליקע אַרבעט־מחנות אָנגעהויבן וואָס ווייטער נישט נאָר מער צו זען, נאָר טאַקע צו פילן עס אויף דער אייגענער הויט...

אָנגעהויבן האָט זיך עס פונעם טאָג ווען מען האָט אונדז אין סוואַלק פּלוצלינג אַריינגעזעצט אין אַ צוג מיט לאַסט־וואַגאָנען, און ווי בהמות — געפירט אין זיי אַכצן שעה צייט ביז צו אַ באַנסטאַציע „שאַסטאַקאָ", ווו מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען אין קורלאַנד; פון דער באַנסטאַציע האָט מען דורכפירנדיק איבער אונדז די טאָג־טעגלעכע פּראָצעדור פון אויסשטעלן, איבערציילן און אַרומנעמען מיט אַ וואַך, ווי אַרום פאַרברעכער — אונדז אָפּגעפירט צו אַ גרויסן לאַגער פון באַראַקן, וואָס זענען געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן ווי אַ געפאַנגענלאַגער; דאָרט האָט מען אונדז ווידער אַרויסגעגעבן אַרבעט־כלים, און אין די פאַרטאָגס, צוזאַ־מען מיט נאָך אַזעלכע מחנות „פרייוויליקע" — אַרויסגעפירט צו כלערליי אַרבעטן, ווי: אויסגלייכן באָדן, לייגן רעלסן, ציען באַנליניעס, אָפּלאָדן וואַגאָנען וכדומה אַזעלכע אַרבעטן, ביי וועלכע מען האָט פשוט נישט געלאָזט אַ רגע זיך אויסגלייכן, און נאָך דער אַרבעט — נישט געטאָרט אַהיימנעמען אַ שטיקל האָלץ אָדער קויל איינצוהייצן און אָנצוואַרעמען אַ ביסל די באַ־ראַקן אונדזערע, וואָס האָבן כמעט נישט געהאַט קיין טירן און קיין שויבן אין

די פענצטער, דאַקעגן, האָט יעדער איינער פון אונדז געדאַרפט ביים אַהיימ־גיין מיטנעמען אַ שווערן בלאָק קויל, טראָגן עס אַזוי דריי־פיר קילאָמעטער און ברענגען עס צו די גוט־געבויטע און פיין־איינגעאָרדנטע באַראַקן פון אונדזערע אַרבעט־אויפזעער, די „געפרייטערס".

אינדערצייט וואָס די „געפרייטערס" האָבן, אָנגעפּרעסענע און אָנגע־זויפטע, געשמאַק געכאַליעט אין זייערע וואַרעמע בעטן, האָט מען אין אונ־דזערע באַראַקן אַ גאַנצן ווינטער זיך נישט אויסגעטאָן, נישט געקאָנט שלאָפן אָן קליידער, און נישט געקאָנט שלאָפן אין די קליידער; מיר פלעגן, כדי צו דערוואַרעמען זיך אַ ביסל — אַראָפּשפּרינגען פון די אונטערגעשיטע נאַרעס מיט שפּענער און זעגעכץ, און זיך אַ לאָז־טאָן גליטשן זיך אויפן אייז אין סאַמע מיט, און אין דער גאַנצער לענג פון גרויסן באַראַק, איבער וועלכן דער דאַך איז געווען כמעט אָפן און דורכגעלאָזט דעם שניי, וואָס איז פאַלנ־דיק צעגאַנגען און געוואָרן אייז...

מיט מיר איז אין פּראַקטיקן באַראַק געשען דאַן אַזאַ טראַגי־קאָמישע געשיכטע:

נאָך אַ סך נעכט נישט שלאָפן פון קעלט, בין איך איינמאָל אַ דער־שעפּטער, אַ מידער, אַרויפגעפאַלן אויף מיין נאַרע, זיך גוט אַרומגעוויקלט מיטן קאָץ, געמאַכט פון זיך אַ פּעקל און איינגעשלאָפן, ווי נאָך אַ באָד, אַזוי, אַז כ'האָב נישט געפילט, אַז איבער מיר האָט פון צעבראָכענעם דאַך אַ גאַנ־צע נאַכט געגאָסן מיט צעגאַנגענעם שניי, און דורכגעווייקט מיין געלעגער. אַז כ'האָב פאַרטאָג אויפן רוף: אויפשטיין! געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם קאָץ, האָב איך נישט געקאָנט, מחמת ער איז געוואָרן צוגעפרוירן צו דער הילצערנער נאַרע, און געווען האַרט און שטייף, ווי מען וואָלט מיך אַ לעבע־דיקן צוגעדעקט מיט אַ בלעך און פאַרקלאַפּט מיט טשוועקעס... כ'האָב אים פונדעסטוועגן בייגעקומען, און אונטער אַ שטאַרק געלעכטער פון מיינע שכנים — אים אַוועקגעשטעלט ווי אַ ברעט, ער זאָל זיך אויפטייען און צו־ריק ווערן אַ קאָץ...

אַז עמעצנס אַ געלעגער זאָל פּלוצלינג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גע־פרוירן טייכל — האָט מען נישט געדאַרפט דוקא וואַרטן, אַז דער שניי פונעם דאַך זאָל עס מאַכן; נאָך גרינטלעכער און בעסער האָט עס נישט איינמאָל

געמאַכט דער „געפּרייטער״, וואָס פלעגט מיט פולע עמערס וואַסער — וועקן דעם, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט רירן, און געלעגן אין היץ און אין פיבער...

צוליב אַזעלכע עינויים, וואָס מיר זענען זייער פיל אויסגעשטאַנען, האָט יעדן טאָג אין דער מחנה אָנגעהויבן פעלן איינער, צוויי און וואָס אַמאָל — מער. דאָס אַנטלויפן פון לאַגער האָט מיט דער צייט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער און געבערענגט צו נישט אײן דורכפאַל און צו נאָך אַן ערגערער באַהאַנדלונג, נישט נאָר לגבי די וואָס מען האָט געכאַפּט און צעקאַטעוועטע צוריקגעבערענגט פון מיטן וועג, נאָר צו אַלעמען איז צו יעדן באַזונדער. כדי אָנצוווארפן אויף אונדז די שרעק פאַר טויט, האָט מען צו אונדז ספּעציעל אַראָפּגעבערענגט עפּעס אַ בייערישן אונטער־אָפיציר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צאַרישער דאָנער קאָזאַק מיט אַ פּיאה און מיט אַ רינג אויף אַן אויער... דער בייערישער גזלן איז אונדז אַזוי דערגאַנגען דאָס לעבן, אַז די אַלע, און איך בתוכם, ווען מען האָט נאָך עטלעכע וואָכן אַריבערגעשיקט אין אַ צווייטן לאַגער — האָבן פרייער אָפּגעעטעמט, כאָטש אין נייעם לאַגער האָבן זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן נייע צרות.

דער נייער אַרבעט־לאַגער אין וועלכן מיר זענען אָנגעקומען איז באַשטאַנען נישט פון קיין באַראַקן און אפילו נישט מיט קיין דראָט־פאַר־צוימונגען, נאָר פון אַ פאַרוואָרפענעם העק מיט אויפגעפרישטע הייזלעך פאַר דער דייטשישער קאָמענדאַנטור, און מיט אַ רייע פאַרלאָזענע פערד און קישטאַלן און ליידיקע שפייכלער, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט קודם־כל אויסרייניקן פון צעפוילטן שטרוי און פון די שטשורעס, וואָס האָבן דאָרט געענעסטיקט איז דער גרויס פון קעץ... אז מיר האָבן דאָס שטיקל „ריינע״ אַרבעט אָפּגעטאָן, האָבן מיר געדאַרפט אַליין באַזאָרגן זיך מיט ברעטער אָדער קאַסטנס, צונויפצוקלאַפּן נאַרעס, און אויף די נאַרעס אונטערלייגן אונטער זיך געפונענע קופּעס אומריינע שמאַטעס און זעק. אויף די הינטישע קופּעס פלעגט מען נאָך צוועלף־פערצן שעה אַרבעט — קומען פון קילאָמע־טערס ווייט שלאָפן, און מוזן האַלטן גרייט געבן זיך אַ שטיק האָלץ אָדער אייזן — כדי אָפּצוזאָגן־זיך פון די חוצפּהדיקע שטשורעס... כמעט גאַנצע נעכט האָט מען זיך דערפאַר מער פאַרנומען מיט דער זייער־אומאָנגענעמער

יאַגד, ווי — געשלאָפן, און איז מען אַנטשלאָפן־געוואָרן, איז מען נישט געווען זיכער צי מען וועט נישט אויפשטיין אַ צעביסענער און מוזן ווערן אָפּגעפירט אין מיטאַווער שפּיטאָל.

צו מיר, למשל, האָבן זיך די חוצפּהדיקע שטשורעס באַצויגן מיט רחמים, געלאָזט, ווי עס איז, דורכשלאָפן, און בלויז עטלעכע מאָל פון מיר אַראָפּגעצויגן דעם קאָץ, וועלכן כ'האָב סוף־כל־סוף געפונען אַ האַלב־אויפגעגעסענעם...

דאָס שפּיטאָל האָב איך אָבער נישט אויסגעמיטן, נישט צוליב זיי, די שטשורעס, נאָר צוליב מיינע פיס, וואָס זענען מיר געוואָרן געשוואָלן פון שלעפן אויף זיי הילצערנע פּאַנטאָפל אין דער פאָרם פון שיפלעך; די דאָזיקע „כאַדאַקעס" פלעגט מען, כדי ס'זאָל אין זיי זיין וואַרעם — אָנפילן מיט שטרוי און אַרומבינדן מיט שטריק און דראָט — כדי נישט צו פאַרלירן זיי אין פעטן, ליימיקן באָדן אויף די לעטישע פעלדער.

די הילצערנע שיך מיינע האָב איך מיט אַלע מעגלעכקייטן געזען נישט צו פאַרלירן — כדי בכלל נישט צו בלייבן אינגאַנצן אַ באָרוועסער; כ'האָב אָבער פאַרלוירן צוליב זיי די מעגלעכקייט צו גיין און שטיין אויף די פיס, וואָס האָבן, געשוואָלענע — מיך „געראַטעוועט", און פאַרן טערמין אויסגעלייזט מיך פון דער פריוויליקער צוואַנגאַרבעט...

אין מיטאַווע האָט מען מיך „ענטלאַסן" און כ'בין אַ גליקלעכער, געפאָרן צוריק אַהיים.

פון מיין ערשטן אַרויספאָר אינדערוועלט, האָב איך, נאָך קאַרגע פיר חדשים אַרבעטן ביי די דייטשן, אָפּגעשפּאָרט: אַ פּאָר זעלנערישע שיך, וואָס געקויפט האָב איך זיי טאַקע ביי אַ דייטשישן זעלנער, און אַ גרויסן שוואַרצן לאַכן ברויט, וואָס איך האָב געקויפט ביי אַ לעטישן פּויער, און ווי אַן אבן־טוב — געפירט עס מיט זיך פון מיטאַווע קיין וואַרשע.

ראמאנטישע יארן

דעם ערשטן ליבע־ציטער און דעם ערשטן אומרו פון ליבע, האָט מיר פאַרשאַפט אַ יונג אַרבעטער־מיידל, איינע פון אַ גרויסער צאָל יונגע באַזור־כעָרינס פון וואַרשעווער פועלי־ציון־קלוב „אַרבעטערהיים". ווי מיט אַ סך פון די אָפטע באַזוכער אין אַרבעטערהיים, בין איך אויך מיט דעם מיידל נישט געווען פּערזענלעך באַקאַנט, נישט געהאַט נאָך מיט איר קיין וואָרט אויסגערעדט, נישט געהאַט אויך גענוג דרייסטקייט צו געפינען אַ צוגאַנג צו דעם טישל ביי וועלכן זי איז געזעסן אין געזעלשאַפט פון נאָך אַרבעטער־מיידלעך און יונגע בחורים, אַרבעטער. פונדעסטוועגן, האָב איך זיך געפילט אומפאַרשטענדלעך גוט און געווען זייער צופרידן פון בלויז זען זי און פון האָבן דאָס באַוווסטזיין, אַז זי געפינט זיך אינדערנאָענט פון מיר.

געפעלן איז מיר דאָס מיידל ווייל זי איז געווען דין, צאַרט און יונג־פרוילעך, געהאַט כמעט אַ קינדיש געזיכט, אַ קאָפּ ווייכע, טונקל־בלאָנדע האָר מיט וועלכע דאָס מינדעסטע ווינטעלע האָט זיך געשפּילט און געהאַלטן אין לייכטער אומאָרדענונג אַרום די בלאָלעכע אויגן, וואָס זענען פול־געווען מיט וואַרעמקייט און זון. אפילו אינעם גרעסטן באַזוך, וואָס דעם קלוב איז אויסגעקומען צו האָבן, האָב איך זי כהרף־עין אויסגעפונען צווישן עולם, זי דערזען ווי אַ קאָרנבלום צווישן זאַנגען און זי פאַרגליכן צו אַ מאַרגאַ־ריטקע, אַזוי לאַנג, ביז עס איז געבליבן, אַז זי הייסט ביי מיר „מאַרגאַרי־טאַ". אונטערן נאָמען „מאַרגאַריטאַ", האָב איך אויך אָנגעשריבן אַ „האַרץ־רייסנדיק" ליד צו וועלכן כ'האָב אַליין געשאַפן אַ מעלאָדיע און עס געזונגען פאַר מיינע נאָענטסטע חברים, וואָס האָבן עס געטראָגן ווייטער, איבערגע־געבן עס פון מויל צו מויל און פון אויער צו אויער, ביז זיי האָבן עס גע־ברענגט אויפן ריכטיקן אַדרעס : צו מאַרגאַריטען.

אַז מיין ליד איז דערגאַנגען צו מאַרגאַריטען, האָב איך זיך דערוווּסט טאַקע פון איר אַליין; זי האָט עס מיר מינדלעך נישט געזאָגט (ווייל כ׳האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט גערעדט מיט איר), זי האָט בלויז, פאַרבייגייענדיק פאַר מיר, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך פאַרויטלט און געוואָרן נאָך שענער...

מיין ליד צו מאַרגאַריטען האָט נישט געהאָלפן זי דערנענטערן צו מיר און צו מאַכן זי היימישער מיט מיר. פאַרקערט: זי האָט זיך אין מיין אַנוועזנהייט אָנגעהויבן פילן אומזיכער און פאַרלוירן, נישט געקאָנט מיר קוקן גלייך אין פּנים אַריין, נישט געפונען וואָס צו זאָגן מיר, געהאַט פאַר מיר, ווי כ׳האָב עס אַרויסגעפילט, גרויס פאַרוווּנדערונג, נאַיווע פאַרערונג, און קיין טראָפּן ליבע נישט...

דער סוף פון דער דאָזיקער ליבע־געשיכטע איז אָבער געווען אַ סך אומגליקלעכער און זיך געענדיקט אַ סאַך שנעלער ווי כ׳האָב עס דער־וואַרט; געשען איז עס צוליב אָט וואָס:

אויף איינעם אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן אָוונט אין וועלכן איך האָב אָנטיילגענומען, האָב איך פון דער בינע־אַראָפּ פּלוצלינג דערזען מאַרגאַרי־טען צווישן גרויסן פאַרזאַמלטן עולם. אַז עס איז געקומען מיין ריי צום פאַרלייענען מיינע לידער, האָב איך אומגעריכט פאַר מיר און פאַר אַלעמען — אָנגעהויבן פּאַטעטיש צו דעקלאַמירן דאָס ליד „מאַרגאַריטאַ". די וואָס האָבן געוווּסט צו וועמען דאָס ליד איז געווענדעט, האָבן גענומען אויסדרייען די קעפּ אין איר זייט, און איך האָב נאָך באַוויזן צו זען ווי פון דער בלאָער מאַרגאַריטע איז געוואָרן אַ רויטע אָרכידעיע מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קעפּל...

נאָכן דאָזיקן אָוונט האָב איך זי אַ לענגערע צייט נישט געזען אין אַרבעטערהיים, און אַז זי האָט ווידער אָנגעהויבן קומען, איז זי שטענדיק געווען אין באַגלייטונג פון אַ גרויסן צעוואַקסענעם בחור פון וועמען זי איז אויף אַ מינוט נישט אָפּגעטרעטן, געהאַלטן אין איין טוליען זיך צו אים און — ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיין האָפענונג צו געווינען זי אויף מיין זייט, איז צערונען געוואָרן...

לאַנג זיך מצער־זיין נאָך מאַרגאַריטען איז מיר, צום גליק, נישט אויסגעקומען, מחמת איך האָב זיך אין אַ צייט אַרום ווידער פאַרליבט, ווי

מען זאָגט עס: איבער די אויערן, אָבער — אַ סך גליקלעכער ווי אין מיין ליבע צו מאַרגאַריטען.

צוליב מיין באַזונדערער שוואַכקייט צו בלאָנדינקעס אין וועלכע כ'האָב זיך זייער לייכט און שנעל פאַרליבט, איז מיין צווייטע געליבטע אויך געווען אַ בלאָנדע, אַ העלע און אַ ליכטיקע, מיט אויגן וואָס האָבן ווי קאַמעלעאָנען געביטן זייער פאַרב לויטן ליכט וואָס איז אין זיי געפאַלן; געהאַט האָט זי אַ ליאַלקע־פּנים מיט חן־גריבלעך, אַ גאָמבע ווי אַ מאַרעל, אַ שטאַרקע אויבערשטע רייע ציינער, וואָס האָבן ביים לאַכן אַביסל צופיל אַרויסגע־שפּאַרט, דורשטיקע ליפּן, און אַ שטאַרקע זינלעכקייט. פון די לעצטע צוויי אייגנשאַפטן אירע, איז געווען צו פאַרשטיין, אַז שווער איז מיר נישט אָנגע־קומען זי קעגנזייטיק צו געווינען, און אָנשטאָט שרייבן איר לידער — אויס־צולעבן מיט איר די שענסטע לידער און פּאָעמעס — אויף דער שויס פון די אָטוואָצקער פּאַלאַנעס און סאָסנאָווע וועלדער, און אפילו ביי איר אין דער אָטוואָצקער היים ביים פרומען טאַטן אירן, דעם רבין, וואָס איז אין אונטערשטן חדר געזעסן און געלערנט — בעת מיר, צוגעדעקטע ווי מיט אַ גרינער חופּה פון נאָדלביימער, האָבן אין שאָטן פונעם אויבערשטן וואַ־ראַנדע־צימער — זיך געליבט אויף וואָס די וועלט שטייט...

מען קאָן נישט זאָגן, אַז טאַטע־מאַמע אירע האָבן פון אונדזער ליבע נישט געוווּסט. זיי האָבן, ווי איך האָב באַמערקט, געמאַכט זיך נישט זעען און געהאַפּט, קאָן זיין, אַז אַ דאַנק מיר וועט אפשר איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויפהערן דאָס יונגע געיעג פון דער כאַפּטע יונגלעך און יונגען, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום איר און פאַרשעמט די אַנדערע דריי טעכטער, וואָס זענען נישט געווען אַזוי שיין ווי מיין „שולמית" און ווי זי — קיין נדן נישט געהאַט...

ווי בעת מיין ליבע צו מאַרגאַריטען — האָט מיך אויך דאָס מאָל באַזיגט דער פּשוטער, רויער חומר, דער מאַטעריאַליזם: אַ צווייטער אַדאָ־ראַטאָר אירער, אַ בעקער־אַרבעטער, האָט זי ביי מיר צוגענומען נישט מיט קיין לידער, נאָר מיט ברויט...

— פאַרן פּאַראַט אירן, אין וועלכן זי איז, ווי איך האָב איינגעזען — געווען אַבסאָלוט אומשולדיק — האָב איך איר דאַמאָלט מוחל־געווען, און בין

עס איר עד־היום מוחל, שוין בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט זיך אין דער געשיכטע פון מיינע ראָמאַנטישע יאָרן, איינגעשריבן מיטן ליכטיקסטן בלעטל.

איך נעם זיך נישט אונטער צו באַשרייבן אַלע מיינע ליבעס פון יענער צייט ווען כ׳האָב אפילו איין טאָג נישט געקאָנט אויסקומען אָן ליבע און מורא־געהאַט, אַז איך וועל אָן צו זיין פאַרליבט — נישט האָבן פון וואָס צו שרייבן...

איך וויל נאָך דערמאָנען אַן אומגעוויינטלעכע ליבע, וואָס איך האָב, נישט בדרך־הטבע, געפירט מיט צוויי שוועסטער. אַ צייט לאַנג האָב איך אַליין נישט געקאָנט זיך קלאָר־מאַכן וועמען פון די צוויי שוועסטער איך האָב ליבער און צו וועלכער פון זיי איך ציל. יעדעס מאָל ווען מיר איז אונטער פיר אויגן אויסגעקומען צו זיין מיט איינער — האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט זען דער צווייטער, און מיט ביידע צוזאַמען — האָב איך זיך אינ־גאַנצן פאַרלוירן און דערטרונקען־געוואָרן אין אַ מטושטשן ים פון געפילן. אויך ביי די צוויי שוועסטער איז מיין נישט גלייכגילטיקייט צו זיי, געווען אומקלאָר און נישט פאַרשטענדלעך, און זיי האָבן, ווי אָפּגערעדט צווישן זיך — נישט גערעדט מיט מיר אַ וואָרט וועגן דעם, נאָר רויק געוואַרט, אַז דער פּלאָנטער זאָל זיך פון זיך אַליין אויפוויקלען.

אויב מיינס אַן אומגליקלעכע ליבע איז געווען פאַר מיר דאָס פאַר־צערט־ווערן פונעם אייגענעם פייער — איז מיין דאָפּל־ליבע געווען פאַר מיר ממש אַ גיהנום. אַ גליק נאָך, וואָס עס האָבן, ווי אין מיינע פריערדיקע ליבעס, זיך אַריינגעמישט צוויי בחורים און — מיט זיי חתונה געהאַט, און באַפרייט מיך פון אַ פּראָבלעם, וואָס איך וואָלט קיינמאָל נישט געלעזט...

איך וויל נישט דינען

נאָך מיין געוואַגטן ערשטן אַרויספאָר קיין קורלאַנד צו די דייטשן אויף אַרבעט, האָב איך אין אַ צייט אַרום באַוויזן אַ צווייטע געוואַגטקייט אויף וועלכער איך אַליין וואָלט זיך פון מיר קיינמאָל נישט געווען געריכט, ווייל דאָס וואָס כ׳האָב דאָס צווייטע מאָל געטאָן, האָט אויף אַן אמת געשמעקט מיט פאַרלירן דערפאַר אויף לאַנגע יאָרן די פרייהייט, און אפשר — מיט ערגערס.

בעת „מיין״ פאָטערלאַנד פוילן האָט אין יאָר 1920, אין איר קריג מיט די באָלשעוויקעס מיך גערופן צו דערפילן מיין „חוב״, בין איך נאָכן ווערן צוגענומען, אַ טאָג פאַרן אָפּגעבן די שבועה — אַרויס פון קאַזאַרמע און זיך מער נישט אומגעקערט.

שוין עטלעכע טעג פאַרן צושטעלן זיך צום מיליטער־קאָנטראָל האָב איך, געדענק איך, באַשלאָסן ביי זיך, אַז וואָס עס זאָל מיט מיר געשען — וועל איך נישט גיין דינען אַ לאַנד ווו כ׳האָב אַלס ייד קיין שום רעכט נישט צו לעבן און צו געניסן פונעם לעבן גלייך מיט די נישט־יידישע בירגער, אונטערטאַנען; והשנית, האָב איך טאַקע נישט געוואָלט זיך שטעלן קעגן דער „באָלשעוויע״, וועלכע כ׳האָב מיטן גאַנצן האַרץ אויסגעקוקט, ווייל כ׳האָב שוין דאַמאָלט, ווי שפּעטער אין דער מלחמה מיטן היטלעריזם און פאַשיזם — געזען אין זיג פון דער רויטער סאָוויעטישער אַרמיי — די איינציקע האָפענונג און רעטונג פאַר די מיליאָנען רעכטלאָזע, געטרעטענע, שוצלאָזע יידן, און פאַר די מאַסן אונטערדריקטע אַרבעטער און פּויערים פונעם „באַנייטן״ פוילן.

כ׳בין אָבער נישט געווען דער איינציקער מיליטער־פליכטיקער,

וואָס האָט אַזוי ווי איך געטראַכט, געפּילט און געהאַנדלט. נישט אומ־זיסט איז די צאָל פון די נישט צוגעשטעלטע, אויסבאַהאַלטענע און אַנטלאָ־פענע דעזערטערן, דערגאַנגען צו דער צאָל פון אַן אַרמיי, וואָס וואָלט זיך זיכער פעיק־געווען צו שלאָגן און זיך מקריב־צו־זיין פאַר עפּעס אידעאַ־לערס, שענערס און צוועקמעסיקערס, ווי שלאָגן זיך פאַר דער הערשאַפט פון אַ פאַשיסטישער רעגירונג, וואָס האָט אין איר פּראָגראַם געשטרעבט אויפצולעבן די אַלטע „גוטע" צייטן פון „פּאַנשטשיזנע".

געווען איז עס אין אַ האַרבסטיקן טאָג. די מאַמע מיינע האָט מיך אַ פאַרווײנטע אַרויסבאַגלייט אויפן וועג צום מיליטערישן זאַמלפּונקט און איך האָב זי אויפן גאַנצן וועג געטרייסט, און לסוף,ביים געזעגענען זיך — אַ זאָג־געטאָן: וויין נישט מאַמע, נאָך היינט ביינאַכט בין איך צוריק אינ־דערהיים.

נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומדרייען זיך איבערן באַוואַכטן ריזיקן קאַזאַר־מעהויף, וווּ ס'האָבן זיך, ווי איך, אַרומגעדרייט נאָך טויזנטער רעקרוטן, ווי שאָף ערב דער שחיטה — האָב איך ביינאַכט אויסגענוצט דעם האַרבסטיקן פוילן רעגן מיט דער געדיכטער פינצטערניש, זיך בגניבה צוגעשאַרט צו אַ טויער, און בין ווי אַ שאָטן, אונטער דער נאָז פונעם וואַכמאַן — נעלם געוואָרן.

ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן די איבעראַשונג און די נישט קלע־נערע שרעק פון טאַטע־מאַמע, ווען כ'בין ווי אַלע מאָל געקומען אַהיים שלאָפן...

טאַטע־מאַמעס אומרו, וואָס האָט אויך מיך אַ ביסל באַאומרויקט, איז געווען: מיין איבערלאָזן אין קאַזאַרמע מיין קעסטל „צידה לדרך" און דער עיקר: ווייל כ'האָב אין קעסטל געהאַט נישט ווייניק פאָטאָגראַפישע בילדער פון וועלכע מען האָט מיך געקאָנט דערקענען און לייכט אויפזוכן.

היות יעדע סכנה מאַכט שטאַרק, דערפאַרן און דרייסט, האָב איך באַשלאָסן אויפן דריטן טאָג, זונטיק, ווען צוליבן פוילישן רוטאָג איז לייכ־טער געווען דאָס אומלעגאַלע אַריינבאַקומען און אַרויסבאַקומען זיך פון קאַזאַרמעהויף — אַריינצוגיין און דערוויסן זיך קודם־כל, וואָס עס איז מיט

די רעקרוטן פון מײַן אָפּטײלונג, און צי װעל איך קאָנען אַרױסנעמען מײַן קעסטל...

נאָך עטלעכע שעה האָב איך פון די, בײַ װעמען כ׳האָב געקאָנט אַ פרעג־טאָן — זיך דערװוּסט, אַז מײַן אָפּטײלונג איז נאָך שבת אָפּגעפאָרן פון װאַרשע, און אַז מײַן קעסטל מיט חפצים געפינט זיך אין דער מיליטעריש קאַנצעלאַריע...

נאָך די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס בין איך װידער צו, צו אײנעם פון די קאַזאַרמע־טױערן, און אױפדערגיך, אַז קײנער זאָל נישט באַמערקן — אַרײַנגערוקט דעם װאַכזעלנער אין יד־אַרײַן אַ פּאָר בלאַנקענדיקע, װײַסע מטבעות, און בין אַװעק אױף מער נישט צו װײַזן זיך.

פון יענעם טאָג אָן, װען כ׳בין צום צװײטן מאָל אַהײמגעקומען אָן קעסטל און אָן אַ „פּאַפּירל" אױף צו קאָנען זיך לעגיטימירן — פון יענעם טאָג אָן, האָב איך זיך אָנגעהױבן פילן אומזיכער און פאַרפאַלגט אפילו פון אַ „קנעפּל", װאָס האָט מיך אינגאַנצן נישט אין זינען־געהאַט...

פאַרשטײט זיך, אַז װוּ איך האָב גענעכטיקט, האָב איך נישט געטאָגט, און װוּ איך האָב געטאָגט — נישט גענעכטיקט, און אינדערהײם — אַרײַנגעכאַפּט זיך, נאָר געװאָר־צו־װערן צי מען זוכט מיך...

אָנגעהױבן האָב איך נעכטיקן און שלאָפן אױף אַ באַנק אין דער װאַרשעװער אַרבעטערהײם — מײַן ערשטע פּראָלעטאַרישע שול װוּ איך פלעג אױך נישט װײניק טאָגן; די צרה איז נאָר געװען, װאָס איך האָב מיט דער צײַט געקראָגן נאָך אַזעלכע אומלעגאַלע בײשלעפער, און ס׳איז געװאָרן צו געפערלעך, מחמת ס׳האָבן זיך אָנגעהױבן סײַ בײטאָג און סײַ בײַנאַכט — גרױסע „אַבלאַװעס", איבערהױפּט אין די עפנטלעכע לאָקאַלן.

נישט פון אײן פּאָליצײיִשער „אַבלאַװע" האָב איך זיך פּשוט על־פּי־נס אַרױסגעדרײט, און פאַר נישט אײן „אַבלאַװע" פון װעלכער איך האָב זיך אַרױסגעדרײט, האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען מײנעם אַ געװעזענעם פּאַרטײ־חבר, אַ פּועלי־ציוניק, אַ בחור אַ ריזיקאַנט, אַ „מזיק", װאָס האָט מיך פאַר דער פּאָליצײ געמאַכט „כשר װי אַ חזיר־פּיסל"... דער חבר מײַנער האָט בלױז געטאָן אײן „קלײניקײט": ער האָט אױף מײַן דײטשישן אָקופּאַציע־פּאַס, מיט עפּעס אַ כעמיש װאַסער אױפגעגעסן מײַן נאָמען מיט

מיינע יאָרן און מיך געמאַכט פאַר מיין עלטערן ברודער, וואָס האָט זיך בכלל נישט געפונען אין פוילן.

איינמאָל, בעת אַן אומגעריכטן פּאָליצייאישן איבערפאַל אויף דער אַרבעטערהיים, ווו מען האָט אַלע פאַרזאַמלטע מענער געהייסן זיך אויס־לעגיטימירן, און איך, אַ זיכערער מיט מיין חברס גוט שטיקל אַרבעט, האָב דערלאַנגט דעם „פּזשאַדאָווניק" מיין דייטשישן פּאַס, האָט דער „פּזשאַדאָוו־ניק", וואָס האָט, ווייזט אויס געהאַט אַ געניט אויג, אַ נעם־געטאָן מיין פּאַס אַנטקעגן דער שיין פונעם עלעקטרישן לאָמפּ, פאַכמעניש אַ זאָג־געטאָן: שלעכט נאָכגעמאַכט! און נאָך אַ רגע קוקן אויף מיר מיט ישוב־הדעת — צו מיין און צו אַלעמענס שטוינונג — מיר צוריקגעגעבן דעם פּאַס, ווי ער וואָלט געווען אין דער בעסטער אָרדענונג...

אַז כ׳האָב וועגן דעם צופאַל דערציילט דער מאַמען מיינער, האָט זי געזען אין פּאָליציי־„פּזשאַדאָווניק" נישט קיין מענטש, נאָר אַ מלאך... ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז דער „מלאך" מיינער געווען אַ משומד, וואָס האָט געהאַט אַ יידישע פרוי, אַ באַקאַנטע אַרטיסטין פון וואַרשעווער יידישן טעאַטער „סקאַלאַ".

קיין סך „מלאכים" זענען אָבער אין דער פּאָליציי נישט געווען, און אַ צווייטער „פּזשאַדאָווניק" האָט מיך בעת אַ צווייטער „אָבלאַווע", אָפּגע־פירט מיט גרויס פּאַראַד אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט ווו מען האָט מיך, כמעט אַ גאַנצע נאַכט, געהאַלטן אונטער אַ קרייץ־פאַרהער, געפרעגט מיך טויזנט מאָל ווי איך הייס און ווען און ווו געבוירן, געוואָלט מיך מיד־מאַכן, צעטומלען, נאָר איך האָב עקשנותדיק זיך געהאַלטן ביי איינס: דער פּאַס איז מיין פּאַס, און איך בין דער, וואָס אויפן פּאַס, נישט מער — איך האָב דעם פּאַס אַראָפּגעלאָזט אין בלאָטע און בעתן אָפּווישן אים — אַ ביסל אָפּגעריבן... מציל־געווען האָט מיך אָבער דעם ברודערס געבורטשיין, וואָס מען האָט מיר פונדערהיים באַצייטנס באַזאָרגט. אַז כ׳בין אויף צו־מאָרגנס אַרויס פון פּאָליציי־אַרעסט, האָט די מאַמע מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס האָט זיך דער טאַטע אירער, מיין זיידע אויף יענער וועלט, באַמיט פאַר מיר, אַז ער איז איר ביינאַכט געקומען צו חלום און זי באַרויקט מיט דער פאַרזיכערונג, אַז כ׳וועל נישט דינען...

נאָכן קורצן אַרעסט מיינעם, האָב איך פונדעסטוועגן נישט געוואָלט מער פאַרלאָזן זיך אויף דער „מי" פון מיין פאַרשטאַרבענעם זיידן, און כ'האָב אָנגעהויבן ווערן פאַרזיכטיקער, זיך צו היטן נישט צו דרייען זיך צופיל אין גאַס און אויך נישט צו זיצן צו פיל אין אַרבעטערהיים. צוליב פאַרזיכטיקייט בין איך פון אַרבעטערהיים אַריבער שלאָפן אין דער פועלי־ציון־ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אין זעלבן הויף פון דער אַרבעטערהיים, אָבער — נישט אָפן־געווען ווי די אַרבעטערהיים, ביז שפּעט אויפדערנאַכט, און געווען דערפאַר ווייניקער געפערלעך. געשלאָפן בין איך אין ביבליאָטעק, אין אַ גרויסן לייענזאַל, אויף אַ לאַנגן טיש אויף וועלכן כ'האָב זיך אויסגעבעט און צוגעדעקט מיט די צייטונגען פון דער גאַנצער וואַרשעווער פּרעסע...

נאָכן אָפּשלאָפן אַזוי אַ לענגערע צייט אין דער ביבליאָטעק, בין איך אַריבער שלאָפן אין אַ קינדערהיים, אויפן אַראָפּגעלאָזטן פליגל פון קלאַוויר, — מחמת ס'איז געווען אַ סכנה פאַר די שוואַכע קינדערטישלעך — זיך אָוועקצולייגן אויף זיי...

נישט ווייניק בענק און טישן האָב איך פאַרזוכט אויך אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב אין מיינע נאַכט־„אַזילס", געמוזט קומען צוגיין אַזוי, אַז די הויזוועכטער, די „סטרוזשעס", זאָלן מיך נישט באַמערקן — פאַרן שליסן די טויערן. נישט אין איין אַזאַ דירה האָב איך זיך אויך געמוזט לאָזן אויף אַ גאַנצער נאַכט פאַרשליסן און וואַרטן מען זאָל מיך, אינדערפרי, קומען באַפרייען...

נאָך אַ סך אַזעלכע „נאַכט־עקספּעדיציעס" און „שלאָף־וואַנדערונגען", לעבנדיק כסדר צווישן יידישע אַרבעטער, בעלי־מלאכות: פּודעלע־מאַכער, צוקערלעך־מאַכער, קאָרקן־מאַכער, שטעקעלעך־מאַכער און נאָך אַזעלכע „מאַכער" — האָב איך זיך אויך דערוווּסט פון אַ „מאַכער", וואָס מאַכט פאַר אַ ביסל זלאָטעס, פון טריף — כשר. געווען איז דער מאַכער אַ גאַנצער „שמעלקע" מיט דער פּאָליציי און אפילו מיטן פּאָליציי־קאָמיסאַר פון זיין ראַיאָן.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן „מאַכער", וואָס האָט „געשמירט" ווו מען

האָט באַדאַרפט, האָב איך ענדלעך אַרויסבאַקומען אַ פּוילישן פּאַס און גע־וואָרן לעגאַל...

צוגעוווינט שוין צו מיין זעלבשטענדיק לעבן צו וועלכן כ׳האָב שוין, אגב, זייער לאַנג געשטרעבט — האָב איך צוריקגיין וווינען ביי טאַטע־מאַמען, נישט געוואָלט, און מיין ערשטע דירה אין וועלכער איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געגאַנגען וווינען פאַר זיך, איז גע־ווען: מיינס אַן אָפּגעדינט איינזערן בעטל אין אַ קליין, פאַרוויכערט קיכל אויף אַ פערטן שטאָק, אין אַ דירה פון איין נישט גרויס צימער, ביי אַ קינ־דערלאָז פּאָרפאָלק, וואָס איין גאָט נאָר האָט געוווּסט פון וואָס זיי האָבן געלעבט, אַז בסך־הכל איז ער, דער באַלעבאָס מיינער, געווען אַ לעבעדי־קער מת, אַ האַלב־פּאַראַליזירטער פון קאָפּ ביז פיס, און זי, די באַלע־באָסטע מיינע — אַ גאַסן־הענדלערין פון אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער.

די שילדערונג פון מיין ערשטער וווינונג האָב איך אָנגעהויבן פון מיין בעטל ווייל צוליב ענגשאַפט און „היגיענע״, האָב איך אין מיין בעטל געהאַלטן מיינע פאַר העמדער, מיינע מלבושים, און אויך מיינע מאַנו־סקריפּטן. צוליב דער דאָזיקער „באַקוועמלעכקייט״ פון מיין ערשטער דירה, פלעג איך אויף דער פראַגע ווו איך וווין — קורץ ענטפערן: אין אַ בעטל...

אין „בעטל״ האָב איך אַזוי געוווינט ביז צו מיין אויסוואַנדערן פון פוילן.

צוגעמאכט אן אויג...

נאָך אַלס דערוואַקסן ייִנגל, אַז איך פלעג הערן זאָגן וועגן עמעצנס טויט, אַז דער און דער האָט „צוגעמאַכט אַן אויג" — האָב איך עס אָנגענומען נישט מער ווי פאַר אַ וווּליונגערישן אויסדרוק פון ביטול צום טויט אָדער צום פאַרשטאָרבענעם; מיר, און זיכער אויך די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַזוי אויסגעדריקט איבער דעם טויט פון אַ מענטש, איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אַ מענטש זאָל ביים אָפּשטאַרבן פאַרמאַכן נאָר איין אויג און נישט ביידע — ווי איך האָב עס געזען בעתן טויט פון מיין באַלעבאָס ביי וועמען איך האָב אין וואַרשע דאָס ערשטע מאָל דאַן געוווינט „פאַר זיך", זעלבסטשטענדיק און, פאַרנומען ביי אים דאָס קליינע קיכל פון זיין בוידעמשטיבל.

געווען איז מיין באַלעבאָס אַ געוועזענער זייגערמאַכער, וואָס האָט פון זיינע „גוטע יאָרן" פאַראיבעריקט אַ פּאַראַליזש אויפן רעכטן האַלבן קערפּער פון אויבן ביז אַראָפּ, און, אַ האַלב טוץ וואַנטזייגערס פון פאַרשידענע גרייס און פאָרעמס, צעהאָנגען איבער די נאַקעטע, טוכלע, געל און בלאָ־געפּלעקטע ווענט, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט שטויב און מיט אַ געדיכטער נעץ פון שפּינוועב.

געלעבט האָט דער באַלעבאָס מיינער, פון דעם, וואָס די פרוי זיינע, מיין באַלעבאָסטע האָט אים געברענגט פון אירע אָרעמע פאַרדינסטן, פון האַנדלען אין גאַס מיט אַלטע איבערגעטראָגענע קליידער, און ער איז זעלטן־ווען אַראָפּ פון בוידעמשטיבל אין גאַס, כסדר געלעגן אין זיין נידעריק הילצערן בעט, ווי אַ לעבעדיקער מת אין אַן אָפענעם ארון, און פון צייט צו צייט, אויף אַ זייט, ווי ביים אונטערשפּאַרן זיך אונטער אַ שווערע מאַסע — געשלעפּט זיך פון שטוב, צו מיר אין קיכל, און צוריק.

אויפכאַפּן זיך מיט לעבן, ווי אַ פלעמל פון אַן אויסגייענדיק ליכט, פלעגט ער דאמלט ווען אים האָט זיך איינגעגעבן עמעצן אויפהאַלטן נעבן זיך און פאַר אים דערציילן וועגן זיינע אַמאָליקע גוטע צייטן, וואָס ער האָט געהאַט ווען ער איז נאָך געווען אַ מענטש...

פאַרשטייט זיך, אַז וויינענדיק ביי אים, בין איך נישט־איינמאָל געווען דער קרבן זיינער, און געמוזט פון אים אויסהערן אַמאָל הונדערט, איין און די זעלבע אָרעמע געשיכטע וועגן זיין „רייכער" פאַרגאַנגענהייט אַלס זייגערמאַכער פון אַ גרויס זייגערגעשעפט. כדי צו באַווייזן מיר ווי אַזוי ער האָט אַמאָל אויסגעזען אין די גוטע צייטן, פלעגט ער יעדעס מאָל אַרויסציען פון טישלעדל צוויי אַלטע פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען פון אַלט־קייט געווען שוין אָפּגעבליאַקעוועט און אָפּגעקראָכן ווי די ווענט פון זיין צימער, און געוויזן ווי ער מיט זיין פרוי האָבן אויסגעזען אין טאָג פון דער חופה, און דערנאָך — אַלס אייגנטימער פון אַ זייגערגעשעפט.

איינמאָל, אין אַ ווינטער אויפדערנאַכט, בעת כ'האָב זיך געקליבן אַוועקצוגיין פון שטוב, איז די באַלעבאָסטע מיינע שטאַרק צוגעשטאַנען צו מיר און מיך געבעטן בלייבן נאָך אַ שעה אינדערהיים, ווייל זי דאַרף נויטיק אַוועקגיין. און עפּעס איז איר היינט שווערער ווי אַלע מאָל, צו לאָזן דעם מאַן אַליין. כ'האָב נישט געקאָנט אָפּזאָגן: געלאָזט מיין באַלעבאָסטע אַוועק־גיין און בין אַריינגעגאַנגען צו אים אין דער נישט־געהייצטער שטוב ווו פון יעדן חפץ האָט אַראָפּגעוויינט די אָרעמקייט און דער קינדערלאָזער עלנט.

מיין האַלב־טויטער באַלעבאָס מיט זיין קליין קעפל און מיט זיין וואַקסן פּנים, וואָס האָט געהאַט אַ געלקייט ביז אין די ווייסלעכן פון זיינע הינעראויגן — איז ווי תמיד געלעגן אין בעט און, ווי כסדר זיך איינגע־האָרכט צום גאַנג פון זיינע פאַרבליבענע זייגערס, וואָס האָבן, נישט אין איין צייט, הייזעריק אויסגעכריפּעט און אויסגעכאָרכלט די שעהען. איך האָב זיך צוגעזעצט צום ראַנד פון זיין בעט נעבן טישל, וואָס איז געווען אָנגע־וואָרפן מיט פּאַפּירלעך און שאַכטלעך, מיט פּראָשקעס, פּילן, שמירעכצער, און אָנגעשטעלט מיט רפואה־פלעשלעך צווישן וועלכע עס איז אויך גע־שטאַנען דאָס נאַכטלעמפּל, וואָס האָט געברענט אונטער אַ שוואַרץ־פאַרויכערט גלעזל. פון אויבן־אַראָפּ — האָט אויף אַ האַלב צימער געדריקט

אַ חשכות, און אין דעם אונטערשטן אומהיימלעך־באַלויכטענעם טייל, האָבן זיך אויף איין וואַנט געזען: דער שאָטן פון מיין קאָפּ, דער שאָטן פון זיין ליגנדיקן פאַרגרעסערטן פּראָפיל מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז, און איבער אים — אַ לויפנדיקער שאָטן פון אַ זייגער־אומרו, ווי אַ פאָכנדיקע געפּויסטע האַנט...

ווי אַלע מאָל, האָט מיך מיין באַלעבאָס נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיין „לעבנס־געשיכטע”, וואָס כ׳האָב שוין אַזוי פיל מאָל געהערט פון זיין שווער־באַוועגלעך גאַווערדיק מויל; איך האָב פונדעסטוועגן געמאַכט דעם אָנשטעל פון גרויס פאַראינטערעסירטקייט, און פון נישט וועלן דורכ־לאָזן קיין איין פּרט פון זיין דערציילונג. געפונען אין מיר אַזאַ אויפמערק־זאַמען צוהערער, האָט ער זיך ביסלעכווייז אַרויפגערוקט העכער אויפן קישן צוקאָפּנס, און האַלב זיצנדיק, ווי אויף אַ ברודיקער קופּע צעטראָטע־נעם שניי — ווידער אַרויסגערוקט דאָס טישלעדל, אַרויסגענומען די פאָטאָ־גראַפיעס און, איך האָב זיי ווידער באַטראַכט, ווי איך וואָלט זיי געזען דאָס ערשטע מאָל... דאָס מאָל איז אָבער דאָס דערציילן זיינס, צוגעגאַנגען שווע־רער ווי אַלע מאָל. עס האָבן זיך אים כסדר געריסן די פעדעם פון זיין דערינערונג און עס איז אים נישט לייכט־געווען זיי ווידער צונויפצובינדן. אָפּרעדנדיק אַזוי בערך אַ האַלבע שעה, איז ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט איינמאָל שטיל־געוואָרן נישט האָבנדיק פאַרענדיקט דעם זאַץ, און איך בין פון גאָרנישט אַנענדיק — געבליבן זיצן און וואַרטן אויף זיין המשך, כאָטש איינדעראמתן האָב איך זיך שוין נישט שטאַרק צוגעהערט צו אים, געווען זייטיק פאַרטראַכט, און אין דער שאָטנדיקייט — אים מער געפילט ווי — געזען. צוליב דעם אָבער, וואָס דאָס שווייגן זיינס האָט מיר אויסגעזען צו דויערן צו לאַנג, האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ כדי אויף אים אַ קוק צו טאָן, און דערזען אים אין דער זעלבער אַנגעלענטער פּאָזע אַן אומבאַ־וועגלעכן מיט אַ צוגעמאַכט אויג, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין פאַרקוועטשט ווי בעתן באַטראַכטן מיט אַ פאַרגרעסערגלאָז דעם אינגעווייד פון אַ זייגער...

— וועגן וואָס האָט איר זיך עס אַזוי פאַרטראַכט? — האָב איך אים אַ פרעג־געטאָן. ער האָט מיר נישט געענטפערט; דאָס אָפענע רעכטע אויג

זיינס, האָט אַרויסשטאַרצנדיק ווייטער געקוקט ווי פאַרטראָגן אין עבר, נאָר אַז די לינקע נאַקעטע האַנט זיינע האָט זיך פּלוצים אַראָפּגעגליטשט פון ראַנד פון בעט און געבליבן שטאַר הענגען — האָב איך דערזען, אַז דער באַלעבאָס מיינער איז טויט. און אַז דאָס אָפענע רעכטע אויג זיינס גלאָצט ווי אַן אָפּגעבליאַקעוועטער מעשענער קנאָפּ גלייך אויף מיר, ווי עס וואָלט וואָס צוגעטראַכט קעגן מיר און נישט געוואָלט מיך פאַרלירן פון זיך...

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן פון קאָפּ ביז פיס; כ׳האָב געוואָלט זיך אויפשטעלן און נישט געקאָנט; כ׳האָב געוואָלט אַ שריי־טאָן און נישט געקאָנט; איך געדענק נישט ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט, איך געדענק נאָר, אַז עס האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַן אייביקייט, און געפילט, אַז אויב ער וועט נישט פאַרמאַכן דאָס צווייטע אויג זיינס — וועל איך שטאַרבן פאַר פחד...

צו מיין גליק האָט זיך ענדלעך דערהערט מיין באַלעבאָסטעס אויפ־שליסן די טיר פון טרעפּנהויז. כדי נישט בייצווזיין די סצענע צווישן איר מיטן טויטן מאַן, האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס אָנשטאָט אַריינצוגיין צוערשט צו זיך אין צימער, איז זי פריער אַריין צו מיר אין קיכל, און איך האָב זיך, אומבאַמערקט, ווי אַ שאָטן אַרויסגעשאַרט פון צימער, און בין ווי אַראָפּגעפאַלן פון אַלע פיר שטאָק טרעפּ...

איך פאָר קיין ארץ-ישראל

שוין ביים אָנהויב פון דאָזיקן קאַפּיטל, ווײל איך למען האמת זיך מודה־זיין, אַז ווי צופעליק, אָן וועלכער־עס־איז אידעאישער פאַרברייטונג, איך בין אַלס יוגנטלעכער געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער לינקער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין וואַרשע — אַזוי צופעליק איז אין יאָר 1924 געווען דאָס פאָרן מיינס קיין ארץ־ישראל; וואָלט איך למשל אָנשטאָט אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל, באַקומען אַ סערטיפיקאַט צו פאָרן דאַמאָלט קיין אַמעריקע, אָדער אין וועלכן־עס־איז אַנדער לאַנד — וואָלט ארץ־ישראל אין מיינע לידער און אין מיינע בלעטלעך זכרונות זיכער נישט פאַרנומען דאָס אָרט, וואָס עס פאַרנעמט, און אפשר אינגאַנצן קיין אָרט נישט פאַרנומען.

מיט מיין פאָרן קיין ארץ־ישראל האָב איך צו יענער צייט געוואָלט דערגרייכן דריי זאַכן: אַנטלויפן פון אַנטיסעמיטישן רעאַקציאָנערן פּוילן, וואָס האָט געמאַכט אומדערטרעגלעך דאָס יידישע לעבן, און ווו איך האָב באַזונדער זיך געפילט אומזיכער צוליב מיין דעזערטירן פון פּוילישן מיליטער־דינסט; ראַטעווען זיך פון דער „טרענקענדיקער שיף", די „אויסטערלישע שטוב", ווי די מאַמע מיינע האָט גערופן די היים, און די דריטע זאַך: אַ געלעגנהייט צו פאָרן און אָנצוזען זיך אַ וועלט, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ צוועק פאַר זיך...

נישט צופעליק איז אָבער דאָס פאָרן מיינס קיין ארץ־ישראל געווען ביי מיינע פּאַרטיי־חברים, וואָס האָבן אויף מיין אָפּשייד־אָוונט מיך באַלאָדן מיטן גאַנצן שווערן באַגאַזש פון „סטיכישן פּראָצעס", „היסטאָרישע נויטווענדיקייט", און נאָך אַזעלכע שווערע „טשעמאָדאַנעס" פון באָראָכאָוו פּלאַטפאָרם; אַ באַגאַזש, וואָס נישט איין פּועלי־ציוניסט, בפרט אַ יוגנטלעכער,

האָט זיך נישט געקאָנט מיט אים אַן עצה־געבן, מחמת זיין אַ פּועלי־ציוניסט און קענען די גאַנצע באַראָכאָוויסטישע תורה, איז גאָרנישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך.

נישט צופעליק האָט דאָס פאַרן מיינס אויסגעזען אויך ביי מיין טאַטן דעם אַלטן חובב־ציוניק, וואָס האָט געקוקט אויף מיין פאָרן ווי אויף אַ זייער וויכטיק שליחות, וואָס מען האָט מיר אָנפאַרטרויט, און געזען אין מיר די ערשטע משפחה־שוואַלב, וואָס וועט אין אויפגעריכטן לאַנד פון די אבות צוגרייטן פאַר אַלעמען אַ נייע, אַ וואַרעמע און אייגענע נעסט...

פאַראַן פּאַסאַזשירן, וואָס מען רופט זיי „לייכטע פּאַסאַזשירן". דאָס זענען אַזעלכע פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן פערטע קלאַס, ווייל קיין פינפטע איז נישטאָ... נאָך מיין מיינונג איז פאַר אַזעלכע פּאַסאַזשירן די באַצייכענונג: לייכטע — נישט קיין ריכטיקע, פאַרקערט: זיי זענען די שווערסטע פּאַסאַזשירן, איבערהויפּט ווען זיי פאָרן משפחהווייז, ווי דער שטייגער איז: מיט אַ סך קינדער, און מיט אַן אָרעמקייט וואָס איז צעלייגט אין אַ סך קלומיקעס, פּעקלעך, וואָס מען גיט נישט אַוועק אויף באַגאַזש, ווי עס טוען עס די פּאַסאַזשירן פון ערשטן און צווייטן קלאַס, נאָר מען פירט עס כסדר מיט מיט זיך, און מען לייגט זיך אפילו שלאָפן אויף זיי...

אויך איך האָב פאָרנדיק קיין ארץ־ישראל אָנגעהערט צו דער קאַטעגאָריע לייכטע פּאַסאַזשירן, ווייל אינדעראמתן איז מיין גאַנצער באַגאַזש באַשטאַנען נאָר פון א פּאָר העמדער, אַ בינטל טרויעריקע לידער און — אַ טיפּן ריס אין האַרצן... אַ ריס פון ווערן מיט איינמאָל אויסגעוואָרצלט פון מיין היימיש שטייגער־לעבן, ווי אַ דערוואַקסענער בוים, וואָס מען רייסט בעל כרחו אויס, כדי אים איבערצופלאַנצן אין אַן אַנדער קלימאַט און אויף אַן אַנדער באָדן.

מיט אַזאַ באַגאַזש האָב איך זיך אויפן וועג קיין ארץ־ישראל געשלעפּט צוויי טעג מיט דער באַן, און פיר טעג אויף אַ שיף, ווי אויף אַ שווימענדיק יידיש שטעטל פון קנאַפּע טויזנט נפשות, ווּעמען עס האָט, לפּחות אויסערלעך, געבונדן איין ציל: ארץ־ישראל.

געהאַט האָט דאָס שיף־שטעטל אַלץ, וואָס אַ יידיש שטעטל דאַרף צו האָבן: אַ רב, אַ שוחט, אַ שול, אַ חזן, אַ כשרע קיך, און: טריפֿניאַקעס, אפּיקורסים, אינטעליגענטן, אַפּטייקער, אינזשינירן, אַדוואָקאַטן, שרייבער, סתם „שיינע יידן" גבירים און ועל כולם: „עמך שער און אייזן" און אַ גרויסע צאָל חלוצישע יוגנט, וואָס האָט אויפֿן גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין זינגען און טאַנצן „האָרא" און אין דער ראָד — נישט איינמאָל אַריינגעצויגן אויך עלטערע יידן מיט בערד, נאָר קיין איינמאָל נישט מיך, דעם לייכטסטן פּאַסאַזשיר פֿון די פֿאָר העמדער מיטן בינטל טרויעריקע לידער און — טיפֿן ריס אין האַרץ...

פֿיר טעג און פֿיר האַלבע נעכט האָב איך זיך געפֿונען אָדער אויפֿן סאַמע אויבערדעק צווישן די הענגענדיקע רעטונגשיפֿלעך אָדער אין סאַמע ווינקל נאָז פֿון דער שיף, צווישן גראָבע שטריק, קאַנאַטן, קייטן, דראָט און פֿאַרקענדיקע שיף־אַרבעטער.

פֿיר טעג און פֿיר האַלבע נעכט האָב איך נישט אָפּגעריסן די אויגן פֿונעם ים, וואָס איז אַ דאַנק דעם חודש יולי, געווען רויק, מילד, האָט לייכט געפֿאַלדעוועט, געשאַרוועט ווי זייד, און לויטן הימל — געביטן די פֿאַרבן אונטער דער זון, און זיך געוועקט, געוואָרן אומרויק — אין האַלבער נאַכט, ווען אַלע פּאַסאַזשירן זענען שוין געשלאָפֿן.

וויפֿל כ׳האָב אין דער איינזאַמקייט צווישן די קנאַפּע טויזנט שיף־ברידער און שיף־שוועסטער געטראַכט וועגן דעם ציל און וועגן דער צוועקמעסיקייט פֿון מיין פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, — האָב איך ביי קיין אופֿן נישט געקאָנט קלאָר־מאַכן־זיך דאָס קלענסטע און בלאַסטע בילד פֿון מיינע פּערעספּעקטיוון אין אַ נייער היים, וואָס מען דאַרף ערשט מאַכן פֿאַר אַ היים, און ווו נויטיק זענען: פֿעסטע קאַפּיטאַלן און פֿעסטע מוסקולן, וואָס איך האָב ביידע נישט, פּלוס: מיין דאַרפֿן גייסטיק זיך אויסלעבן אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון שנאה צו דער שפּראַך, אויף וועלכער כ׳האָב אינדערהיים פֿון מיין וויג, אָנגעהויבן אויפֿזינגען פֿערזענלעך און אַלגעמיין פֿאָלקס־פֿרייד און פֿאָלקס־טרויער — אויף מאַמע־לשון: יידיש.

דער איינציקער כוח, וואָס האָט די טרויעריקע געדאַנקען מיינע

צעשלאָגן און צעטראָגן ווי שווערע וואָלקנס, איז געווען — דער ים־ווינט און די גרויסע הנאה פון מיין ערשטער ים־נסיעה, וואָס האָט ביי מיר אַוועקגענומען אַלע דאגות פון דער וועלט, און מיר איבערגעלאָזט איין דאגה, איין וואָלקן אויפן זוניקן ים־וועג: דער געדאַנק, אַז די נסיעה וועט זיך ענדיקן...

אויפן פינפטן פרימאָרגן האָט זיך די שיף דערנענטערט צו עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ; פון שעה צו שעה איז דער גאָלדענער נעפּל פון אים אַלץ מער אָפּגעטראָטן, צערונען־געוואָרן און אַרויסגערוקט אַ ברעג, וואָס פון איין זייט איז ער געווען ליכטיק, העל, און פון דער צווייטער זייט בלאָלעך, שאָטנדיק, ווי פון דער נאָך־נישט צעגאַנגענער נאַכט. מיטאָגצייט האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט און געזאָגט נישט ווייט פון פאַרכמורעטן ברעג אויף וועלכן ס'האָט, ווי אויף אַ פאַן, געוויכערט אַן אויסגעשאָטענע, אַן אָנגעוואָרפענע — דאָס אַראַביש אַלטע יפו — אין ענגער שכנות מיט דער זייער יונגער נאָך־נישט־פונאנ־דערגעוואקסענער ליכטיקער יידישער תל־אביב.

בעת די רעגירונג־באַאַמטע זענען אַרויף אויף דער שיף כדי דורכ־צופירן די פאָרמאַליטעטן פון אויסלאָדן זיך, און איך האָב נאָך געהאַט צייט אויף צו באַטראַכטן דעם יפוער פאָרט פון אויבן־אַראָפּ, איז דאָס ערשטע בילד, וואָס האָט צו זיך צוגעשמידט מיינע אויגן, געווען: אַ קאַראַוואַן פון קניענדיקע קעמלען אויף אַלע פיר, און אַרום זיי, אין ברייטע פלודערן און אין ווייסע קעפּיעס און רויטע פעסקעס: באָרוועסע ברוינע אַראַבער, וואָס האָבן מיט ווילדע קולות אַרויפגעקאָלערט גרויסע פעסער צעמענט אויף די קעמלרוקנס, און זיי צוגעבונדן און שטייף איינגעצויגן מיט שטריק אַרום די קעמלבייכער; די קעמלען האָבן בלויז געדרייט מיט די קעפּ אַהין און צוריק, און ביים אויפשטעלן זיך אַרויסגעלאָזט אַזעלכע קרעכצן פון וואָס מיר איז אַזוי שווער־געוואָרן אויפן האַרץ — אַקוראַט ווי מען וואָלט אויך אויף מיר אַרויפגעלייגט אַזאַ פודיקע מאַסע. אין דאָזיקן בילד אין וועלכן כ'האָב געזען דעם סימבאָל פון פּיין און געדולד, — האָב איך אויך דערזען מיינע פּערספּעקטיוון אין דער נייער היים...

צו מיין גליק, איז מיין ערשטער שווערער איינדרוק ביים יפוער

ברעג, צוזאַמען מיט מיין פערזענלעכן ריס אין האַרץ — צערונען און דער־טרונקען־געוואָרן אין די שפּעטער־געזעענע בילדער פון גבורה, אָפּפער און מסירת־נפש — ביי מיינע שוועסטער און ברידער, די חלוצים־פּיאָנערן פונעם ארץ־ישראלדיקן אויפבוי.

דער סוף פון מיין היים

יעדע היים פון טאַטע־מאַמע ווי קליין און אָרעם זי זאָל נישט זיין, איז אַ שטיקל מאַנאַרכיע מיט אַ רעזשים און דיסציפּלין, וואָס נישט אַלע אונטערטאַנען ווילן און קאָנען זיך אונטערוואַרפן, און זי, די „מלוכה״, איז דערפאַר שטענדיק פול מיט בונט און מרידה מצד די, וואָס רייסן זיך אין איר צו פרייהייט און זעלבשטענדיקייט.

וואָס שייך דער „מאָנאַרכיע״ ביי מיר אינדערהיים, האָט זי זיך אונ־טערשיידט פון אַנדערע מאָנאַרכיעס דערמיט, וואָס די „מלכה״, די מאַמע מיינע, איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער זייט פון די מורדים און, זיי גע־שטיצט קעגן יעדער עווענטועלער שטראָף מצד דעם „מלך״ דעם טאַטן מיינעם.

די מאַמע האָט ווייט נישט געהאַלטן פון טאַטנס אַרט פירן די „מלוכה״, וואָס ביי איר האָט עס געהייסן אַ „פירעכץ״, וואָס האָט געמוזט לויט איר איינזען, פירן צום אונטערגאַנג פון דער „שטוב״.

דער חסרון פון טאַטנס „פירעכץ״ איז געלעגן דערין, וואָס ער האָט ליב־געהאַט צו מאַכן אָנשטעל, ליב־געהאַט אויסערלעכן גלאַנץ און עפעקט, שטענדיק געדונגען גרויסע דירות מיט אַ סך צימערן, בעת ער האָט קוים געקאָנט אויסהאַלטן איין צימער; ליב־געהאַט צו מאַכן אינדערהיים אַ „מעבלסקלאַד״, ווי די מאַמע מיינע האָט עס ריכטיק באַמערקט, — צוליב זיין האַלטן אין איין אַהיימברענגען פון גאַס „אַנטיקן״ — בעת מיר, די קינדער, זענען אַרומגעגאַנגען, ווי די מאַמע האָט עס פּראָסט און פשוט אָנ־גערופן: נאַקעט און באָרוועס.

דער טאַטע מיינער איז וואָס אַן אמת געווען אַ מבין אויף עפּעס

שיינס און גוטס, און געהאַט אַ שוואַכקייט צו קויפן אַלץ, וואָס מען האָט אים אונטערגעטראָגן — בעת אינדערהיים האָבן אויף אַלע מעבל־שטיקער שטענדיק געקלעפּט צעטעלעך פונעם סעקוועסטראַטאָר און עס זענען כסדר געקומען אויפפאָדערונגען און וואָרענונגען, אַז אויב מען וועט נישט ביז צום אָנגעגעבענעם טערמין איינצאָלן די רעגירונג־שטייערן אָדער דאָס שול־דיקע דירה־געלט — וועט מען אינדערהיים צונעמען אויך די קישנס פון אונטערן קאָפּ... עס איז אָבער קיינמאָל נישט געקומען דערצו, אַז מען זאָל טאַקע צונעמען דאָס מעבל, ווייל דער טאַטע האָט נישט געלאָזט, געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, געלאָפן באָרגן געלט און געוועזן, דערפאַר, שטענדיק פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. די מאַמע דאַקעגן, האָט געהאַלטן אין איין בעטן ביי גאָט, אַז מען זאָל שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל צונעמען די „קרענק", ווי עס האָבן ביי איר געהייסן די שענק, פּטור ווערן פון איבע־ריקע קאָפּ־ברעכעניש, און דער עיקר: דאָס האַרץ־קלאַפּעניש, וואָס זי האָט יעדעס מאָל געהאַט בעת עס האָבן זיך, ווי מחבלים, באַוויזן די „סעקוועסטראַ־טאָרס" מיט די „עקזעקוטאָרס": די גוים מיט די שפּיציקע וואָנסעס און שפּיציקע אייגעלעך...

עס זאָגט זיך נאָר אַזוי, אַז די מאַמע האָט געוואָלט מען זאָל דאָס מעבל צונעמען; ווי האָט זי עס געקאָנט וועלן, בעת מען איז צו יעדן מעבל־שטיק צוגעוווינט ווי צו אַ לעבעדיקער זאַך, וואָס האָט הינטער זיך אַ שטיק געשיכטע, בפרט פאַרן טאַטן, וואָס האָט שטענדיק געקויפט אַלטע חפצים „אַנטיקן".

איך ווייס נישט די געשיכטע פון אונדזער מעבל, ווי עס האָט עס געוווּסט דער טאַטע מיינער; איך געדענק נאָר, אַז ווען עס פלעגט אויס־קומען זיך איבערציען פון איין דירה אין דער אַנדערער, פלעגן די געזונטע וואַרשעווער טרעגער קרעכצן אונטער זייער שווערקייט. זידלען זיך סתם איך־דער־וועלט־אַריין און דערנאָך פאָדערן ביים טאַטן, אַז ער זאָל זיי דער־לייגן עפּעס, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט, האָבן זיי געטענהט, אַז מען וועט דאַרפן כאַפּן אַזאַ שוויץ...

געווען זענען די „מויערן", ווי דער טאַטע האָט מיט הנאה געזאָגט וועגן דעם מעבל, — פון דעמבאָוון האָלץ, טונקל־ברוין פּאָליטורט, מיט

אַ סך גזימסן, קאַפּשטיקס, גאַלקעס און שניצערייען, וואָס האָבן אין זיך אַריינגענומען אַ סך שטויב, צוליב וואָס די מאַמע מיינע, האָט דאָס מעבל באַזונדערס פיינט־געהאַט, ווייל זי האָט עס קיינמאָל נישט געקאָנט דעריי־ניקן. אַ באַזונדער חשוב אָרט האָט אינדערהיים פאַרנומען דער קרעדענץ, וואָס האָט זיך געטיילט אויף דריי טיילן פון אונטן אַרויף, געהאַט אַ סך שיפ־לעדלעך, טירעלעך, זיך אויפגעהויבן מיט צוויי געדעכלטע טורעמס איןביידע זייטן, און ווי אונטערגעהאַלטן דעם סופית — מיט זיין „בייזער הייך".

מיר פערזענלעך, איז פון אַלע מעבל־שטיקער געפעלן דעם טאַטנס שטול, די אַזוי גערופענע „פאַטערשטול" (מיט אַ פּתח אונטער דער אַלף). די שטול, אַ דאַנק וועלכער איך בין, ווי איך האָב שוין דערציילט אין קאַפּיטל: מיינע חלומות — שיער געוואָרן אַ מאַלער. נאָך מער איז מיר אָבער געפעלן די טאַפּע, וואָס אַזאַ האָב איך נישט געזען אפילו אין די היימען פון מיינע פאַרמעגלעכע יוגנט־חברים. געווען איז אויך די סאָפע דעם טאַטנס אַ גע־לעגנהייט־קניץ, אַן „אַנטיק" פון מאַהאָגנהאָלץ, העל פּאַליטורט, געבעט מיט געבלימט און געקווייטלט גריבעם פלוש אונטערן געזעס, צעקאַפּנס און צעפּיסנס, און מיט אַ פלושן הויך־געבעטער וואַנט ווי אַ פּלייצע, וואָס האָט אין דער הילצערנער ברייטער ראַם — ווי אויף אַקסלען געטראָגן אַ היפּשן פיר־קאַנטיק געשליפענעם שפּיגל מיט אַ קאַפּשטיק געשניצט אין דער פאָרם פון אַ קרוין, און ביי ביידע זייטן שפּיגל — צוויי אַזוי־גערופענע פולקעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צוויי טעאַטער־לאָזשעס אין מיניאַטור.

אָפּגעשטעלט זיך באַשרייבן אונדזער מעבל, האָב איך נישט נאָר, ווייל עס האָט אינדערהיים פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט און אַ סך צייט פון געטרייער דינסט, נאָר, אויך דערפאַר, ווייל מיטן מעבל זענען, ווי מיט לעבעדיקע באַשעפענישן פאַרבונדן אַ סך פון מיינע דערינערונגען און היימבילדער, איבערהויפּט, איין טרויעריק בילד ווי דער טאַטע איז גע־ווען געצוווּנגען אַנהויבן זיך געזעגענען דערמיט...

געווען איז עס נאָענט פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. אין איי־נעם אַ ווינטערדיקן טאָג האָבן מיר באַקומען אַן „עקסמיסיע", און דער טאַטע האָט געמוזט פאַרקויפן איין שאַנק, כדי צו קאָנען באַצאָלן פאַר

אַ צווייטער דירה; פאַר דעם געלט, וואָס דער טאַטע האָט אָפּגענומען פאַר דער שאַנק, האָט ער אָבער אין וואַרשע קיין פּאַסיקע דירה נישט געקאָנט געפינען, און געווען געצווונגען, דאָס ערשטע מאָל דאָך, צו זוכן אַ וווינונג אויסער דער שטאָט און, געפונען איין צימער מיט אַ קיך, אין פאַלעניץ, ביי דער באַנסטאַציע; בעתן אַריבערפירן אַהין דאָס מעבל האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער קרעדענץ מיט דער סאָפע וועלן זיך אין דער נייער וווינונג פון איין צימער — בשום אופן נישט אויסשטעלן און, דער טאַטע מיינער האָט זיי אויך געמוזט פאַרקויפן. פון טאַטנס פאַרקויף האָב איך וואָס אַן אמת געגאָסן: דער טאַטע האָט מיר צושטייער־געגעבן צו מיין נסיעה קיין ארץ־ישראל.

אַז איך בין אין יאָר 1929 געקומען קיין פוילן ווו כ׳בין שוין נישט געווען פינף יאָר צייט, האָב איך די היים מיינע ווידער געפונען אין וואַרשע, געפונען זי אָרעמער און נעבעכדיקער ווי איך האָב זי געהאָט פאַרלאָזט; עפּעס האָט זי מיר אויסגעזען ווי נאָך אַ שריפה, פאַרשוואַרצט און פאַרויכערט, און טאַטע־מאַמע און אַלע אין איר — ווי מיט איינמאָל אַלט און גראַ־געוואָרן...

אין לעצטן בריוו, וואָס כ׳האָב דערהאַלטן פונדערהיים בערך דריי חדשים פאַר היטלערס שחיטה אין אייראָפּע, איז מיר דער טאַטע מודיע־געווען, אַז ער און די מאַמע מיינע, זענען איינזאַמע, עלנטע און צעבראָכע־נע אַראָפּ אויף די עלטערע יאָרן וווינען אין אַ קעלער; אונטערגעגאַנגען, הייסט עס, די „אויסטערלישע שטוב". פאַרענדיקט האָט דער טאַטע דעם בריוו זיינעם, מיט: עני חשוב כמת — ווי ער וואָלט מיר הייסן זאָגן קדיש נאָך אים, נאָך דער מאַמען און נאָך דער היים פון מיין וויג.

רעטושן צו מיין אויטאפארטרעט

היות אַן אויטאָביאָגראַפיע איז גלייכצייטיק אויך דער אויטאָפּאָר־טרעט — וויל איך צו מיין אויטאָפּאָרטרעט צוגעבן עטלעכע רעטושן, שטריכן אַזעלכע, וואָס ליגן אינדערטיף פון דער מענטשלעכער פּסיכיק און — קומען שווער און זעלטן אַרויס אויפדערפלאַך.

למשל: מיין זין פאַר לעבן, חוש פאַר צייט, און געפיל פאַר נאַטור.

ווען מען זאָל מיך, אַ שטייגער, היינט נאָך, ווי יונגערהייט — פרעגן וואָס איך האָב ליבער פון אַלע צייטן יאָר, צי דעם זומער, אָדער ווינטער, צי דעם האַרבסט אָדער פרילינג — וואָלט מען נאָך היינט געברענגט מיך אין פאַרלעגנהייט, ווי מען ברענגט אין פאַרלעגנהייט אַ קינד, בעת מען פרעגט עס ווּעמען ס'האָט ליבער, דעם טאַטן צי דער מאַמען, און ס'ענט־פערט:ביידן — כאָטש עמעצן פון ביידן, האָט עס זיכער ליבער.

כ'האָב ליב די נאַטור אין אַלע צייטן יאָר, און מיט אַלע אירע דער־שיינונגען. פיינט האָב איך, ווי דאָס האָבן פיינט אויך די „שטערבלעכע": אַ לאַנגן פוילן רעגן, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער און מאַכט בלאָטיק נישט נאָר דעם מאַנטל, נאָר אויך די נשמה...

אײן נאַטור־דערשיינונג, וואָס איך האָב פיינט, ווייל זי שרעקט מיך ווי יעדער צעשטערערישער כוח, איז: אַ ווינט, אַ שטורעמווינט, וואָס רייסט זיך פלוצלינג אָפּ, ווי אַ הונט פון קייט, און נעמט, נישט מיר, נישט דיר — רייסן דעכער, ברעכןביימער, און אָנטראָגן אַ געוויסער, וואָס זאָל פאַר־שווענקען און פאַרטרענקען אין גערטנער און פעלדער — די ברכה פון דער ערד. מערקווירדיק איז אָבער דאָס, וואָס בעת אַזאַ ווילדעווען, ווילט זיך מיר פאַר שרעק און אומרו, דוקא זיין מיטן שטורעם אינדרויסן

אונטערן פרייען הימל —— כדי צו פילן זיך זיכערער ווי אונטערן דאַך און צווישן די פיר ווענט, דורך וועלכע איך הער ווי די וועלט קערט זיך איבער...

אַזאַ ענלעך געפיל פון פחד, און נאָך מער — פון אומרו — האָב איך דאַן, ווען עס ברעכט אויס אַ געזעלשאַפטלעכער שטורעם פון סאָציאַלן באַדייט און כאַראַקטער; אַ שטורעם, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס. אַזאַ שטורעם לאָזט מיך אויך נישט איינזיצן אין שטוב, און יאָגט מיך אַרויס אין גאַס, — כדי צו פילן זיך זיכערער און שטאַרקער — צוזאַמען מיט די מאַסן פּראָטעסטירנדיקע און רעוואָלטירנדיקע: די שוואַכע און גערעכטע.

פאַראַן אָבער צײַטן ווען איך זוך דעם שטורעם, און ריף אים אפילו קינסטלעך אַרויס — כדי אויפצורודערן די בלוטן פון מיין זעלישער און גייסטיקער פאַרגלייוערונג, — ווי עס טוט עס דער, וואָס רוט ווי אַן אָדלער הויך אויף אַ שפּיץ פון אַ פעלזיקן אָפּשניט, און וואַרפט פון צייט צו צייט אַראָפּ אַ שטיין — כדי צו הערן ווי עס פאַלט, צעברעכט זיך און צעשיט זיך און וועקט די פאַרביסענע בערגיקע שטומקייט אַרום זיך און אין זיך. מיט אַזאַ געמיט־צושטאַנד, האָב איך נישט איינמאָל אַ פאַרגאַנגענער איינער אַליין אין דער טויבער געדיכטעניש פון וואַלד — אָנגעכאַפּט אַ בוים פאַר אַ צווייג, ווי אַ הירש פאַר אַ האָרן, און מיטן גאַנצן כוח אים אַ בראָך־געטאָן — כדי צו צעטרייבן די וואַלדיקע שטילקייט און צו הערן אין אָפּהילך, אַז כ׳בין אויף דער וועלט נישט אַליין...

ס׳איז העכסט־וואַרשיינלעך, אַז מיין פחד פאַר שטורעם, איז דער פחד פאַר דער סטיכיע; די בלינדע סטיכיע, מיט וועלכער מען קאָן קיינמאָל נישט זיכער־זיין, וואָס זי ברענגט מיט זיך: ברכה אָדער קללה; ס׳איז אַלזאָ, פחד פאַרן לעבן; ריכטיקער: פחד פאַרן טויט און פאַר ליב־האָבן דאָס לעבן — אפילו ווען מען פאַרשעלט עס...

צוליב מיין ליב־האָבן דאָס לעבן, צו וועלכן כ׳האָב זיך אַ גאַנץ לעבן געריסן, ווי אַ געפענטעטער אָדלער — האָב איך, ווי דעם שטורעמווינט — פיינט־געהאַט און טראָג נאָך היינט אַ שנאת חינם צום אומשולדיקן זייגער; אַ שנאה פאַר זיין אומאויפהערלעך וויזן און דערמאָנען מיר די צייט, וואָס

לויפט, אַנטלויפט און טראָגט מיין נישט אויסגעלעבט לעבן, ווי אַ רייט־פערד טראָגט אַ טויטן רייטער...

כ'וועל זיך נישט שעמען און אויסזאָגן אַן אַלט־באַהאַלטענעם סוד, אַז צוליב דער דאָזיקער שנאה מיינער, צום זייגער, האָב איך אַלס היפּש־דערוואַקסענער בחור שוין, נישט געקאָנט זיך אויף קיין זייגער, מחמת כ'האָב אויף אים קיינמאָל נישט געוואָלט אַ קוק־טאָן, ווי מעז וויל נישט קוקן אויף אַ שונא...

צו מיין אומגליק איז אינדערהיים ביי טאַטע־מאַמע געווען אַזאַ שונא אין שטוב. אַ זייגער אַ גרויסער, אַ מאַסיווער, אַ וואַנטזייגער, וואָס געקלונגען האָט ער שווער און דראָענדיק, ווי דאָס קלינגען פון אַ גלאָק אין „טומאה" — בעתן אַרויסטראָגן פון אים אַ מת... אַ „גליק" וואָס מיין בר־מצווה איז דורכגעגאַנגען ווי אומבאַמערקט, און ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו שענקען מיר אַ זייגער, אַזוי, אַז כ'האָב אין מיין לעבן קיינמאָל קיין זייגער נישט געהאַט, האָב נישט, און וועל שוין ווייזט אויס נישט האָבן. אגב, איז מיר דער זייגער נישט אַזוי נויטיק, ווייל איך פיל זי, די צייט, נאָך איידער זי קומט, — ווי עס פילט זי דער וואַנדערפויגל...

צוליב מיין ליב־האָבן דאָס לעבן פאַר וועלכן עס שלאָגן זיך אי־ביק, רויבער און באַרויבטע — האָב איך פון דער פריסטער יוגנט, ביז היינט, געלייקנט און פאַרלייקנט מיינע יאָרן, ווי עס טוען עס פרויען און דיכטער...

צוליב פחד פאַר דער עלטער, האָב איך נאָך אין מיין לעבן קיינעם נישט געפרעגט ווי אַלט ער איז. מיט דער דאָזיקער פראַגע האָב איך פשוט נישט געוואָלט אָנטרעטן וועמען אויף מיינע היגעראויגן...

די צווייטע פראַגע, וועלכע כ'האָב נאָך אין מיין לעבן קיינעם נישט געשטעלט, איז: פון וואָס לעבסטו? אַזאַ פראַגע, האַלט איך, איז נישט אַלע מאָל דיסקרעט און טאַקטיש, און זי ווירקט נישט איינמאָל גראָב און באַ־ליידיקנדיק, ווי דאָס פרעגן: מיט וועמען לעבסטו?...

דאָס איז, בערך, אַלץ, מיט וואָס כ'האָב געוואָלט רעטושירן און דערגאַנצן מיין אויטאָביאָגראַפישן אויטאָפּאָרטרעט.

באָנטע

מיין ערשט ליד

נאָכן עפּיזאָד מיט מיין ערשטן ליטעראַרישן דורכפאַל אין גימנאַזיע, ווו כ׳האָב בעת אַ לעקציע געאָגראַפיע, הינטערן טיש, אויף די קני — גע־שריבן מיין ערשטע יידישע „סאָטשיניעניע" (חיבור) אין רוסישער טראַנסקריפּציע — איז מיך די „מוזע" נישט „באַפאַלן" אין משך פון פינף יאָר צייט.

נישט אַנדערש, נאָר די השגחה העליונה, וואָס היט אָפּ אַלע נוצלע־כע, פּרוכטבאַרע קערנדלעך פון פאַרלוירנגיין און, שאַפט פאַר זיי די צייט און דעם צופאַל אויף צו קאָנען זיך אַנטפּלעקן, אַרויסקריכן פון פאַרבאַר־געניש און זיך צעוואַקסן און צעבליען פאַר גאַנץ וועלט — זי, די השגחה העליונה האָט, זעט אויס, געזאָרגט אויך פאַר מיר און געשאַפן פאַר מיר דעם צופאַל, איך זאָל זיך ווידער נעמען צו דער פען און — טאַקע אויף אַן אמת.

דאַנקבאַר פאַר דעם דאָזיקן צופאַל דאַרף איך אָבער זיין קודם־כל ר׳ משהען, דעם שפּייזקרעמער פון מיין געסל, די ניזקע ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

געווען איז משה, דער שפּייזקרעמער, ווי אַלע שפּייזקרעמער, וואָס וויקלען הערינג און אפילו פּוטער — אין באַשריבענע פּאַפּירן און אין געדרוקטע בלעטלעך און בלעטער פון יידיש־אַפּיקורסישע און פון גויאישע ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן.

בעת כ׳בין איינמאָל אַריינגעקומען צו ר׳ משהען אין שפּייזקראָם עפּעס קויפן, האָב איך צופעליק דערזען ליגן אויפן בופעט אַן אַרומגע־פליקטן רוסישן זשורנאַל, וואָס האָט מיינע אויגן גערייצט מיט אַן אָפּגע־

דרוקט שטימונגפול בילד מיט אַן אונטערשריפט: „מיאַרטווי אָסטראָוו" (דער טויטער אינזל) פונעם אַלטן, באַוווסטן דייטשישן מאָלער בעקלין, און אונטערן בילד — עטלעכע לידער אונטערן קעפל: יעווריעיסקיע מעלאָדי (יידישע מאָטיוון) פון „עפּעס" אַ לאָרד בייראָן, איבערגעזעצט פון מייז גימנאַזיע־לערערס פּאָעט — לערמאָנטאָוו.

אגב, האָט בייראָן, ווי עס איז באַוווסט, נישט געשריבן קיין יידישע מאָטיוון, נאָר העבּרעאישע מאָטיוון, און כ'ווייס נישט ווער עס האָט געמאַכט דעם טעות, צי לערמאָנטאָוו, צי דער „בחור הזעצער" פונעם רוסישן זשורנאַל.

אָז משה, דער שפּייזקרעמער, האָט מיר, אויף מייז בקשה, געשענקט דאָס דאָזיקע בלאַט און כ'האָב זיך אינדערהיים צו אים אַ נעם־געטאָן, איז מיר קודם־כּל געפעלן דאָס, וואָס אַ גוי און דערצו אַ לאָרד — שרייבט וועגן יידן, דערנאָך — די לידער, וועלכע כ'האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין נאָכן דורכלייענען זיי צענדליקער מאָל. נאָכן קאָנען שוין גאַנצע סטראָפן פון זיי, בעל־פּה — האָב איך איינמאָל, ווי געצויגן פון אַ פאַרבאָרגענעם כּוח — אַ כאַפּ־געטאָן די פען אין דער האַנט און אָנגעוואָרפן עטלעכע יידישע סטראָפן, וואָס זייער ווערט אָדער ווערטלאָזיקייט — האָב איך אַליין נישט געוווּסט; דאָס איינציקע מיט וואָס איך בין פון זיי יאָ געווען צופרידן און זיכער, איז געווען: דער ריטם; די דאָזיקע זיכערקייט האָט זיך, ווייזט אויס, גענומען צו מיר פון מיין זיין אַ משורר ביי סיראָטאַן.

אַזוי האָב איך אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליד מיינס, נאָך וועלכן ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן לידער, ווי ס'ערשטע בליעכץ פון אַ בוים, וואָס אַ וואַרעמער פרילינגווינט האָט אַ שטאַרקן טרייסל־געטאָן. מיט פרייד און ציטער פאַר זייער גורל — האָב איך די לידער מיינע, איינציקווייז אַוועקגעטראָגן צו ווייזן זיי די חברים פון מיין ערשטער ליטעראַרישער סביבה, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער אַרבעטערהיים קאַרמעליצקע 23.

מיין ערשטע ליטעראַרישע סביבה

דעם ערשטן וועמען כ׳האָב מגלה־געווען דעם סוד, אַז איך שרייב לידער, איז געווען מיין יוגנט־חבר כאַצקעלע, מיט וועמען כ׳האָב זיך קליינערהייט בלוטיק צעשלאָגן צוליב זיין קאָנקורירן מיט מיר אין נאָכמאַכן דאָס קרייען ווי אַ האָן...

ער. מיין חבר כאַצקעלע (יחזקאל קאָרענהענדלער), וועלכער איז נאָך אַליין נישט געווען קיין שרייבער, קיין מחבר פון אַכט ביכער, דערציילונגען און עסייען, נאָר געלעגן, ווי מען זאָגט עס: מיטן קאָפּ אין די ביכער — ער, האָט מיך צונויפגעפּירט מיט קאָפּל דוא*), וואָס האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, אַלס קאָפּלמאַן — געאַרבעט פאַר דער „גראָשן־ביבליאָטעק" און צו יענער צייט — געשריבן אָסקאַר־וואיילדישע דערציילונגען, פּרעטענדירט אויף ליטעראַטור־קריטיקער, און באַוויזן צו שאַפן אַרום זיך אַ קרייז פון יונגע בחורים, וואָס האָבן מיט דער ערשטער שפּראָצונג אויף באָרד און וואָנסעס — אַרומגעטראָגן זיך אויך מיט זייערע ערשטע ליטעראַרישע שפּראָצונגען.

צום דאָזיקן ליטעראַרישן קרייז אָדער קרייזל, האָט אויסער מיר און קאָרענהענדלער, אָנגעהערט: דער דיכטער שמואל וואָלמאַן **), וועלכער האָט זיך געריסן דאַמאָלט צו פאַרנעמען דאָס גאַנצע פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור און געשריבן לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, דראַמען, עסייען און אַרטיקלען פאַר זיין פּאַרטיי־צייטונג פון די לינקע פּועלי־ציון. אַן

---

*) אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

**) געשטאָרבן בעת דעם היטלער־קריג, אין ראַטנפאַרבאַנד.

אָנגעזען אָרט האָט אין קרייז פאַרנומען דער אַרבעטער־דיכטער יוסף קירמאַן *), וואָס האָט זיך געהאַלטן דאַמאָלט פאַרן ייִדישן מאַיאַקאָווסקי. געווען זענען אין קרייז אויך אַזעלכע, וואָס זענען מיט זייערע „טשעמאָדאַנעס" מאַנוסקריפּטן נישט דערגאַנגען ווייטער ווי ביז צו די „ראַגאַטקעס"...

ס'איז אָבער כדאי צו דערמאָנען פון דעם קרייז איינעם, ווענענס נאָמען ס'איז באַקאַנט נאָר די יעניקע, וואָס האָבן אָנגעהערט צום דאָזיקן קרייז. געהייסן האָט ער דב מאנעסקליד — אַ שילער, נאָך אין שילער־אוניפאָרם, אַ שוואַרץ, איידל בחורל מיט אַן ערנסט מאַט און פאַרדעכטיק־בלאַס פּנים; געווען איז ער צוזאַמען מיט קאָפּל דואַן, אונדזער ליטעראַרישער פּוסק און רעדאַקטאָר פון אונדזערע געשריבענע ליטעראַרישע העפטן, וואָס מיר פלעגן אַרויסגעבן צווישן זיך און פאַר זיך. וואָלט דער טויט דאָס דאָזיקע בחורל נישט אַוועקגענומען פרי פון דער וועלט, וואָלט ער זיכער אויסגעוואַקסן צו אַן ערנסטן ליטעראַטור־קריטיקער, אויף צו זיין דאָס, האָט ער פאַרמאָגט גענוג קריטישן חוש, געשמאַק און אינטעליגענץ.

דעם זעלבן גורל, וואָס דב מאנעסקליידן — האָט אויך געטראָפן אַ צווייטן חבר אונדזערן: אַלעקסאַנדער באַרענשטיין.

נאָכן פאַרלוסט פון די צוויי חברים, וואָס זענען געבליבן „אומבאַקאַנטע זעלנער" — האָט זיך אונדזער שרייבערקרייז אַריבערגעקליבן אין אַרבעטערהיים — דער וואַרשעווער קלוב פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי צו וועלכער דער רוב פונעם קרייז און איך בתוכם — האָבן אידעיש אָנגעהערט.

אַ דאַנק דעם קרייז האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל באַקענט פון דער נאָענט מיט אַרבעטער און מיט אַ פּראָלעטאַריש קלוב־לעבן אין וועלכן כ'בין ביסלעכווייז געוואָרן אַריינגעצויגן, אַזוי, אַז די אַרבעטערהיים איז מיט דער צייט געוואָרן מיין צווייטע היים און ערשטע פּראָלעטאַרישע דערציאונג־אינסטיטוציע.

אויך דער שרייבערקרייז אונדזערער, האָט אין דער אַרבעטער־

*) אומגעקומען אין אַן אויפשטאַנד אין לעמבערטאָוו הינטער וואַרשע.

היים געפונען פעלד אויף וואַקסן און אויסברייטערן זיך. ס'איז צו אונדז צוגעקומען דער, דאַמאָלט, מיידליש־סענטימענטאַלער, און שפּעטער — לירישער אַרבעטער־דיכטער מ. דזשאַלאָווסקי *), דער פלינקער רירעוודי־קער ש. ל. שניידערמאַן, דער צאַרטער דיכטער דוד פליסקין **), וועלכער איז שוין נישט געווען אַזוי יונג, ווי — קינדיש־קאַפּריזנע און עמפּפינד־לעך. דער אורבאַניסטישער דיכטער יוסף רובינשטיין, און צום סוף: דער פילאָלאָג און ליטעראַטור־קענער דניאל לייבעל, וועלכער איז דאַמאָלט צור־ריקגעקומען פון עסטרייכישן מיליטער־דינסט און געשטעלט זיך אין דינסט פון זיין פּאַרטיי פּועלי־ציון. מיטן צוקומען פון דניאל לייבעלן, וואָס האָט אין יענער צייט געשריבן אויך נישט קיין שלעכטע לידער און געקאָנט די „מלאכה" בעסער פון אונדז — האָבן מיר געקראָגן אַ נייעם און אמתן מדריך און רעדאַקטאָר פאַר אונדזער ערשטער געדרוקטער טריבונע: די ליטעראַרישע ביילאַגע פון דער „אַרבעטער־צייטונג", און פון דער ביילאַ־גע ביי דער יוגנט־צייטונג „דער נייער דור".

דאָס איז די געשיכטע פון מיין ערשטער ליטעראַרישער סביבה, און אויך די געשיכטע פון מיין ערשטער אוידיטאָריע צוהערער, לייענער און פאַרערער: די אַרבעטער פון דער, דאַמאָלט, זייער וואַרעמער אַרבעטער־היים־פּעריפעריע, פאַר וועלכער מיר, די ליטעראַרישע גרופּע „יונגע" — פלעגן זייער אָפט קאָלעקטיוו אויפטרעטן.

אין דער דאָזיקער אַרבעטער־פּעריפעריע פון אַמאָל, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט כוח צו זינגען לידער נישט נאָר פון פּיין, נויט און טרויער, נאָר אויך פון בונט, אויפברויז און גלויבן אויף אַ בע־סערן מאָרגן.

*) דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך און אומגעקומען.

**) דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך און אומגעקומען.

מיט י. מ. ווייסנבערג

דער ערשטער, וואָס האָט מיר געגעבן גלויבן אין זיך, מיך אַרויס־גענומען פון מיין ענגן ליטעראַרישן קרייז פון דער אַרבעטערהיים, און מיך אַריינגעפירט אין דער גרויסער וואַרשעווער שרייבער־משפּחה, איז געווען: י. מ. ווייסנבערג. צו פאַרדאַנקען האָב איך עס געהאַט ווייסנבערגס פּריוואַט־סעקרעטאַרין — מיינע אַ געוועזענע פּאַרטיי־חברטע און פּערזענלעכע פריינדין, וואָס האָט מיך באַוויזן אַריינגיין צו אים און ווייזן אים עפּעס פון מיינע לידער.

געווען איז עס אין פּערטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1918, אין וואַרשע, בעת דער אָקופּאַציע פון די דייטשן. ווייסנבערג האָט דאַמאָלט געוווינט אויף עלעקטראַלנע 20, אין אַ האָטעל. אין איינעם אַ זומערדיקן פאַרמיטאָג, בין איך אַוועק צו אים, און מיט האַרצקלאַפּעניש —אומדרייסט און לייכט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר מיר און מיך אַריינגעלאָזט.

כ׳האָב נאָך רעכט נישט באַוויזן אַרומצוקוקן זיך און צו באַטראַכטן טאַקע אים אַליין, ווייסנבערגן — האָט מיך ווייסנבערג, אָן צערעמאָניעס, ווי ער וואָלט מיך שוין געהאַט געזען אַמאָל און פון פריער געוווסט נאָך וואָס איך בין געקומען — אַ פרעג־געטאָן: ווי הייסט איר? מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול און מיט דעם זעלבן האַרטלעכן טאָן אַ זאָג־געטאָן: זיצט! און אַליין — גענומען גיין אַן אויפגערעגטער אַהין און צוריק איבערן נישט גרויסן, שמאָלן צימער. עטלעכע מינוטן האָבן מיר ביידע שווער געשוויגן און איך האָב בעת־מעשה באַדויערט, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן צו אים אין אַזאַ אומגינסטיקער צייט, און האָב זיך באַמיט נישט אָנצוטרעפן זיך מיט זיינע אויגן אין וועלכע כ׳האָב באַמערקט אַ בייז פלעמל...

ענדלעך האָט זיך ווייסנבערג באַרויקט און זיך אָוועקגעזעצט מיטן פּראָפיל אַנטקעגן מיר און, ווי צוטרעטנדיק צו אַ געשעפטלעכן ענין, מיר אַ זאָג־געטאָן: לאַינט! מיטן זאָג: לאַינט!—האָט מיך ווייסנבערג אַרייַנגעבראַכט אין גרויס פאַרלעגנהייט, כ׳האָב זיך אַ היפּש ביסל פאַרלוירן און, ווי פאַרשולדיקט געענטפערט: כ׳האָב מיט זיך גאָרנישט מיטגעבראַכט. טאָ צו וואָס זענט איר געקומען? — האָט מיך ווייסנבערג געפרעגט, און כ׳האָב באַמערקט אַ באַהאַלטענעם חוזק־שמייכל אויף זיין סקוליסט מאָנגאָליש פּנים. כדי צו ראַטעווען מיין סיטואַציע האָב איך געזאָגט, אַז איך געדענק עפּעס אויף אויסנווייניק, און — גענומען לייענען פאַר אים מיינס אַ פּאָעמע פון צוויי הונדערט שורות.

איך האָב געענדיקט לייענען. ווייסנבערג האָט מיר אַ רגע אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן, און מיט זיין נאַכלעסיק פּוילישן יידיש, אַ זאָגגעטאָן: גיט, ברענגט עס מאָ מאָרגן, וועט עס נאָך אַראָן אין פאַרדן נומאָ „זאמלביכאָ״.

צומאָרגנס, אַז איך בין געקומען צו ווייסנבערגן און געבראַכט אים מיין פּאָעמע „פעלד״, איז צווישן אונדז פאָרגעקומען אַ קליינער אינצידענט פון וועלכן איך בין אַרויס דער זיגער.

געשען איז דער אינצידענט צוליב מיין „וואָגן״ צו פרעגן ביי אים מכוח האָנאָראַר פאַר מיין פּאָעמע; אַ געוואַגטקייט, וואָס האָט זיך אומדערוואַרט פאַר מיר אַליין, גענומען פון מיין אויסנעמען ביי אים און פון זיין צוגעבן דער פּאָעמע מיינער, גרויסן ליטעראַרישן ווערט. אויף מיין אָנפראַגע וועגן האָנאָראַר, האָט זיך ווייסנבערג, ווי זיין שטייגער איז געווען, איראָניש צעשמייכלט און מיר דערקלערט, אַז ער האָט נאָך קיין אָנפאַנגער קיינמאָל נישט געגעבן קיין האָנאָראַר. איך, אָבער, בין פון זיין דערקלערונג נישט געפאַלן ביי זיך, נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון מיין רעכט און, אַמביציעז אים געענטפערט:

— אויב איר האָט ביז איצט קיינעם נישט געצאָלט, וועט איר דאָס מאָל מאַכן אַן אויסנאַם...

צו מיין גרויס וווּנדער, האָט זיך ווייסנבערג, אַנשטאָט מיך „אָנצו־

שייגעצן" פאַר מיין „חוצפה", זיך נאָך ברייטער צעשמייכלט, און מיט אַ געלעכטערל אַ פרעג־געטאָן:

— וויפל ווילט איר דערפאַר?

פון דער פראַגע האָב איך זיך שוין אינגאַנצן פאַרלוירן און נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן; נישט געוווּסט, צי שאַצט מען אַזאַ „סחורה" אויף דער וואָג, צי אויף דער מאָס, און איך האָב, נאָך אַ שווער קווענקלעניש, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, אַ זאָג־געטאָן: פופציק מאַרק.

— ווינציקער וועט איר נישט נעמען? — האָט מיך וויסנבערג איבערגעפרעגט און, דער שמייכל איז אים אַריין אין די האַלב־פאַרמאַכטע מאָנגאָלישע אויגן.

— פינף און פערציק! — האָב איך נאָכגעלאָזט.

וויסנבערג האָט מיר צוגעזאָגט פערציק מאַרק און איך בין אַהיים מיטן ערשטן נצחון. אַז דער נומער „זאַמלביכער" מיט מיין אָפּגעדרוקטער פּאָעמע איז דערשינען און כ'בין געקומען אָפּנעמען מיין האָנאָראַר, האָט מיך וויסנבערג פאַרגעשטעלט פאַר זיין ערשטן מיטרעדאַקטאָר ש. לאַנדיבסקי, און מיך געבעטן קומען אַ צווייט מאָל. אַז כ'בין געקומען דאָס צווייטע מאָל, האָט ער מיך פאַרגעשטעלט פאַר ליפע קעסטינען און פאַר יהושע פערלע, וועלכע האָבן אים צוגעזאָגט מיטצואַרבעטן אין זיינע „זאַמלביכער" און זיך גראָד געפונען ביי אים אין שטוב. וויסנבערג האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר און געהייסן מיר קומען אַ דריט מאָל, און דאָס דריטע מאָל — מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין נייעם מיטרעדאַקטאָר מאַקס עריק און פאַר זיין ניי־צוגעצויגענעם מיטאַרבעטער קאַליא טעפער (דאָברוצי), וועלכער איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון אַמעריקע.

איך געדענק שוין נישט וויפל מאָל איך בין געקומען צו אים מאָנען דעם האָנאָראַר און מיט וועמען וויסנבערג האָט מיך יעדעס מאָל באַקענט. איך געדענק נאָר, אַז איינמאָל בעת כ'בין געקומען צו אים און נישט געמאָנט שוין מער דעם האָנאָראַר, וואָס ער האָט באמת נישט געקאָנט באַצאָלן — האָט ער פּלוצלינג אַ נעם־געטאָן דעם הוט זיינעם, מיך געבעטן אונטערזיצן און נישט זאָגנדיק וווּאַהין און נאָך וואָס ער גייט — אַוועק,

און אין אַ קנאַפּער שעה אַרום צוריקגעקומען און גרויסצוגיק מיר אויסגע־צײלט פּערציק מאַרק וואָס ער האָט זיך ווז געבאָרגט...

פון ווייסנבערגן בין איך, געדענק איך, אַרויס, ווי כ'וואָלט דאָס געלט געפונען אָדער געוווּנען, און אויפן גאַנצן וועג אַהיים — געטיילט אַרעמעלייט נדבות פון מיין ערשטן האָנאָראַר, וואָס איך האָב געגומען און פון ערשטן האָנאָראַר, וואָס ווייסנבערג האָט געגעבן...

נאָכן „געשעעניש" מיטן האָנאָראַר, בין איך אין ווייסנבערגס נייער דירה, אויף עלעקטאָראַלנע נומער 14, געוואָרן איינער פון זיינע אָפּטע באַזוכער: פאַרערער, חסידים און תלמידים, צווישן וועלכע עס זענען גע־ווען אויך עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק און יחיאל לערער, וועמען קיינער פון די עלטערע שרייבער און פאַרלעגער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען און העלפן — ווי דאָס האָט מיט ליבע געטאָן ווייסנבערג, וואָס האָט יעדן אמתן טאַלאַנט גענומען אונטער זיינע פליגל. נישט אומזיסט איז זיין שטוב, ווי זיינע שפּעטערדיקע ליטעראַרישע זאַמלהעפטן „דער שטראָם" און „אונדזער האָפענונג", — געוואָרן אַן אכסניה פאַר אַלע פּראָ־ווינצער שרייבנדיקע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן ווייסנבערגן אַזוי פאַרשיט מיט גראַפאָמאַניע, אַז ער האָט, טראָץ זיין געזונטן חוש, אָפּט־מאָל אויפגעהערט צו קאָנען אונטערשיידן פונעם עכטן ביזן געפעלשטן, און אָפּגעדרוקט אַזעלכע שרייבעכצן, וואָס האָבן זיינע מער־ערנסטע און מער פאַראַנטוואָרטלעכע תלמידים געוועקט צו מרידה און בגידה — קעגן זייער רעדאַקטאָר און רבין. צו בוגד־זיין ווייסנבערגן האָט נישט ווייניק גורם־געווען זיין פאַרעקשנטן־זיך איינצופירן די „זשעליכאָווער" אָרטאָ־גראַפיע; זיין פאַרביסענער קאַמף מיט די „ליטוואַקעס", און נאָך אַזעלכע דאָן־קישאָטישע קאַמפן.

אויך איך, האָב, לסוף, נישט אויסגעהאַלטן ווייסנבערגס משונהדיקע סענקאַטע דרכים, און האָב טראָץ מיין גרויסער פאַרערונג צו אים, ווי צו אַ גרויסן שרייבער און מערקווירדיק־אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט — אויפגעהערט פראַווען ביי אים חסידות, פאַרלאָזט, הייסט עס, זיין רבישן טיש און — באַצאָלט מיט זיין אַראָפּזעצן מיך פונעם אויבן־אָן אויף וועלכן ער אַליין האָט מיך געהאַט אַרויפגעזעצט.

מיט ז. סעגאלאוויטש

אויפֿן וועג פֿון מײַנע ערשטע טריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן נישט אַלע מײַנע ערשטע באַגעגענישן מיט ייִדישע שרײַבער, מיך אָנגעפֿילט מיט יראה און דרך־ארץ, ווי פֿאַר טרעגער פֿון שײַנקייט און עטישער, מאָראַלישער ריינקייט. פֿאַרקערט: אַ שרײַבער, אַן אָנפֿאַנגער. ווי איך, דאַמאָלט, האָט באַדאַרפֿט פֿאַרמאָגן גענוג אינערלעכן כּוח, כּדי פֿון אַזאַ באַגעגעניש נישט צו פֿאַרלירן דאָס ביסל תּמימותדיקן גלויבן אין די „איבערערדישע" און צו בלײַבן נאָך ביי „גאַנצע פֿליגל" — אויף צו קאָנען זיך פֿאַרמעסטן נאָך צו פֿליען... ס'האָט אויך באַדאַרפֿט, ווי בײַ מיר, דאַמאָלט, געשען אַ נס, אַז עטלעכע אַזעלכע באַגעגענישן זאָלן צום גליק זיך האָבן אין אַ צײַט אַרום אויפֿגעקלערט ווי פֿאַרדריסלעכע טעותים און מיספֿאַרשטייענישן, און זיך ענדיקן, ווי בײַ מיר: מיט סאַטיספֿאַקציעס פֿון אמתער פֿרײַנשאַפֿט, חברישקייט און קאָלעגיאַליטעט, — מצד די יעניקע, פֿון וועלכע כ'האָב זיך דירעקט אָדער אומדירעקט געפֿילט אַמאָל באַליידיקט און געקרענקט.

צו די דאָזיקע באַגעגענישן געהערט אויך מײַן ערשטע, זייער אומאָנגענעמע באַגעגעניש מיט ז. סעגאַלאָוויטש. כ'האָב שוין, אגב, דער־ציילט וועגן איר אין אַן אַרטיקל, וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט צו סעגאַלאָ־וויטשעס פֿינף־און־דרײַסיק־יאָריקן ליטעראַרישן יובל.

*

געווען איז עס אין יאָר 1919 אָדער 1920 אין וואַרשע. דער אײנ־ציקער עלטערער שרײַבער מיט וועמען כ'בין געווען באַפֿרײַנדעט און בין

געשטאַנען מיט אים אין קאָנטאַקט, איז געווען י. מ. ווייסנבערג. האָט זיך געמאַכט, אַז ווייסנבערג האָט מיט מיר איינמאָל אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מיט מיר אין ליטעראַטן־פאַריין טלאָמאַצקע 13, אין וועלכן כ'בין נאָך נישט געהאַט געווען קיין מיטגליד און נישט געהאַט נאָך איבערגעטרעטן זיין שוועל. אַז כ'האָב צו דער באַשטימטער אָפּגערעדטער שעה געעפנט די טיר פון ליטעראַטן־פאַריין און בין בשלום אַריבער די „וואך" פון אַ פרוי, אַן „אשת־חיל" — איז מיר פון בופעט־זאַל, לאַנגזאַם און קאַלט־ערנסט אַנטקעגנגעגאַנגען אַ הויכער ברונעט מיט אַ ראַסאָווע האַרט לענג־לעך פּנים, לאַנגע אָדלערנאָז און מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען איבער לענגלעכע מאַנדלאויגן, וואָס זענען געווען, ווי פאַרוואָלקנט מיט רויך פון זיין לולקע. כ'האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט אַרומצוקוקן זיך ווי איך געפון זיך, האָב איך דערהערט איבער מיר אַ שטרענגן: וועמען דאַרפט איר? דערהערט פון מיר, אַז ווייסנבערגן — האָט זיך דער „הויכער" ממש אָנגעצונדן, אַרויסגענומען די לולקע פון מויל און זיך צע־שריגן: עס איז נישט קיין אכסניה דאָ! נישט קיין וואָקזאַל! אין דרויסן! אין דרויסן! כ'האָב זיך, געדענק איך, שטאַרק פאַרלוירן בעת־מעשה, גע־וואָרן קלענער ווי איך בין און, הינטערווײלעכטס — געשאַרט זיך צום אַרויסגאַנג...

אויף די טרעפּ שוין, ביים אַראָפּגיין, האָב איך אָנגעטראָפן ווייסנ־בערגן, פון וועמען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז דער, וואָס האָט מיר געוויזן די טיר און זעט אויס ווי אַן אָנגעכמורעטער קאַפּיטאַן אויף אַ שיף, איז סעגאַלאָוויטש — איינער פון די גרינדער פון ליטעראַטן־פאַריין, וואָס האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען דעם פאַריין אין אַ באַ־קוועמער, עסטעטישער היים פאַר שרייבער. כ'האָב זיך אויך דערוווּסט פון ווייסנבערגן, און שפּעטער — פון סעגאַלאָוויטשן אַליין — אַז דעם דאָזיקן „קבלת־פּנים" האָב איך אומשולדיק געכאַפּט פאַר זייער ביידנס קעגנזייטי־קער „ליבע". געזאָגט האָט עס מיר סעגאַלאָוויטש אין אַ צייט אַרום, ווען איך האָב אָנגעהויבן אָפּטער צו באַזוכן דעם ליטעראַטן־פאַריין און אונדזע־רע ביידנס נעמען האָבן זיך צופעליק באַגעגנט איינער אונטערן אַנדערן, אין אַ נומער פון דער ליטעראַריש־פּובליציסטישער אויסגאַבע פון וואַר־

שעווער „היינט" — „דער חודש", אין וועלכן סעגאַלאָוויטש איז געווען פּאַרטראָטן מיט אַ דערציילונג און איך מיט דריי ווינטער־לידער.

נאָך אונדזער צוזאַמענטרעף אין „דער חודש", האָט סעגאַלאָוויטש אָנגעהויבן מיך חבריש צו באַגריסן און איינצולאַדן מיך צו „זיין" טישל ביים אויוון פון ליטעראַטן־פּאַריין; ביים טישל האָט סעגאַלאָוויטש, רעדנ־דיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, איבערהויפּט וועגן זיך אַליין — מיר פּאַרטרויט שטיקער פון זיינע פּריוואַטע, אינטימע איבערלעבונגען, און דאָס אַלץ — דערפּאַר, ווייל עס זענען אים, ווי ער האָט מיר געזאָגט — געפעלן מיינע לידער...

מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער, בעת מיין גרייטן זיך צו פּאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט מיר סעגאַלאָוויטש באַדייטנדיק געהאָלפן · שאַפן די נויטיקע פינאַנסיעלע מיטלען, וואָס האָבן מיר געפעלט צו מיין נסיעה; חברה רכילות־טרייבער, לצים און קיבעצער פון טלאָמאַצקע 13 האָבן אָבער געזאָגט דאַמאָלט, אַז דאָס העלפט מיר סעגאַלאָוויטש דערפּאַר, ווייל ער וויל פּטור־ווערן פון אַ שרייבער...

מיין וועג צו אומשטערבלעכקייט...

נישט איין שרייבער האָט אוודאי נישט ווייניקער פון מיר צו דערציילן וועגן זיין „וויאַ דאָלאָראָזאַ", וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, ביז צו זיין דערוווּרבן זיך אַ ביסל אָנערקענונג און אומשטערבלעכקייט — ביי די עלטערע, גרעסערע און אפילו קלענערע שרייבער פון זיך...

בעת מיין צוקומען נאָענט צו די „שערי הפרנס" פון דער יידישער ליטעראַטור, האָב איך שוין געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרופן; געהאַט שוין די אָנערקענונג פון זרובבלען, דניאל לייבעל און יעקב קענער — די רעדאַקטאָרן פון מיינע ערשטע לידער אין „אַרבעטער־צייטונג", „יונגער דור" און אַנדערע אויסגאַבן פון די לינקע פועלי־ציון; כ'האָב געהאַט שוין די אָנערקענונג פון ליטעראטור־קריטיקער און עסייאיסט ב. קאַרלינסקי (קארלינוס), וואָס האָט רעדאַקטירט די ליטעראַטור־ביילאַגע אין וואַרשעווער „מאָמענט", איז פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט צוזאַמען מיט גראפמאנען, ספּעציעלע ליטעראַרישע אויסגאַבן אין וועלכע כ'האָב זיך זייער אָפט באַטייליקט מיט מיינע לידער. אָנערקענונג האָב איך אויך געהאַט פון ה. ד. נאָמבערגן, מיט וועמען כ'בין פּערזענלעך נישט געווען באַקאַנט, און גאַנץ צופעליק — פון אים געהערט ווי ער האָט, בעתן בלעטערן אויפן טיש פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין גראפמאנס אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע — זיך אָפּגעשטעלט איבער אַ זייטל, און צו עמעצן אַ זאָג־געטאָן: אָט דער איז אַ דיכטער! כ'האָב פונדערווייט געכאַפּט אַ נייגעריקן קוק אויף וועמען ער ווייזט אָן, און געזען ווי ער פירט מיט אַ פינגער איבער מיינע אָפּגעדרוקטע לידער. כ'האָב שוין אויך געהאַט דאַמאָלט, גרויס אָנערקענונג פון י. מ. ווייסנבערגן, ביי וועמענס טיש, כ'האָב

ווי אַ סך זיינע יונגע פּאַרערער — געפּראַוועט חסידות צוזאַמען מיט עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק און יחיאל לערער, וואָס האָבן זיך, ווי איך, באַטייליקט אין ווייסנבערגס „זאַמלביכער", „דער שטראָם" און אין „אונדזער האָפענונג".

די אַלע אויבן־דערמאָנטע הסכמות, אַז כ'בין ראוי צו ווערן אַ באַ־רעכטיקטער מיטגליד אין דער גרויסער שרייבער־משפּחה, האָבן אָבער וויניק־וואָס געהאָלפן ביי די אומגעבעטענע היטער פון דער ליטעראַטור; ביי די יעניקע, וואָס רייסן זיך, ווי אומעטום, אַריין — נישט אַזוי מיטן כוח פון טאַלאַנט, ווי מיטן כוח פון שאַרפע עלנבויגנס און פלינקייט זיך אַרויפ־צוכאַפּן אויפן פערדל, און צו רייטן אפילו מיטן פנים צום פערדישן הינטן...

נישט וויניק האָב איך זיך ביי די „שערי־קדושה" אָנגעשטויסן אויך אָן פיינטלעכע בליקן פון שרייבער מיט אַ סך „סטאַזש" און מיט נאָך מער: פּחד פאַר יעדן ניי־צוגעקומענעם טאַלאַנט...

אַ סך פון די, וואָס האָבן זיך מיר געשטעלט אין וועג און, אפילו מיר „אונטערגעשטעלט אַ פוס" איך זאָל געשטרויכלט־ווערן און פאַלן — זענען געווען נישט קיין עלטערע שרייבער פון מיר, און זיך גערופן „יונגע"; זיי, די „יונגע", בין איך נישט געפעלן צוליב מיין גיין אַ זייטיקן אייגענעם וועג, און צוליב אָפּהיטן מיין אייגן פּנים...

נאָך מער בין איך, דאַמלט, אָפּגעקומען פאַר די זינד פון ווייסנבערגן, וואָס האָט יאָרן לאַנג געפירט אַ פאַרביסענעם, אָפט אומגעלומפּערטן, אָבער גערעכטן קאַמף מיט די אומגעבעטענע און נישט בארופענע ליטעראַטור און קולטור־אַפּוטראָפּסים, וואָס האָבן אָפּהיטנדיק די ריינקייט פון זייער „מיסיע" — אויסגעגאָסן דאָס וואַסער צוזאַמען מיטן קינד...

פאַר מיין פאַרערונג צו ווייסנבערגן, און פאַר מיין מיטאַרבעטן אין זיינע ליטעראַרישע אויסגאַבן, בין איך מצד ווייסנבערגס באַקעמפער, געווען אַ צייט לאַנג באַטיטלט מיטן ביטול־נאָמען „ווייסנבערגס טאַלאַנט"; מיט אַזאַ טיטל איז מען, דאַמאָלט, געווען פאַרמשפּט נישט צו קאָנען אַריינ־קומען אין אַ „לייטישער" ליטעראַרישער אויסגאַבע.

איבערהויפּט בין איך אין יענע יאָרן פון 1920 ביז צו מיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל אין 1924, נישט געוואָרן צוגעלאָזט צום „עמוד" דאָרט,

װוּ ס׳האָבן אין יענער צײַט „געדוכנט" די נײַ־אױפגעגאַנגענע מאָדערנע שרײַבער־„כהנים"; פֿאַר זײ, פֿאַר די מאָדערניסטן, װאָס האָבן אין דער ייִדישער דיכטונג פֿון יענער צײַט, אָנגעטראָגן װאָס אַן אמת, אַ גרױסן װינט, אָבער אַ נאָך גרעסערן שטױב — פֿאַר זײ בין איך געװען דאַן „אַלט" און אָפּגעלעבט, כאָטש נעם און פּעקל זיך מיט די עטלעכע און צװאַנציק יאָר אַריבער אױף יענער װעלט...

נאָך אַזאַ טױט־דיאַגנאָז פֿאַר מײַן האַלטן זיך בײַ װײַסנבערגן, און פֿאַר מײַן זײַן דער „הױפֿזינגער" פֿון די לינקע פּועלי־־ציון — איז ממש געשען אַ נס מיט מיר, װאָס איך בין אַװעקגעפֿאָרן קײן ארץ־ישׂראל און — געבליבן לעבן, און אפֿילו אָנגעהױבן צו װירקן און צו געװוּנען אָנערקע־נונג בײַ מײַנע אַמאָליקע קעגנער; אָנערקענונג, אַ דאַנק מײַן ערשטן בוך ארץ־ישׂראל־לידער, װאָס דער פּועלי־ציון־פֿאַרלאַג „נײַע קולטור" האָט אין װאַרשע, אין 1927 אַרױסגעגעבן א נ. „אין זוניקן לאַנד".

נאָך מער אױפֿזען און אָנזען האָב איך געװוּנען אפֿילו בײַ די ארץ־ישׂראל־קעגנער — װען כ׳בין אין 1929 געקומען פֿון ארץ־ישׂראל אױף אַ באַזוך אַהײם קײן פּױלן און, אָנגעהױבן זײער אָפֿט זיך צו באַװײַזן מיט מײַנע ארץ־ישׂראל־לידער אױף די שפּאַלטן פֿון װאַרשעװער „הײַנט". פֿאַרקוקט זיך אױפֿן „הײַנט", האָט נחמן מײַזל געעפֿנט פֿאַר מיר (צום ערשטן מאָל דאַן) — די טיר צום ליטעראַרישן „אָפּיציאָז" — „די ליטע־ראַרישע בלעטער" און, ס׳האָבן זיך פֿאַר מיר געגומען עפֿענען די רע־דאַקציע־טירן אױך פֿון אַנדערע ליטעראַרישע צײַטונגען און צײַטשריפֿטן, צו װעלכע כ׳האָב פֿריער, פֿאַר מײַן פֿאָרן קײן ארץ־ישׂראל — נישט געהאַט קײן דריסת־הרגל.

די בעסטע און גרעסטע סאַטיספֿאַקציע מײַנע, פֿאַר מײַן דורכגײן דעם ליטעראַרישן „װיאַ דאָלאָראָזאַ", איז געװען: מײַן געפֿינען איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון אַמאָליקן פּױלן — מאַסן לײענער און פֿאַרערער, װאָס האָבן מײַנע לידער װאַרעם אױפֿגענומען אױף מײַנע לײען־אָװנטן און אױף אַלע אימפּרעזעס אױף װעלכע מען האָט זײ זײער פֿיל רעציטירט, געזונגען, מיר פֿאַרשאַפֿט גרױס פּאָפּולאַריטעט און — געמאַכט מיך אומשטערבלעך אױפֿן גאַנצן לעבן...

מיט לייב מלאך

ביז צו מיין דערגיין צו דער מדרגה פון ווערן דער „הויפּזינגער״ פון די לינקע פּועלי־ציון — ווי ס׳האָבן מיך גערופן די קעגנער פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי — האָב איך נישט געהאַט די אַמבי־ציע צו ווערן זיך „רייבן״ צווישן עלטערע און גרעסערע שרייבער פון מיר. די דאָזיקע אַמביציע האָב איך אויך נישט פאַרמאָגט מיט יאָרן שפּעטער. צו האָבן זי — האָבן מיר געפעלט צוויי זאַכן: גלויבן אין זיך, און אַביסל חוצפּה, וואָס נישט איינער פון די אַזוי־גערופענע „יונגע״ פאַרמאָגט עס מער ווי טאַלאַנט...

דער ערשטער שרייבער מיט וועמען כ׳האָב זיך צופעליק באַקענט, איז געווען לייב מלאך, וועלכער איז געווען מיינער אַ פערזענלעך־אומבאַ־קאַנטער אידייען־חבר, אַ ראַדאָמער פּועלי־ציוניסט, וואָס פלעגט דערשיי־נען פאַר דער פּאַרטיי, נאָר אויף אירס אַ יום־טוב.

באַקענט מיט מלאכן האָב איך זיך אין איינעם פון די הונגער־יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1916 אָדער 1917 אין פּראָגע, אין דער האַלב־אומזיסטער פּועלי־ציון־קיך, ביי אַ שיסעלע „יושקע״, ווי מען פלעגט עס אָנרופן די שיטערע זופּ מיטן שטיקל ברויט...

אין דער דאָזיקער קיך ווו איך פלעג קומען מיטאָג־עסן אַזש פון וואַרשע — האָט מען מיר איינמאָל אָנגעוויזן אויף מלאכן, בעת ער איז גע־זעסן אין סאַמע קיך אין אַ ווינקל אויף אַ זאַק קאַרטאָפל און, צווישן הייסע טעפּ און קעסלען, אונטער אַ געדיכטער פּאַרע, ווי אין אַ שוויצבאַד — געהאַלטן אַ פּאַפּיר אויף דער קני און געשריבן...

ווי מען האָט מיר באַמערקט, האָט מלאך, דאַמאָלט, געשריבן אַזוי,

דאָס רוב פון זיינע פּאָלקס־באַלאַדן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין וואַרשע־ווער „מאָמענט" און אים זייער פּאָפּולער־געמאַכט.

איינמאָל, ביי מיטאָגעסן, בעת ס'איז אונדז ביידן צופעליק אויסגעקומען אומבאַקאַנט צו זיצן ביי איין טיש, איינער אַנטקעגן אַנדערן, און אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט די אויגן — האָט מלאך, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פונעם שיסעלע, מיך פּלוצלינג אַ פרעג־געטאָן:

— איר זענט פּאַפּיערניקאָוו?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט און אויך נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מלאך האָט מיך שוין מער גאָרנישט געפרעגט, און ביידע האָבן מיר ווייטער געזיפּט די זופּ, געשוויגן און נישט געקוקט איינער אויפן צווייטן. ערשט ביים אויפהייבן זיך פון טיש, צום אַוועקגיין, האָט מיר מלאך געגעבן די האַנט און געזאָגט: איך דאַרף עפּעס איבעררעדן מיט אייך, נאָר נישט איצט.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס מלאך האָט געמאַכט אויף מיר איז געווען נישט קיין געהויבענער. ערשטנס, האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַ דיכטער, וואָס דרוקט זיך אויף די שפּאַלטן פון „מאָמענט" און איז שוין אַזוי פּאָפּולער, זאָל דאַרפן, ווי איך, קומען פון וואַרשע קיין פראַגע עסן אין דער האַלב־אומזיסטער קיך; והשנית, האָט מיר זיין אויסערלעכקייט אויסגעזען צו זיין צו גראָבלעך און אַפילו מגושמדיק — צוליב זיין פלייִשיק ברייט פּנים, פלייִשיקע ליפּן און גראָבלעכער נאָז. געפעלן איז ער מיר, נאָר פאַר זיין פאַרקעמט־זיין מיט אַ שרונט אינדערזייט, און נאָך מער — פאַר זיינע ווייכע בלאָנדע האָר, וואָס זענען אים באַכלעסיק, ווי ביי אַ קינד, צוגעפּאַלן צו זיינע בלאָלעכע אויגן...

נאָך אייניקע טעג פון מיין באַקענען זיך מיט אים, האָט מיך מלאך אָפּגערופן אין אַ זייט אין מיר מגלה־געווען אַ סוד, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע זאַמלונג און, ער וואָלט וועלן, אַז איך זאָל זיך אויך אין איר באַטייליקן. מיט פרייד האָב איך אָנגענומען מלאכס איינלאַדונג, באַלד אויפצומאַרנגס — געברענגט עטלעכע לידער, וועלכע זענען, צו מיין גרויס באַדויערן נישט געוואָרן אָפּגעדרוקט, מחמת

פון מלאכס פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן, ווי פון אַ סך פּלענער, וואָס די מלחמה האָט צונישט געמאַכט.

צוליבן נישט דורכגעפירטן פּלאַן מיט דער ליטעראַרישער זאַמלונג, איז אויך צעשטערט געוואָרן דאָס אָנקניפּן צווישן זיך אַ ווייטערדיקן ענגן קאָנטאַקט. ווייל מלאך, וועלכער איז בטבע געווען אַן אימפּולסיווער און ענערגישער מענטש, איז, ווי אין סתירה צו דעם — געווען, ווי איך, נישט שטאַרק באַרעדעוודיק און צוריקגעהאַלטן. אויף צו קענען זיך מיט אים נענטער, האָט מיר נישט ווייניק געשטערט אויך דאָס, וואָס מלאך פלעגט זייער אַ סך ארומפאָרן מיט ליטעראַרישע פאָרלעזונגען איבער פּוילנס שטעטלעך, און אויף לאַנגע וואָכן און חדשים — פאַרשווינדן־ווערן פון וואַרשעווער און פּראַגער האָריזאָנט.

אַ לאַנגע צייט איז מלאך אַזוי אַרומגעפאָרן מיט זיינע פאָרלעזונגען, ביז ס׳האָבן אים אָנגעהויבן אויספּעלן שטעט און שטעטלעך, און ער איז, ווי אַן אַ „זיי־געזונט" — אַוועק קיין אַרגענטינע, פונוואַנען כ׳האָב, שוין זייענדיק אין ארץ־ישראל, דערהאַלטן פון אים אַ גרוס, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פערזענלעכן פריינט.

אַז כ׳בין אין יאָר 1929 געקומען אויף אַ לענגערן באַזוך אַהיים קיין פּוילן, האָב איך, אומגעריכט פאַר מיר, ווידער זיך געטראָפן מיט מלאכן אין וואַרשע. מלאך איז שוין געהאַט דאַמאָלט דורכגעפאָרן די פאַרייניקטע שטאַטן; געקליבן זיך צו אַ נייער נסיעה איבער די איראָפּעאישע און האלב־איראָפּעאישע לענדער און — כ׳האָב אים ווידער פאַרלוירן פון די אויגן...

אין יאָר 1934 איז מלאך ווי אַ שרייבער מיט אַ נאָמען — געקומען קיין ארץ־ישראל, ווו כ׳האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך נענטער מיט אים צו באַקענען און צו געפינען אין אים אַן אויפריכטיקן פריינט און קאָלעגע.

מיך האָט מלאך געוווּנען, איבערהויפּט מיט דעם, וואָס ער איז, אַן רעש און טומל, געווען אַ מאַסן־מענטש מיט אַ שטאַרק סאָציאַל געפיל פאַר אמת און יושר, און מיט אַ פּראָלעטאַריש באַוווסטזיין, וואָס איז בולט געקומען צום אויסדרוק אין אַלע זיינע ווערק.

דאָס איינציקע, וואָס מיר איז נישט געפעלן ביי מלאכן, איז געווען:

דאָס שרייבן זיינס, נישט מיט דער פּען, נאָר מיט אַ שרייבמאַשין... כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן (ווי מלאך האָט עס געקאָנט) אין איין אָטעם, ביי איין זיץ אין די זעלבע אַרבעט־שעהן — שרייבן, למשל: אַ נאָוועלע נאָך אַ ליד; אַ דראַמע נאָך אַ נאָוועלע; אַן אַרטיקל נאָך אַ דראַמע אאַ״וו. אַז כ׳האָב איינמאָל אויסגעדריקט מיין שטוינען איבער זיין „מעכאַניזירט שאַפן״, האָט מיר מלאך דערקלערט, אַז עס איז אַ פראַגע פון געוואוינהייט און פון קאָנען איינשטעלן די אַרבעט אַזוי, אַז דעם שריי־בערס טיש זאָל מיט דער צייט קאָנען ווערן אַ וואַרשטאַט, ווי ביי יעדן בעל־מלאכה...

פון מלאכס דערקלערונג האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט צו זאָגן, אַז אַ שרייבער קאָן און דאַרף זיך דיסציפּלינירן און אַרבעטן איבער זיך יעדן טאָג, נישט ערגער, ווי דאָס טוט יעדער בעל־מלאכה אין זיין פּראָפעסיע; כ׳האָב אָבער בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען קאָן ביי ליטעראַטור אַרבעטן אַזוי מעכאַניש, און כ׳האָב דערפאַר מלאכן באַ־מערקט, אַז וואָס שייך דער שרייבמאַשין, דאַרף זי דינען נאָר אויף איבער־שרייבן און נישט אויף שרייבן...

אין מיינע זייער אָפּטע באַגעגענישן מיט מלאכן אין ארץ־ישראל, איז די טעמע, שרייבער און בעל־מלאכה, געווען, דאַכט זיך, די איינציקע ליטעראַרישע טעמע, וואָס מיר ביידע האָבן, ווי דרך אגב, באַרירט אין געציילטע ווערטער. מלאך האָט, זעט אויס, געהאַלטן, ווי איך, אַז אַ שריי־בער דאַרף אָנשטאָט אַ סך רעדן וועגן ליטעראַטור, מער שאַפן ליטעראַטור און — גערעדט וועגן אַלץ, אויסער וועגן ליטעראַטור. די באַליבטסטע טעמע זיינע איז געווען וועגן רייזעס, וואָס ער האָט געמאַכט, און וועגן די רייזעס, וואָס ער פּלאַנט.

מלאכס רייזעפּלאַן פון ארץ־ישראל איז געווען: ראַטנפאַרבאַנד, יאַפּאַן און כינע דעם דאָזיקן פּלאַן, ווי אַלע זיינע פּלענער מיט וועלכע ער איז פול־געווען, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, וואָלט ער זיכער דורכגע־פירט, ווען נישט דער אומגערעכטער און אומגעריכטער פריער טויט, וואָס האָט אים אַ צוויי־און־פערציק־יעריקן — פאַרהאַלטן אויף איינעם פון די פאַריזער בית־עולמס...

אַז כ׳בין אין יאָר 1937 געקומען צום יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי מלאכס זייער סימבאָלישער צוויִיטער לוויה: דאָס אַריבערפירן אים פון זיין פּראָוויזאָרישן קבר, צו אַ שטענדיקן קבר, ביי וועלכן כ׳האָב זיך מיט אים אויף שטענדיק געזעגנט.

מיט ש. אנ־סקי

פון די ווייניקע יידישע שרייבער, וואָס האָבן מיך, ווי ווייסנבערג, געוואָרעמט, מיך אָנגעפילט מיט גלויבן אין זיך, און שויִן ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט זיי — געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם — איז געווען ש. אנ־סקי. דעם אמת געזאָגט האָט שוין אנ־סקי געמאַכט אויף מיר אַ באַזונדערן רושם ווען כ׳האָב אים געהאַט אַמאָל בלויז געזען. אָנגעוויזן אויף אים, האָט מען מיר אין אָטוואָצק ווו איך פלעג אָפט קומען צום וואַלד־מיידל יוספה מיטן גאָלד־געלאָקטן קאָפּ און בלאָע אויגן, און ער, אנ־סקי — צו זיין בעסטן פריינט אלטער קאַציזנע.

ווי קליין ס׳איז געווען מיין אַמביציע זיך צו וועלן באַקענען מיט שרייבער, האָט מיך אַנ־סקי שוין אויסערלעך אינטריגירט און געצויגן צו זיך און געצוווּנגען מיך צו זוכן אַ וועג זיך צו באַקענען מיט אים.

געווען איז עס אין יאָר 1920 אין וואַרשע. אַנ־סקי האָט זיך אָן ערנסט־קראַנקער געפונען דאַמאָלט אין אַ סאַנאַטאָריע, אונטער דער אויפזיכט פון אַ באַקאַנטן יידישן דאָקטאָר און געזעלשאַפטלעכן טוער וועמענס נאָמען איך קען מיך, צו מיין גרויס באַדויערן, בשום אופן נישט דערמאָנען. איך געדענק נאָר, אַז די סאַנאַטאָריע האָט זיך געפונען אויף ביעלאַנסקע נומער זיבן אָדער ניין. אַז כ׳בין מיט אַנ־סקיס סעקרעטאַר אַרויף צו אים אין סאַנאַטאָריע האָב איך אַנ־סקין געטראָפן זיצן אין בעט, און נעבן בעט, ביי אַ טישעלע — זיין דאָקטאָר, וואָס האָט מיט אים געשפּילט אין שאָך.

אַנ־סקי האָט דערהערנדיק אַריינקומען, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם שאַכברעט, מיך אַ רגע גוט און גוטמוטיק אָנגעקוקט, אַ זאָג־געטאָן: זיצט אַ ווײַלע און, ווידער זיך פאַרטראַכט איבערן שאַכברעט.

גאָך אַ פינפצן־צוואַנציק מינוט וואַרטן אויף אים אַן אומבאַקאַנטער, אַ גאָך־נישט־פאַרגעשטעלטער — האָט זיך די פאַרטיע שאָך געענדיקט. דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ צופרידענער פון זיין פּאַציענטס זיג — לאַכנדיק אַרויס פון צימער, און אַנ־סקי האָט אַ שמייכלענדיקער אויסגעדרייט צו מיר אַ בלאַס, אַריסטאָקראַטיש־איידל פּנים, וואָס האָט ווי געלויכטן פון אונטער דער זילבערנער פּאַטלע האָר, און פון די גראָע וואָנסעס און ווייסן קליינעם שפּיציקן בערדל אַרויס. אַנ־סקי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין פאַרשפּילן זיך און לאָזן מיך וואַרטן, געפרעגט מיך ווי איך הייס, פון וואַנען איך בין, וואָס איך שרייב און, געהייסן מיר עפּעס לייענען. נאָכן דורכלייענען פאַר אים דאָס ערשטע ליד מיינס, האָט מיך אַנ־סקי ביים צווייטן ליד אָפּגעשטעלט און זיך ווידער אַנטשולדיק וואָס ער הערט שלעכט ווען ער זיצט, אַז ער מוז זיך אַביסל באַוועגן און — איז אַרויס פון בעט, און אין פּידזשאַמע און שטעקשיך — גענומען גיין אַהין און צוריק איבערן צימער. און איך, לייענענדיק ליד נאָך ליד — בין אים לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען מיטן קאָפּ... אינמיטן לייענען האָט אַנ־סקי פּלוצלינג אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו זיין סעקרעטאַר און, אָנווייזנדיק אים מיט דער האַנט אויף מיר, אים אַ זאָג־געטאָן: אָט ער קאָן שרייבן, און איר, איר זאָלט מיר מוחל זיין — — — דאָ קומט אַזאַ נישט עסטעטישער אויסדרוק אויף וועלכן כ׳האָב זיך צום ווייניקסטן געריכט צו הערן פון אַזאַ איידעלער און ריינער פּערזענלעכקייט, ווי דאָס איז געווען אַנ־סקי, וועמענס אויסערלעכקייט עס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם קריסטאַליזירטן גייסטיקן מהות זיינעם.

נאָך דער אומגעריכטער, זייער אומאָנגענעמער באַמערקונג, וואָס אַנ־סקי האָט אין מיין אָנוועזנהייטן געמאַכט דעם סעקרעטאַר זיינעם, האָט ער מיר געמאַכט אַ שאַרפע באַמערקונג פאַר מיין שרייבן אויף טראַפּקעס (שמאַטעס), ווי עס האָבן ביי אים געהייסן מיינע מאַנוסקריפּטן. וואָס זענען, בדרך צופאַל, געווען געשריבן נישט ריין און אויף זייער נישט שיין און געמיין פּאַפּיר. די אַלע דורכגעלייענטע לידער האָט מיר אַנ־סקי געהייסן איבערשרייבן און זיי ברענגען אים, כדי זיי אַוועקצושיקן צוזאַמען מיט זיינעם אַ מאַנוסקריפּט — קיין אַמעריקע, פאַר דער „צוקונפט". אַז כ׳האָב זיי

אים געברענגט, האָט מיר אַנ־סקי פאַרזיכערט, אַז ווי ער וועט נאָר פאַרענ־דיקן זײַן אָנגעהויבענעם אַרטיקל, וועט ער זיי צוזאַמען מיט זײַן מאַנו־סקריפּט אַוועקשיקן. נאָך דער דאָזיקער פאַרזיכערונג, האָב איך באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן אַ צייט מיטן נאָכפרעגן וועגן זיי. אַז כ׳בין אין אַ פיר־פינף וואָכן שפּעטער אַרויף צו אים געוואָר־ווערן, וואָס עס הערט זיך מיט מײַנע לידער, האָט מיר אַנ־סקי, ווי אין די פריערדיקע צוויי מאָל — גוטמוטיק אַנטקעגנגעשמייכלט, און מיר אָנגעוויזן אויף זײַן שרײַבטיש אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אַ דיקער, פאַרמאַכטער קאָנווערט גרייט פאַר דער פּאָסט, און — כ׳בין אַוועק אַ צופרידענער...

קורץ נאָך מײַן דריטן באַזוך איז מײַן פּערטער און לעצטער באַזוך בײַ אַנ־סקין געווען: ווען טויזנטער פאָלקס־מענטשן, אַרבעטער און אינטע־ליגענטן, זענען אים געגאַנגען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד און אים זען אין אָפענעם ארון, אַרום וועלכן עס איז געשטאַנען די ערנוואך פון יידישע שרײַבער און קולטור־טוער.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט פון אַנ־סקיס סעקרעטאַר און פון אַנ־סקיס גײַסטיקן יורש א. קאַציזנע — זענען נאָכן טאָג פונעם מאַסן־באַזוך אַרום אַנ־סקיס ארון, פאַרשוווּנדן־געוואָרן פון זײַן אַרכיוו אַ סך היס־טאָרישע דאָקומענטן און מאַנוסקריפּטן צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך, זיכער צופעליק, געפונען אויך מײַנע נאָך־נישט אַוועקגעשיקטע לידער...

געזען פרץ׳ן

פון אַלע נעמען פון יידישע שרייבער, וועלכע מיין פעטער משה דער סאָציאַל־דעמאָקראַט האָט מיט באַזונדערער התלהבות ליב־געהאַט ביי יעדער געלעגנהייט צו דערמאָנען — האָבן זיך מיר, נאָך זייענדיק אַ קליין יינגל, איינגעקריצט אין זכרון דריי נעמען: ביאַליק, שלום־עליכם און פרץ. איבערהויפּט האָט זיך מיר דאַמאָלט איינגעקריצט פרץ׳ס נאָמען, וואָס איך פלעג, על פּי רוב, הערן אַרויסזאָגן בנשימה־אחת מיטן נאָמען דינעזאָן, און האָב דערפאַר געמיינט, דאַמאָלט, אַז דאָס איז איין מענטש, וואָס הייסט מיטן נאָמען פרץ און מיטן פאַמיליע־נאָמען דינעזאָן. ערשט אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך ז׳ערוווּסט, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע מענטשן, צוויי שרייבער, וואָס זענען צווישן זיך אינטים־חבריש פאַרבונדן, אַזוי, אַז מען קאָן זיי כמעט קיינמאָל נישט זען איינעם אָן אַנדערן, ווי מען פלעגט למשל, זעלטן זען ביאַליקן אָן ראַווניצקין.

אַ דאַנק מיין פעטער משהן האָב איך זיך אויך דערוווּסט פון אַן אינסטיטוציע וואָס הייסט „הזמיר״, און דער עיקר — אַז אין „הזמיר״ טרעט פרץ אָפטמאָל אויף מיט רעדעס, וואָס רופן אַרויס גרויס באַגייסטע־רונג ביי די אַרבעטער און אינטעליגענץ, און בייז בלוט — ביי די אַסימי־לאַטאָרן און אָרטאָדאָקסן. כ׳בין אָבער פרץ׳ן נישט געגאַנגען הערן, ווייל כ׳בין נאָך געווען צו יונג אויף צו פאַרשטיין אים; נישט געוווּסט נאָך אפילו, וואָס ער שרייבט אַזוינס און, בכלל נאָך געהאַלטן, אַז איבער שער־לאָק־האָלמסן און נאַט־פינקערטאָנען — קאָן שוין נישט זיין...

ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען כ׳האָב שוין געהאַט אָנגע־שריבן די ערשטע לידער און אויך געוווּסט שוין וועגן דעם, אַז אין זאַק־

סישן גאָרטן איז פאַראַן אַ ליטעראַרישע אַליי ווו מען זעט פרץ׳ן יעדן פאַר־נאַכט דורכשפּאַצירן — האָב איך אַ טראַכט־געטאָן, אַז ס׳וואָלט געווען אַ יושר אים אָנצוקוקן און צו זען צי ער האָט טאַקע אַזאַ פליישיק פּנים מיט אַזעלכע גראָבע וואָנסעס, און אַזאַ צעקאַשמערטע טשופּרינע מיט אַזעלכע פינקלדיקע שוואַרצע אויגן אונטער צוויי געדיכטע ברעמען — ווי דאָס פאָטאָגראַפישע בילד זיינס האָט געוויזן.

אין איינעם אַ זומערדיקן פאַרנאַכט בין איך אַוועק אין זאַקסישן גאָרטן; אויפגעזוכט די „אַלעיאַ ליטעראַצקאַ״; קוים געפונען אַ פּלאַץ צווישן די געדיכט־באַזעצטע בענק און — זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויף פּרץ׳ן. בעתן וואַרטן האָב איך, געדענק איך, קודם־כל זיך גוט אַרומגעקוקט צי כ׳קאָן נישט אַמאָל, אַלס יידיש ייִנגל, ווי דער שטייגער איז געווען — באַפאַלן־ווערן פון וועלכן־ס׳איז גוי, אָדער סתם ווערן באַליידיקט פון עפּעס אַ פּוילישן „פּאַן״, און — כ׳האָב צו מיין פרייד פעסטגעשטעלט, אַז די „אַלעיאַ ליטעראַצקאַ״ איז באַזעצט בלויז מיט אחינו בני ישראל, אַרבע־טער, אַרבעטערינס און סתם ייִדענע יונגעלייטלעך אפּיקורסים אין קאַ־פּאָטקעס, אינטעליגענטן און אינטעליגענטקעס, כמעט אַלע באַוואָפנט מיט גאַנצע פּעק צייטונגען און ביכער, און כ׳וואָלט געשוווירן, אַז נישט איינער פון זיי האָט ווי איך דאַמלט — זיך אַרומגעטראָגן מיט לידער אָדער מיט אַנדערע מאַנוסקריפּטן, און ווי איך — זיך געשניטן אויף אַ שרייבער, און כ׳וואָלט געשוווירן, אַז דער גאַנצער עולם איז ווי איך — געקומען זען פּרץ׳ן.

נאָך אַ קאַרגער שעה וואַרטן האָט זיך צו דער באַנק מיינער, פּלוצלינג דערטראָגן אַ רוישיק פריידיקער אָנזאָג: פּרץ גייט! פּרץ! פון ביידע זייטן בענק האָט מען ווי מיט איינמאָל איבערגעריסן די לעבהאַפטע געשפּרעכן און וויכוחים, און אויסגעדרייט די קעפּ צו יענער זייט פון וועל־כער כ׳האָב געזען דערנענטערן־זיך מיט נישט געאיילטע, זיכערע טריט — אַ קרעפּטיקע מיטל־וווקסיקע פיגור אין ווענעמס קאָפּ און צורה כ׳האָב, אַ דאַנק זיין פון פריער־געזען פאָטאָגראַפיש בילד — דערקענט פּרץ׳ן.

אין מיינע אויגן האָט פּרץ דאַמלט אויסגעזען ווי אַ פּוילישער גוט־באַזיצער אַ „שליאַכטשיץ״, וואָס וואַרפט אַמאָל אין אַ נאָווינע אַראָפּ פון

זיך די רײַטהויזן, די יאַגד־ביקס און דעם גרינעם הוט מיטן פעדער און, לאָזט זיך מעשה פשוטער בשר־ודם — אויף אַ שפּאַציר צופוס... נישט איינער פון די, וואָס האָבן אין דער אַלייע געוואַרט אויף צו זען פּרץ'ן — האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיטן זען אים, און — פּרץ איז אַוועק אַן אַרומגערינגלטער און אַ פאַרוואָרפענער מיט שאלות פון אַ כאָפּטע בחורים און מיידלעך, וועמען איך האָב שטאַרק מקנא־געווען פאַר קריגן פון פּרץ'ן אַן ענטפער אָדער שמייכל.

נאָך עטלעכע מאָל זען פּרץ'ן און נאָך הערן, אַז מען גייט צו אים ווי צו א גוטן ייד נאָך סמיכות און אָנערקענונג — האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן, אַז כ'וואָלט פונדעסטוועגן באַדאַרפט, אַז עמעץ זאָל מיט מיר אַריינגיין צו אים און אים ווייזן מיינע ערשטע לידער; כ'האָב זיך אָבער געשעמט עס פאַרצולייגן וועמען, ווי כ'האָב זיך בכלל געשעמט מיט מיינע לידער, און — באַשלאָסן ביי זיך, אַז כ'וועל צו אים אַריינגיין אַליין, אָבער ערשט דאַמאָלט ווען כ'וועל שוין פאַרמאָגן אַביסל זעלבסטזיכערקייט און גענוג דרייסטקייט. בכדי אָנצונעמען זיך מיט דרייסטקייט און צוצוגרייטן זיך צום נסיון, האָב איך אָנגעהויבן זייער אָפט אַראָפּצוכאַפּן זיך אויף „אַלעיאַ יעראָזאָלימסקאַ", און צו בלייבן שטיין ביי דעם הויז וווּ פּרץ האָט, ווי איך בין געוואָר־געוואָרן — געוווינט. נישט ווייניק איינשטעלעניש איז פאַר מיר געווען אויך דאָס אַוועקשטעלן זיך אין אַזאַ ווייטער, פרעמדער רייכער גאַס וווּ ס'האָבן, ווי ס'האָט זיך מיר דאַמאָלט געדאַכט — אויסער פּרץ'ן — נישט געוווינט קיין יידן. יעדעס מאָל, וואָס כ'האָב זיך אָפּגע־שטעלט באַטראַכטן דאָס גרויסע, מאַסיווע הויז וווּ פּרץ האָט געוווינט — האָב איך זיך דערפילט אומזיכער און אומרויק; ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פון מיין בלויזן קוקן אויפן הויז — וועט זיך רעש אַן עפן־טאָן די גרוי־סע שווערע פראָנטאָווע טיר, און ס'וועט זיך אויף מיר, ראשית כל, אַרויפ־וואַרפן אַ פּריצישער הונט אַ בייזער, נאָך אים — אַ דינער אין אַ ליווריע, און צום סוף וועט מיר נאָך פּרץ אַליין דערלאַנגען אַ גאָב פאַר שטערן אים די רו...

מיין צוגרייטן זיך צו יענעם גרויסן טאָג ווען כ'וועל שוין סוף־כל־סוף קאָנען אַ דריק־טאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל פון פּרץ'עס טיר, האָט

ביי מיר געגומען אַזוי פיל צייט, ביז — כ'האָב אין איינעם אַ באַלד־אינדער־פרי, אַראָפּגייענדיק פון בעט דערזען ליגן אויפן טיש דעם וואַרשעווער „היינט", ווי איינגערעמט אין אַ שוואַרצער ראַם, און אין מיטן דער ראַם — אָפּגעדרוקט מיט זייער גרויסער פעטער שריפט, צווי ווערטער מיט אַן אויסגעשריי־צייכן: נישטאָ פּרץ!...

כ'האָב אַלזאָ זוכה־געווען נאָר צו זען פּרץ'ן און, צו זיין איינער פון אַ סך צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס האָבן אים באַגלייט אויפן וועג צו דער אייביקער רו.

באגעגענישן מיט חיים נחמן ביאַליק

אַלס קליין ייִנגל נאָך, ווען כ׳האָב פון מיין פעטער משה דעם „וועלט־מענטש״ געהערט דאָס ערשטע מאָל דעם נאָמען ביאַליק, און נישט ווייניק געהערט ווי זיינע חברים, יונגעלייטלעך מיט טשופּרינעס און מיט אַריבערגעוואָרפענע העמדלעך איבער די הויזן „אַלאַ״ גאָרקי און טאָלסטאָי — דעקלאַמירן מיט גרויס פּאַטאָס ביאַליקס „נביאיש״ — האָט מיר נישט געקאָנט אפילו איינפאַלן צו טראַכטן, אַז נישט זיי, וואָס האָבן אים דעקלאַמירט, נאָר מיר, וואָס כ׳האָב אים נאָך אפילו נישט געלייענט — וועט אויסקומען אין לעבן נישט בלויז צו זען אים, נאָר צו רעדן מיט אים און צו זיין ביי אים אין שטוב. ווערגן רעדן אַמאָל מיט ביאַליקן האָב איך אויך נישט געחלומט אפילו דאַמאָלט, ווען כ׳בין געוואָרן אַ שרייבער און אפילו געהאַט אָפּגעדרוקט שוין נישט איין ליד. כ׳האָב אָבער נישט געהאַט די אַמביציע צו זוכן באַקאַנטשאַפט מיט עלטערע און גרעסערע שרייבער — כדי צו הערן פון זיי מבינות און צו באַקומען פון זיי סמיכות. געווען אפילו פאַלן, ווען כ׳האָב נישט איין געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַ גרעסערן שרייבער פון מיר, — אויסגעמיטן, נישט אַזוי צוליב באַשיידנקייט, ווי צוליב מורא נישט צו פאַרלירן דערפון די אייגענע ווערט...

ביאַליקן האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען אין יאָר 1924, בעת מיין ערשטן אָנקום אין ארץ־ישׂראל, אין תל־אביב.

אין משך פון פינף יאָר צייט האָב איך ביאַליקן כמעט טאָג־טעגלעך געזען אין דער זעלבער שעה פאַרנאַכט אויף אַלענבי אָדער ביים ים — אין שטענדיקער באַגלייטונג פון ראַווניצקין, און זייער אָפט — אַרומגערינגלט פון אַ געזעמל העברעאישע שרייבער, וואָס האָבן ווי חסידים אַרום אַ רבין — אונטערגעשטעלט אויערן, געהאַלטן אָפן מויל און אויגן

און געשלונגען פון אים יעדעס וואָרט. דאָס זעלבע בילד איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו זען זיצנדיק אין פּאַפּולערסטן, לייטישסטן קאַפע־הויז פון יענער צייט: ביי רעצקין אויף אַלענבי, ווו ביאַליק מיט ראווניצקין פלעגן אָפט זיצן — אַרומגעזעצט מיט סופרים, וואָס האָבן געקליבן שיריים פון ביאַליקן, דעם דיכטער שבבעל־פּה.

פאַר מיר איז ביאַליק דאַמאָלט געווען דאָס, וואָס ער איז געווען ביים גאַנצן יידישן פאָלק: דער גרעסטער נאַציאָנאַלער דיכטער; איך אָבער, פאַר ביאַליקן, בין נאָך געווען אַ נאָמענלאָזער, אומבאַקאַנטער יונגער יידישער דיכטער אין ארץ־ישראל, און כ׳פלעג דערפאַר זיצן אין קאַפע־הויז איינער אַליין ביי אַ זייטיק טישל.

דער געוויינלעכער, אָפטמאָל, קליינער צופאַל, וואָס פאַרנעמט אין גורל פון אַ לעבן אַ גרויס אָרט, און דערגייט אַמאָל ביז פאַטאַליזם — דער געוויינלעכער צופאַל האָט מיך, ווי מיט אַ סך אַנדערע שרייבער און קינסטלער — צונויפגעפירט אויך מיט ביאַליקן. געווען איז עס אין יאָר 1927/28 בעת דעם גרעסטן עקאָנאָמישן קריזיס אין ארץ־ישראל; אַ קריזיס, וואָס האָט מיט הונגער אַרומגענומען אַ סך טויזנטער אַרבעטלאָזע, צווישן זיי אַ סך אַזעלכע ווי איך, אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין „פּראָלעטאַריזירן" און געווען דערפאַר די לעצטע אויף צו קריגן אַרבעט, און די ערשטע — צו דערפילן דעם טעם פון קריזיס. אין יענער צייט האָט מיינער אַ געוועזענער פאַרטיי־חבר, אַ פען־מענטש, וואָס האָט זיך פּערזענ־לעך געקענט מיט ביאַליקן און זיך אָפט מיט אים באַגעגנט, — מיר איבער־געגעבן אויפן אויער, אַז דער העברעאישער „אגודת הסופרים" גיט אַרויס שטיצע פאַר שרייבער און, מיין חבר האָט מיך געעצהעט כ׳זאָל זיך ווענדן צו אגודת הסופרים וועגן אַ הלוואה. כ׳האָב אָבער נישט געוואָלט הערן פון אַזאַ פאָרשלאַג, זיך צו ווענדן צו אַ העברעאישן שרייבער־פאַריין ווו כ׳בין, אַלס יידישער שרייבער, נישט קיין מיטגליד, און — מיין חבר האָט דעריבער באַשלאָסן אַליין אַ רעד־צו־טאָן מיט ביאַליקן, דעם ממונה איבערן געלט פאַרן ליטעראַטן־פאָנד. ביאַליק האָט מיר דורך מיין חבר מודיע־געווען כ׳זאָל זיך זען מיט אים און קומען צו אים אין תל־אביבער עיריה ווו ער וועט אין דער אָנגעגעבענער שעה זיך געפינען.

ווען כ׳בין צו דער באַשטימטער שעה געקומען אין עיריה, האָב איך שוין ביאַליקן געטראָפן אויף די טרעפּ ביים אַראָפּגיין, נאָר צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג האָט מיך ביאַליק אָפּגעשטעלט, אַרויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן, מיר טיף און ערנסט אַריינגעקוקט אין פּנים, און מיך אַ פרעג־געטאָן: איר גייט צו מיר? איר זענט קירפּיטשניקאָוו? *) פּאַפּיער־ניקאָוו — האָב איך אים פאַריכט, יאָ, פּאַפּיערניקאָוו — האָט זיך ביאַליק צוריקגעכאַפּט און געהייסן מיר צוריק אַרויפגיין מיט אים.

אין צימער פון דער עיריה זאָגט צו מיר ביאַליק: געהאַט צוליב אייך אַ שטיקל מלחמה מיט אגודת הסופרים, די שרייבער טענהן, אַז איר זענט אַ שונא פון העברעאיש און בכלל אַ שונא־ציון, פאַר מיר איז אָבער גענוג, וואָס איך האָב געהערט וועגן אייך פון שערמאַנען, איבעריקנס, האַלט איך נישט, אַז דער וואָס שרייבט אין ארץ־ישראל יידיש — דאַרף נישט לעבן...

כ׳האָב ביאַליקן געגעבן עטלעכע אויפקלערונגען וועגן מיין „שנאה״ צו העברעאיש און וועגן מיין „שנאת־ציון״ און — ביאַליק האָט מיר אויס־געשריבן אַ טשעק אויף פינף פונט (צו יענער צייט, נישט קיין קליינע מטבע) מיך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים און געהייסן מיר אומבאַדינג מיט־ברענגען עפּעס פון מיינע ארץ־ישראל־לידער.

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ביאַליק האָט זיך בעת מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים — געווענדעט צו מיר אין יידיש, און איך האָב זיך באַמיט צו ענטפערן אים דווקא אין העברעאיש, אין אַזאַ העברעאיש, וואָס האָט אים געצוווּנגען מיר צו זאָגן: צו וואָס זאָלט איר זיך מאַטערן, אַז איר קאָנט מיט איר רעדן מאַמע־לשון?!

פון מיין ערשטער ביז מיין צווייטער באַגעגעניש מיט ביאַליקן האָט גענומען זייער אַ סך צייט. כ׳האָב בלויז איינמאָל אין צווישנצייט גענומען מיין ערשטע זאַמלונג ארץ־ישראל־לידער „אין זוניקן לאַנד״, בין דערמיט אַוועק צו ביאַליקס הויז, אַנגעקלונגען אין דער שווערער פראָנטאָוועער טיר,

---

*) קירפּיטשניקאָוו האָט געהייסן דער שעפער פון דער רוסישער גראַמאַטיק.

און האָב אָנשטאָט אַריינצוגיין — אַריינדערלאַנגט דאָס ביכל און בין שנעל אַוועק פון דער טיר...

אַ שטיק צייט נאָכן אונטערוואָרפן ביאַליקן מיין לידער־זאַמלונג, ווי מען וואַרפט אונטער אַ נישט געזעצלעך קינד, א „ממזר״, — האָט ביאַליק געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן אויף מיר, פאַרוואָס מען זעט עפּעס נישט „קירפּיטשניקאָוון...״

מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז וועגן מיין ביכל „אין זוניקן לאַנד״ האָט ביאַליק געזאָגט פּיכמאַנען, אַז עס איז דער חוט־השדרה פון ארץ־ישראל.

נאָך אַ סך נאָכפרעגן זיך אויף מיר, בין איך צו ביאַליקן אַריינגעגאַנגען מיט מיין צווייטער זאַמלונג ארץ־ישראל־לידער „גאָלדענע זאַמדן״. בעת ביאַליק האָט געעפנט די טיר פון זיין אויפנעם־צימער און מיך דערזען צווישן די וואַרטנדיקע אין זיין וואַרטזאַל, האָט ער אַ דערפרייטער מיט מיר, אויסגעשריגן: קירפּיטשניקאָוו, בבקשה! פּאַפּיערניקאָוו — האָב איך אים ווידער פאַריכט און, ביאַליק האָט זיך צעלאַכט און זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין כסדר פאַרבייטן מיך אויף קירפּיטשניקאָוון. ביים טיש אינעם אויפנעם־צימער האָט מיר ביאַליק געדאַנקט פאַר מיינע צוויי ביכלעך, געפרעגט מיך, פאַרוואָס איך בין אַזאַ לאַנגע צייט נישט אַריינגעגאַנגען צו אים, געלויבט מיינע לידער און פּלוצלינג, מיט אַן אויפגעהויבענעם טאָן, כמעט מיט כעס אַ פרעג־געטאָן מער זיך, ווי מיך: וואָס האָבן זיי געוואָלט פון אייך, די אגודת־הסופרימניקעס? ס׳האָט דאָך קיינער פון זיי נישט געשריבן אַזעלכע אמתע, וואַרעמע ארץ־ישראל־לידער, ווי איר שרייבט! כ׳האָב דאָך בלויז פון די קעפּלעך פון אייערע לידער געזען גאַנץ ארץ־ישראל!...

ווי דער ערשטער באַזוך ביי ביאַליקן אין הויז, אַזוי האָט אויך דער צווייטער נישט לאַנג געדויערט — מחמת הינטער דער טיר האָבן געוואַרט אויף אים אויך עטלעכע פון די נכבדי העיר. און כ׳האָב, נישט וואַרטנדיק אויף זיין אָנצוהערעניש — זיך אויפגעשטעלט און צוגעזאָגט צו קומען אַ צווייט מאָל.

צוליב דער גרויסער צאָל באַזוכער, וואָס האָבן ביאַליקן געשטערט

די רו און אָוועקגענומען ביי אים אַ סך צייט, — בין איך צו ביאַליקן מער נישט אַריינגעגאַנגען, און מיין דריטע און צופעליקע באַגעגעניש מיט אים איז געווען אין וואַרשע, אין יאָר 1930, אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס די יידישע זשורנאַליסטן האָבן געהאַט מיט אים. ערשט ביים אַרויסגיין פון דער קאָנפערענץ האָט מיך ביאַליק באַמערקט און דערקענט צווישן דעם עולם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, און איבער אַלעמענס קעפּ — צו מיר אַריבערגעשריגן: שלום קירפּיטשניקאָוו! פון וואַנען קומט איר דאָ אַהער?! די גרויסע צאָל באַגלייטער, שרייבער, עסקנים און סתם יידן וואָס האָבן זיך געריסן צו אים, כדי צו זאָגן אים אַ ברייטן שלום — האָבן אים, ווי אָוועקגעטראָגן פון מיר, און כ׳האָב אפילו נישט באַוויזן צו פאַריכטן אים זיין איינגעבאַקענעם טעות מיט מיין נאָמען... אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פון דער פּרעסע דערוווּסט זיך, אַז ביאַליק איז צוריקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיר איז דערווייל אָפּגעלאָפן דער טערמין פון מיין וויזע אויף צו פאָרן צוריק, און כ׳האָב זיך אין יאָר 1931 אָדער 32 געווענדעט מיט אַן אליארמירנדיקן בריוו צו ד״ר יוריסן אין ארץ־ישראל, און געבעטן אים, ער זאָל זיך זען מיט ביאַליקן וועגן אויספּועלן פאַר מיר אַ צווייטן סערטיפיקאַט ביי דער ירושלימער סוכנות. נאָך עטלעכע וואָכן וואַרטן, האָב איך פון יוריסן באַקומען אַן ענטפער אויך אין ביאַליקס נאָמען, אַז זיי טוען אַלץ, כדי מיך צוריקצוברענגען קיין ארץ־ישראל.

איך פון מיין זייט, האָב אָבער נישט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף יוריסן און ביאַליקן, און כ׳האָב נאָך אייגענע שתדלנות ביים וואַרשעווער „פּאַלעסטינע־אַמט״, באַקומען אַ נייעם סערטיפיקאַט, און אין אָנהייב 1933 — צום צווייטן מאָל פאַרלאָזט פּוילן.

אַז כ׳בין צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל, בין איך, קודם־כל, געגאַנגען אָפּגעבן מיין ערשטן באַזוך — ביאַליקן; געוואָלט פּשוט ווייזן אים, אַז כ׳בין דאָ און — זיך גראָד אָנגעטראָפן מיט אים, בעת ער איז אַרויס פון דער גאַס, וואָס האָט נאָך ביי זיין לעבן געירשנט זיין נאָמען.

צוליב דעם וואָס כ׳בין פאַר אים, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, האָט מיך ביאַליק לכתחילה נישט דערקענט און געוואָלט פאַר מיר פאַרבייגיין,

נאָר אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און פאַרשטעלט אים דעם וועג מיט אַ הויכן: שלום! — איז ביאַליק אויך געבליבן שטיין, און, ווי זיין שטייגער קוקן אויף אַ פרעמדן — מיר טיף און ערנסט אַריינגעקוקט אין פּנים און פאַרחידושט אַ פרעג־געטאָן: דאַכט זיך, קיר — פּאַפּיערניקאָוו — בין איך אים ווידער פאַרלאָפן דעם טעות, און ביאַליק האָט, אַ דערפרייטער מיט מיר — פאָטערלעך גענומען קלאַפּן מיר מיט דער ברייטער האַנט איבער דער פּלייצע: אַזוי, אַזוי, קירפּיטשניקאָוו, פון ארץ־ישראל אַנט־לויפט מען נישט!...

אונטער פרעמדן איינפלוס

אין מיין ערשטן יונגן ליטעראַרישן קרייז אָנפאַנגער, וואָס האָבן זייערע שאַפונגען נישט געהאַט נאָך געדרוקט, נאָר צווישן זיך — פאַר־געלייענט און קריטיש באַהאַנדלט — האָט יעדער איינער, אויף שפּאַס, געהאַט אַ ביינאָמען פון אַ וועלכן־ס׳איז גרויסן דיכטער אָדער בעלעטריסט. פאַר מיינע קלאַנגלידער, אָדער ווי די לצים פלעגן זיי אָנרופן: קלאַנגדיקע לידער — האָט מען מיך אין קרייז געקרוינט מיטן נאָמען פונעם זייער פּאָפּולערן רוסישן עלעגישן דיכטער פון פאַר דער רעוואָלוציע: נאַדסאָן — כאָטש אנגעהויבן שרייבן האָב איך, ווי כ׳האָב שוין דערציילט אין די בלעטלעך וועגן מיין ערשט ליד — אונטער דער ווירקונג פון בייראָנס יידישע מאָטיוון מיט וועלכע כ׳האָב זיך צופעליק פרי באַקענט. ס׳האָט, אַלזאָ נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן וועלכער־ס׳איז דירעקטער השפעה אויף מיר מצד נאַדסאָנען, ווען מען כ׳האָב נאָך בכלל נישט געהאַט געלייענט און ס׳איז בלויז געווען אַ צופאַל, וואָס שוין מיין ערשט ליד איז, ווי ביי נאַדסאָנען און ווי ביי נאָך אַזעלכע גייסטיקע און פסיכיש ענלעכע צו זיך — געקומען אויפדערוועלט, ווי דאָס קומען פון אַ קינד: מיט געוויין, וואָס ווערט שוין אָבער נישט אַנטוויינט ווי אַ קינד...

שוין דאָס ערשטע ליד איז ביי יעדן דיכטער דער שליסל און דער גרונט־טאָן פאַרן ווייטערדיקן דיכטערישן שאַפן, און באַשטימט אַזוי־צו־זאָגן: די הויט און אפילו די פאַרב פון דער אייגענער הויט פון וועלכער מען קאָן בשום אופן נישט אַרויס...

דאָס אַלץ איז געזאָגט־געוואָרן נאָר בנוגע יענע דיכטער, וואָס קומען אין דער דיכטונג, זאָל זיין אפילו מיט וויינען, נאָר מיט אייגנס,

מיט אַן אייגן פּנים און כאַראַקטער, וואָס גייט נישט פאַרלוירן אינדערצייט פון ווערן מיטגעריסן מיט איינפלוסן פון אַ סך שטאַרקערע פון זיך.

אין משך פון מיין זוכן נאָך דער פאָרעם פאַרן אינהאַלט — בין איך באַאיינפלוסט־געוואָרן בסך־הכל פון געציילטע לידער, פון געציילטע דיכטער.

דעם ערשטן איינפלוס האָט אויף מיר געהאַט דער געוועזענער דיכטער דניאל לייבעל. איך זאָג געוועזענער, ווייל פון נאָך זיין איינציק לידערביכל „ביים גרינעם לאָמפּן־שיין" (אַ געשיכטע פון איבער דריי צענדליק יאָר) — האָט מען מער נישט געזען פון אים קיין איין אָפּגע־דרוקטע שורה פון אַ ליד. פון דניאלן לייבעלן דעם פילאָלאָג און ליטעראַ־טור־קענער, וועמען די פּאַרטיי און די פּאָליטיק האָט איינגאַנצן פאַר־שלונגען — האָב איך, און נישט איינער פון די יונגע דיכטער אַרום דער וואַרשעווער פּועלי־ציון־פּעריפעריע — געלערנט ווי אַזוי צו בויען אַ פערז און מקפּיד־צו־זיין אויפן ריטעם. אונטער דעם בולטן איינדרוק פון ד. לייבעלס אַ זייער שטאַרק שטימונגליד, וואָס דעם נאָמען דערפון געדענק איך שוין נישט — האָב איך אָנגעשריבן אַ נאָקטורן, וואָס איז נאָכן אָפּדרוקן זי — זייער געלויבט־געוואָרן.

אַ צווייט ליד, וועגן אַ קראָ, האָב איך אַמאָל אָנגעשריבן אונטער דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט עדגאר פּאָס ליד „נעווער מאָר".

איין ליד, אַ ליבעליד, האָב איך, געדענק איך, אָנגעשריבן אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון טאַגאָרעס „דער גערטנער".

די שטאַרקסטע השפּעה פון וועלכער איך און אויך אַ סך דיכטער פון מיין צייט האָבן זיך נישט אַזוי לייכט באַפרייט — האָט אויף מיר גע־האַט אורי צבי גרינבערג, וועמענס אויפגיין אין דער יידישער מאָדערנער דיכטונג פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געווען אַ דערשיינונג. געווען איז עס אין די יאָרן ווען די רויטע פייערן פון מאָסקווער קרעמל האָבן ביי גרינבערגן, ווי ביי דעם רוב פון יענער פלעיאַדע יידישע דיכ־טער אין פּוילן — אָנגעצונדן דאָס האַרץ און די אויגן — מיט פייערן פון רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט, בונט און אויפברויז.

פאַר אַזאַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג פון יענער צייט, האָט נישט איך דיכטער דירעקט אָדער אומדירעקט געמוזט זיך אַרויסהעלפן מיטן „אויסגעבאָרגטן" כוח פון גרינבערגס פּאַטעטיש, אויפרייסנדיק נביאיש וואָרט.

ווי שטאַרק איך בין געווען דאַמאָלט באַווירקט פון גרינבערגן, קאָן דינען בלויז דער פאַקט, אַז איך, וואָס האָב אויסער פאַר מיין אייגן ליד — קיינמאָל נישט געהאַט קיין זכרון פאַר עמעצענס אַן איינציקער שורה — האָב בעל־פּה געקאָנט גאַנצע שטיקער פון גרינבערגס „פאַרנאַכטנגאָלד", און נאָך מער — פון „מעפיסטאָ", וואָס איך האָב געלייענט אומצאָליקע מאָל, ווי מען לייענט די הייליקע שריפט...

דאָס ערשטע ליד, וואָס איך האָב געשריבן אונטער דער דירעקטער השפעה פון גרינבערגס פּאָעמע „וועלט, באַרג אַראָפּ" — איז געווען מיין ליד „וועלט צו קבורה". (דאָס דאָזיקע ליד געפינט זיך אין מיין לידערבוך „רויט אויף שוואַרץ"). אויך מיין פּאָעמע „סטוי" („שטיי!") פון זעלבן בוך — איז געוואָרן געשריבן אונטער דער ווירקונג פון גרינבערגס „וועלט, באַרג אַראָפּ". אין פּאַטעטישן טאָן פון גרינבערגס „הערויקאַ" האָב איך ספּעציעל אפילו — אָנגעשריבן און געווידמעט גרינבערגן אַ פּאָעמע א. ב. „געטער און דיכטער". די דאָזיקע פּאָעמע האָט ביי מיר זלמן רייזין, בשעתו, אָפּגעקויפט פאַר זיין „ווילנער טאָג"; צוליב אַן אינ־צידענט צווישן רייזינען און גרינבערגן, האָט אָבער רייזין די פּאָעמע קיינמאָל נישט אָפּגעדרוקט — טראָץ דעם, וואָס ער האָט מיר שוין געהאַט גאַנץ שיין באַצאָלט פאַר איר. אגב, האָב איך אין אַ צייט אַרום, בעת מיינס אַ רעוויזיע פון זעלבסטקריטיק — פאַרניכטעט צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע לידער — אויך די פּאָעמע „געטער און דיכטער". צוליב מיין גרויס פאַרערונג צו גרינבערגן, דעם דיכטער, האָב איך, ווי אויף אָפּצו־צאָלן אַ חוב אַן עלטערן ברודער — אָנגעשריבן אים אַ צווייט ליד, וואָס איך האָב אונטערן נאָמען „מיין עלטערן ברודער" — אָפּגעדרוקט אין אַ נומער פון די יונג־ליטעראַרישע „שפּראָצונגען".

ווי פון גאַנצן ביסל פרעמדע איינפלוסן אויף מיינע ערשטע

שאַפונגסיאָרן — האָב איך זיך אויך אויסגעגרינבערגט, נאָך איידער גרינבערג האָט פאַרלאָזט פוילן.

היות יעדער יונגער שרייבער איז אינדערצייט פון זיין טאָפּן נאָך אינדערפינצטער — אַ געטרייער לעזער, איבערהויפּט פון די ווערק פון אַ שרייבער ביי וועמען ער געפונט אַ גייסטיקע אָדער זעלישע התקרבות — האָט איז די יאָרן פון מיין באַקענען זיך מיט דער נייער סאָוויעטישער דיכטונג — פאַרנומען ביי מיר גרינבערגס אָרט — דער רוסישער פּאָעט סערגיי יעסענין, וועמען כ׳האָב מיט גרויס ליבע געווידמעט אַ האַלב יאָר צייט אַרבעט אויף איבערזעצן אין יידיש אַ קליינעם טייל לידער זיינע, וואָס כ׳האָב אונטערן נאָמען „סערגיי יעסענין״ — אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון יידישן פּען־קלוב אין וואַרשע, אין יאָר 1932.

מיין ערשט בוך

נישטאָ, דאַכט זיך, קיין איין דיכטער, וואָס זאָל נישט האָבן עמפּפינדן און, מיט רעכט, — פאַרגליכן די געבורט פון זיין ליד, צו דער געבורט פון אַ קינד.

ווען אַ דיכטער ציילט שוין אָבער זיינע לידער אין אַ סך הונדער־טער און ער זעט זיי שוין אויך געזאַמלטע אונטער די טאָוולען פון אַ בוך און ביכער — איז שוין דאָס גייסטיקע קינד זיינס, נישט זיין איינצל ליד, אָדער וועלכע־ס'איז אַנדערע ליטעראַרישע שאַפונג, נאָר — דאָס דערשי־נענע בוך זיינס.

צום ריכטיקסטן קאָן די אַנאַלאָגיע פון זען אין דערשינענעם בוך — די געבורט פון אַ קינד — ווערן אַנגעווענדט אויף די חבלי־לידה פון אַ בוך, וואָס דער שרייבער גיט מיט אייגענער מי און מאַטערניש אַליין אַרויס.

מיין „ערשטלינג" איז געווען מיין בוך ארץ־ישראל־לידער „אין זוניקן לאַנד", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1927, פון פאַרלאַג „נייע קולטור" ווען איך האָב פון ארץ־ישראל צוגעשיקט די מאַנו־סקריפּטן.

דאָס גליק מיינס, וואָס דער פאַרלאַג „נייע קולטור" האָט איבערגענ־נומען דאָס „קוואַטערשאַפט" פון מיין „ערשטלינג" איז געווען דאָס, וואָס דער פאַרלאַג איז געווען אַ פועלי־ציוניסטישער, איך — אַ פּועלי־ציוניסט און די לידער — ארץ־ישראלדיקע, אַזעלכע, וועלכע האָבן געקאָנט אפילו אומדירעקט דינען (און טאַקע נישט ווייניק געדינט) דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין פּוילן, ליטע און רומעניע — פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווען מיין בוך איז דערשינען און מען האָט עס מיר פון וואַרשע צוגעשיקט קיין תל־אביב — בין איך געהאַט געלעגן אַ טיפוס־קראַנקער אין שפּיטאָל; געלעגן שוין נאָכן קריזיס, אַן אָפּגעשוואַכטער און אַ דער־שעפּטער, אַריינפאַלנדיק אַלע פּאָר שעה אין אַ טיפן שלאָף, ווי אין אַ הינערפלעט...

בעת כ׳בין איינמאָל אויפגעקומען פון אַזאַ שלאָף און געעפנט די אויגן, איז נעבן מיר אויפן קישן געלעגן אַ בוך מיט אַ גראָער הילע און מיט אַ צייכענונג, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ חלוץ מיט אַ לאָפּעטע אין האַנט, צווישן צוואָרפענע געצעלטן און פאַלמעס, און איבער דער צייכע־נונג — צוויי רויטע אויפשריפטן: י. פּאַפּיערניקאָוו, און אונטער מיין נאָמען — דער נאָמען פון בוך „אין זוניקן לאַנד״. כ׳האָב נישט געוואָלט גלויבן די אייגענע אויגן; עס האָט מיר אויסגעזען צו זיין איינער פון די חלומות, וואָס איך האָב אַזוי פיל געזען בעת מיינע לעטאַרגיעס; נעבן מיין בעט האָב איך קיינעם נישט געזען און, כ׳האָב אַ דערשטוינטער פון דער אַנגענעמער איבעראַשונג — גענומען לאַנגזאַם אַרומגיין מיט די אויגן איבערן שפּיטאָלזאַל, ווי כ׳וואָלט וועלן געפינען דעם, וואָס האָט מיר דאָס בוך מיינס אונטערגעוואָרפן, און אַליין — זיך אוודאי באַהאַלטן, כדי פון דער באַהעלטעניש צו זען, וואָס פאַראַ איינדרוק עס וועט אויף מיר מאַכן; ביי דער טיר האָב איך זיך מיט די אויגן אָנגעטראָפן מיט דער קראַנקנשוועסטער, וועלכע האָט מיך, אומבאמערקט פון מיר — די גאַנצע צייט אָבסערווירט און, פונדערווייטן צו מיר אַריבערגעשמייכלט, ווי מען שמייכלט צו אַ געווינערין, וועלכער מען טראָגט־צו די פּרוכט פון איר לייב...

איך קויף מיינע ביכער

וועגן אַ סך שרייבער זאָגט מען, אַז אויסער זייערע אייגענע ווערק, לייענען זיי נישט קיין ביכער; דאָס איז אָבער לשון הרע, ווייל עס קאָן נישט געמאָלט זיין, אַז איין שרייבער זאָל דעם אַנדערן אַרונטעררייסן, נישט האָבנדיק פריער געלייענט אים.

דער אמת איז, אַז שרייבער קויפן נישט קיין ביכער ווייל זיי זענען געוווינט זיי צו באַקומען פון די מחברים צוגעשיקט אַלס מתנה אָדער, צום רעצענזירן.

אויך איך האָב אין מיין לעבן זעלטן־ווען געקויפט אַ בוך, אָבער נישט דערפאַר ווייל כ׳האָב געוואָרט מען זאָל עס מיר צושיקן אַהיים, נאָר גאַנץ פשוט, ווייל כ׳האָב זיך זעלטן־ווען געקאָנט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס, ווי — קויפן ביכער און, ווייל אין מיינס אַ וווינונג האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט (און האָב נישט) קיין פלאַץ פאַר אַ ביכערשאַנק...

איינמאָל נאָר האָב איך, ווי אַ יקר־המציאות אָפּגעקויפט גאַנצע צען עקזעמפּלאַרן פון... מיין אייגן בוך לידער „אין זוניקן לאַנד", וואָס די גאַנ־צע אויפלאַגע איז בשעתו געוואָרן אויספאַרקויפט — נאָך איידער כ׳האָב זי באַוויזן צו צעטיילן צווישן קאָלעגן, פריינט און חברים.

געווען איז עס אין יאָר 1932, אין פוילן, פאַר מיין אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל.

ווי אויף צום געזעגענען זיך צום צווייטן מאָל מיט מיין געבורט־שטאָט וואַרשע און מיט אַלץ וואָס איז מיר געווען היימיש, נאָענט און אייגן, — האָב איך מיט אַ יידישן זשורנאַליסט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער דער האַרעפּאַשנער גאַס פון „עמך, שער און אייזן" — די

דזשיקע, ווו אינעם רעש און געטראַסק פון רעדער פון אויטאָבוסן, טראַמ־וויען, וועגענער און בייטשן־געקנאַל אויסגעמישט מיטן טומלדיקן אויס־געשריי: כאַפּט אַוועק! כאַפּט אַוועק! קראַוואַטן! בייגל פרישע! פרישע בייגל! — האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַ שטים פון אַ יונג, וואָס האָט פאַרהילכט די גאַנצע דזשיקע גאַס מיט זיין שרייען: פופציק גראָשן „די כשופמאַכערין פון קאַסטיליע"! דרייסיק גראָשן „אין זוניקן לאַנד"!

דערהערט אויסרופן דעם נאָמען פון מיין בוך, איז מיר, ווי דער שטייגער איז פון נאָענטס און לייבלעך־אייגנס, — געוואָרן ממש וואַרעם און גוט אויף דער אָנגעזאָלצענער נשמה, און כ'האָב זיך צוגעשטופּט צום באַלאַגערטן האַנטוואַגן מיט ביכער, און צום שרייענדיקן יונג, וואָס האָט מיר אָפּגעגעבן דאָס צווייטע אָרט נאָך שלום אַשן...

כ'האָב אַ נעם־געטאָן מיין בוך אין האַנט, און כאָטש כ'האָב שוין גע־הערט וויפל ער וויל דערפאַר — אים אַ פרעג־געטאָן: וויפל ווילט איר דערפאַר?

— דרייסיק גראָשן! — האָט ער מיר ווי צוגעוואָרפן, און כמעט נישט געקוקט אויף מיר.

— דרייסיק גראָשן פאַר דעם אַ ביכל? — האָב איך מיט געמאַכ־טער פאַרוווּנדערונג אויסגעצויגן, און פופצן — פרעג איך — וועט איר נישט נעמען?

— לייגט אַוועק! — האָט ער צו מיר אַ געשריי־געטאָן ווי אַן אָפּגע־בריטער.

ס'איז מיר געפעלן, וואָס דער יונג מאַכט מיך נישט צו קליינגעלט, און כ'האָב דערפאַר באַשלאָסן נישט אַוועקצוגיין פון אים מיט גאָרנישט.

— וויפל, פרעג איך ביי אים — וועט איר מיר רעכענען פאַר דעם גאַנצן קאָמפּלעט „אין זוניקן לאַנד"?

— ס'איז דאָך „איין טייל" — זאָגט ער צו מיר.

— ס'מאַכט נישט אויס, — זאָג איך — צו פופצן גראָשן אַ שטיק נעם איך זיי ביי אייך אַלע צו.

צו אַכצן גראָשן האָט זיי מיר דער יונג איינגעפּאַקט, און דערביי

געשמייכלט צו די אַרומיקע, ווי איינער זאָגט: וואָס זאָגט איר נישט צו דעם „יאָלד אין קאַפּעלוש״ ?...

בעת מיין אַוועקגיין און דערווייטערן זיך פונעם וואָגן מיט ביכער, האָט אָבער מיין באַגלייטער, דער זשורנאַליסט אים אַ זאָג־געטאָן עפּעס אויפן אויער, און דער יונג האָט זיך אַ לאָז־געטאָן נאָך מיר, און אַ פּאַר־שעמטער, אַ קינדיש־פאַרלוירענער גענומען שטאַמלען פאַר מיר: אַנטשול־דיקט, ביי איך וויל איך נישט פאַרדינען, כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז איר זענט...

ס׳האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן; כ׳האָב זיך נישט געקאָנט פון אים אַרויסדרייען, און געמוזט ביי אים צוריקנעמען פינף גראָשן פון יעדן ביכל — כדי צו באַרויקן זיין געוויסן...

דער טאַטע האָט דאָס וואָרט

דעם שטאַרקסטן חותם, וואָס די צייט קאָן אפשר פאַרטושן, אָבער נישט אָפּמעקן — לייגט אויף דעם מענטש — די געזעלשאַפט אָדער סביבה אין וועלכער מען האָט יאָרן־לאַנג פאַרקערט, איבערהויפּט די סביבה פון וועלכער מען איז געווען אַרומגערינגלט פון קינדווייז־אָן, אינדערהיים ביי טאַטע־מאַמע.

נישט אין איין בלעטל האָב איך שוין אַרויסגעבערענגט און געשילדערט מיין היים־סביבה און מיליע צו וועלכער כ׳וויל נאָך צוגעבן און דערמאָנען, אַז צוליבן שטענדיקן דוחק, וואָס מיר, די זעקס קינדער אינדערהיים האָבן געפילט אפילו אין טאַטע־מאַמעס וואַרעמקייט — זענען מיר ווי זומערפלאַנצונגען אין אַ קאַלטער טעמפּעראַטור — געוואַקסן קאַלט צו זיך און צו טאַטע־מאַמע, קאַלט און פרעמדלעך, פרעמד און שעמעוודיק נישט נאָר צו פרעמדע, נאָר אויך צו אייגענע און היימישע.

די שעמעוודיקייט האָט אונדז, די זעקס קינדער אינדערהיים, צוגענומען די זעלבשטענדיקייט און יעדע פרייע באַוועגונג, און מיך, מער ווי אַלעמען — געצוימט, געפּענטעט און נאָך ענגער־געמאַכט דאָס גענוג ענגע יונגע לעבן מיינס. איך פלעג זיך, למשל, שעמען צו רעדן מיט אַ פרעמדן מענטש, אַריינגיין צו אַ פרעמדן אין שטוב, עסן ווען אַ פרעמדער איז געווען דערביי; איך האָב זיך זייער געשעמט מיט מיין און מיט יעדנס נאַקעטקייט, און דערפאַר פלעגט דער טאַטע מיינער נישט לייכט ביי מיר פועלן כ׳זאָל מיט אים פרייטיק מיטגיין אין באָד־אַריין זיך דורכשוויצן...

צוליב דער דאָזיקער שעמעוודיקייט און אומדרייסטקייט, וועלכע איז מיט מיר מיטגעוואַקסן פונדערהיים, האָב איך זיך אויך געפילט נישט פריי

און אומבאַקוועם — ווען עס פלעגט מיר שוין אויסקומען, אַלס דיכטער, עפנטלעך אויפצוטרעטן מיט מיינע שאַפונגען, און צווישן פובליקום — דערזען א היימישן, אַן אייגענעם...

געווען איז עס אין יאָר 1929, ווען כ׳בין געקומען פון ארץ־ישראל אויף אַ באַזוך אַהיים קיין וואַרשע. צווישן אַ גאַנצער ריי ליטעראַרישע אימפּרעזעס, וואָס זענען לכבוד מיר געוואָרן איינגעאָרדנט איבער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן — איז מיר אויסגעקומען די ערשטע ליטעראַרי־שע פאָרלעזונג צו האָבן אין לאָקאַל פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין, טלאָמאַצקע 13. אויפן דאָזיקן אָוונט האָב איך אויסער מיינע ארץ־ישראל־לידער באַשלאָסן צו לייענען אויך מיינעם אַ ציקל אינטימע לידער פונדער־היים, און כדי נישט געשטערט צו ווערן — האָב איך נישט איינגעלאַדן אפילו טאַטע־מאַמע, און בכלל געהאַלטן דעם אָוונט מיינעם, בסוד פאַר מיי־נע אייגענע. ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי: בסוד, ווייל ווי האָט עס געקאָנט זיין אַ סוד, אַז דער טאַטע מיינער האָט יעדן טאָג געלייענט דעם „היינט" און מיט אַ סך טעג פאַר מיין אָוונט געזען ווען דעם שרייענדיקע נאָטיצן און אַנאָנסן? נאָר אַז איך האָב געשוויגן — האָט דער טאַטע אויך געשוויגן, פאַרדריסלעך געשוויגן און באַשלאָסן — מיך איבעראַשן.

אויפן אָוונט, ווען כ׳בין שוין געזעסן אויף דער טריבונע און דער פאָרזיצער האָט געהאַלטן זיין דערעפנונגס־וואָרט — האָט זיך אין דער שטילקייט פון נישט־פול־באַזעצטן זאַל געעפנט די טיר און, כ׳האָב דערזען אַריינקומען טאַטע־מאַמע מיט בילעטן אין די הענט... כ׳האָב אפילו באַ־מערקט ווי דער טאַטע האָט זיך פאַרנומען גיין צו די פאָדערשטע רייען בענק און ווי די מאַמע האָט אים לייכט אַ צי־געטאָן פאַרן אַרבל, אָנגעוויזן אים אויף אַ הינטערשטער ריי און, זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

צוליב דער אומבאַקוועמער לאַגע, וואָס האָט זיך פאַר מיר געשאַפן מיט טאַטע־מאַמעס אָנוועזנהייט — האָב איך געענדערט מיין לייען־פּראָגראַם און אַראָפּגענומען פון טיש דעם צוגעגרייטן ציקל „לידער פונדערהיים". דער פאָררעדנער, וואָס האָט זיך מיטן טאַטן מיינעם שוין

געהאַט־ווען באַקענט און אים באַמערקט אַריינקומען — האָט וועגן אים געמאַכט אויפמערקזאַם דעם עולם, און דער עולם, האָט, אויסדרייענדיק זיך צום טאַטן — אים באַגריסט מיט אַפּלאָדיסמענטן. די מאַמע מיינע האָט זיך פון דער אומגעריכטער באַגריסונג פאַרלוירן און זיך טיפער אַראָפּגעזעצט, נאָר דער טאַטע האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך פאַרנייגט, און צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג — געבעטן אַ וואָרט ביים פאָרזיצער. פאַרשטייט זיך, אַז דער טאַטע מיינער האָט דאָס וואָרט באַקומען, און ער איז, באַגלייט פון אַלעמענס הייטערקייט און שפּאַנונג — מיט געלאַסענע, זיכערע טריט, אַרויף אויף דער טריבונע.

דער טאַטע האָט מיך, ראשית־כל, באַגריסט אין זיין און אין דער מאַמעס נאָמען; אויסגעדריקט זיין גרויס פאַרוואונדערונג, הלמאי דער זאַל איז נישט איבערפולט ביזן לעצטן פּלאַץ... דער טאַטע האָט נישט געוווסט אַז די לינקע זענען מיך נישט געקומען הערן, ווייל כ׳בין אַ ציוניסט, און די ציוניסטן — ווייל כ׳בין לינק — האָט ער עס פאַרענטפערט מיט דעם, וואָס די צייט איז אַ צו פּראָזאַישע, אַ חומרדיקע, נישט פאַר קיין דיכטונג און נישט פאַר קיין דיכטער; גערעדט וועגן דעם נישט לייכטן וועג, וואָס אַ יונגן שרייבער קומט אויס דורכצוגיין ביז צו אָנערקענונג, געבראַכט ראיות פון אַ סך שרייבער פאַר מיר, געבראַכט זיי אַלסביישפּיל צו דעם, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען ביז צו מיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, מיך געלויבט אַלס זון און אַלס דיכטער, איבערהויפּט — פאַר מיינע ארץ־ישראלדיקע לידער, צום סוף האָט ער אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז אויף מיינע ווייטערדיקע ליטעראַרישע אויפטריטן זאָל מען אפילו אין גענוג גרויסן זאַל פון ליטעראַן־פאַריין דאַרפן פונאַנדעררוקן די ווענט...

דעם טאַטנס צען־מינוטיקע רעדע איז פון אַלע פאַרזאַמלטע אויפגענומען געוואָרן, ווי די שענסטע, אָנגענעמסטע אַטראַקציע פונעם אָוונט.

אַז כ׳דערמאָן זיך דעם דאָזיקן אָוונט מיטן טאַטנס באַטייליקונג — טויכט אויף פאַר מיר, ווי אַן אייז־קריע, זיין שניי־ווייסער קאָפּ, און ס׳דערמאָנט זיך מיר מיין צווייטע געזעגענונג מיט אים אין יאָר 1932, ווען ער האָט אויפן פעראָן ביים צוג געוויינט ווי אַ קינד, און כליפּענדיק געזאָגט צו מיר: ווער ווייסט, ווער ווייסט צי כ׳וועל נאָך דערלעבן!...

געוועזן זענען עס די לעצטע ווערטער, וועלכע כ'האָב פון אים געהערט.

דער טאַטע האָט שוין דאָס אכזריות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה נישט אויסגעהאַלטן, און נישט דערלעבט אפילו צו שטאַרבן אין לאַנד פון זיין חלום — איז ארץ־ישראל.

אַרום מיין ליד „זאָל זיין"

יעדעס ליד ביי אַ דיכטער, ווי יעדע קינסטלערישע שאַפונג בכלל — פאַרמאָגט אַ שטיקל פאַרגעשיכטע, וואָס געהערט צום סוד היצירה, צום שאַפונגפּראָצעס, וואָס איז נישט ביי אַלעמען דער זעלביקער. פאַראַן אָבער לידער, וואָס שאַפן מיט זיך אויך אַ שטיקל נאָכגעשיכטע, איבער־הויפּט, יענע לידער, וואָס אַרויסגייענדיק פונעם דיכטערס רשות, ווערן זיי דאָס אייגנטום נישט נאָר פון אַ קליינעם אָדער גרויסן קרייז לייענער, נייערט — דאָס אייגנטום פונעם גאַנצן פאָלק, וואָס האָט אָבער אַ טבע, דאָס ליד איבערצושאַפן, מאַכן דערפון אַ פאָלקסליד, אַזוי, אַז דער אייגנטימלע־כער שעפער דערפון, דער דיכטער — זאָל זיין ליד נישט דערקענען...

אַזאַ גורל איז באַשערט־געווען מיין ליד פון בסך־הכל צוויי פיר־שורהדיקע סטראָפן א. נ. „זאָל זיין". דאָס דאָזיקע ליד, וואָס די קורצקייט דערפון איז ווי דער אויפבליק פון אַ פאַלנדיקן מעטעאָר, איז זוכה־געווען עטלעכע צענדליק יאָר — זינגענדיק אַרומצוגיין אַנאָנים צווישן יידישן פאָלק, און דורך פאַרשידענע וואַנדערונגען און פאַרוואַנדלונגען — אָפּט צוריקצוקומען צו מיר, ווי אַ קינד צו זיין פאָטער — כדי צו דער־ציילן מיר וועגן אַלע זיינע דורכגעגאַנגענע גילגולים, וואָס אַ סך פון זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ היבש ביסל קוריאָזיטעטן.

צוגעהאָלפן מיין ליד צו ווערן אַ פאָלקסליד האָט, ווי איך מיין, נישט אַזוי דער טעקסט, ווי דער מוזיקאַלישער מאָטיוו, וואָס אויך אים האָב איך אַליין געשאַפן — נישט זייענדיק קיין פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער; געשאַפן האָב איך דעם מאָטיוו צוזאַמען מיטן טעקסט — אויסזינגענדיק יעדע שורה און אפילו יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב מיט דער פען אַוועק־

געלייגט אויפן פּאַפּיר — אָן צו וויסן צי איך וועל אים געדענקען און קאָ־נען איבערזינגען נישט נאָר פאַר יענעם, נאָר פאַר מיר אַליין.

צו מיין אייגענער פאַרוווּנדערונג האָט דאָס ליד „זאָל זיין״, אַ דאַנק דעם מאָטיוו, וואָס איז פאַקטיש געווען אַ דערגענצונג צום טעקסט — געוווּנען גרויס פּאָפּולאַריטעט, אַריין, הייסט עס, אין פאָלק — אַ סך פריער איידער איך האָב דאָס ליד אָפּגעדרוקט.

דאָס שנעלע פונאַנדערטראָגן דאָס ליד מיינס, פון אויער צו אויער, האָט טאַקע צוגעהאָלפן שאַפן דעם איינדרוק, אַז דאָס ליד איז אַ געלונגע־נער „ממזר״ אָדער יתום, וואָס האָט דעם טאַטן קיינמאָל נישט געקענט...

אין די דרייסיקער יאָרן, בעת מיין באַזוך פון ארץ־ישראל קיין פּוילן, האָב איך אויף מיין טור איבער יידישע שטעט און שטעטלעך — אומעטום געהערט זינגען דאָס ליד „זאָל זיין״; געזונגען האָט עס די גאַנצע יידישע יוגנט, וואָס איז פול־געווען מיט ראָמאַנטיזם און בענקשאַפט און, אָנגעהערט צו פאַרשידענע פּאַרטייען — אָנהייבנדיק פון עקסטרעם רעכט, ביז עקסטרעם לינק; דאָס קוריאָזע דערביי איז געווען, וואָס אַ סך פון זיי האָבן ביי פאַרשידענע היימישע און אָפיציעלע געלעגנהייטן אויפגעזונגען דאָס דאָזיקע ליד מיינס, ספּעציעל פאַר מיר — כדי מיך מהנה־צו־זיין מיט אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך אוודאי אין ארץ־ישראל נישט געהערט...

בעת כ׳בין איינמאָל געזעסן אין וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַריין מיט דער שווישפּילערין וויטאַלינא פון דער ווילנער טרופּע, האָט זי מיר אויפגעזונגען דאָס ליד מיינס „זאָל זיין״ — אין דריי סטראָפן. אויף מיין פראַגע פונוואַנען עס האָט זיך גענומען צו איר דער דריטער סטראָף — בעת ביי מיר איז נישטאָ מער ווי צוויי — האָט מיר וויטאַלינא דער־קלערט גאַנץ „פשוט״: דאָס ליד איז מיר אַזוי געפעלן, אַז ס׳איז מיר גע־ווען אַ שאָד, וואָס עס איז אַזוי קורץ. נו, האָב איך אַליין צוגעשריבן נאָך אַ סטראָף...

פאָרנדיק אין יאָר 1937 קיין פּאַריז צום ערשטן יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָב איך זיך אויף דער שיף באַקענט מיט א יידיש מיידל, וואָס האָט אויפן גאַנצן וועג אַזוי פיל מאָל געזונגען „זאָל זיין״, אַז ס׳איז מיר אַזש נמאס־געוואָרן צו הערן עס... נישט וויסנדיק, אַז כ׳האָב אַ „שטיקל״

שייכות צום דאָזיקן ליד, וואָס זי זינגט — האָב איך, כדי צו טרייבן מיט איר אַ ביסל לצנות — זי איינמאָל אַ פרעג־געטאָן זי זאָל מיר זאָגן, וואָס איז דאָס פאַראַ ליד, וואָס זי האַלט אין איין זינגען.

— וואָס, איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט דאָס דאָזיקע ליד?! — האָט זי זיך געוווּנדערט — ס'איז פון איינעם פון אונדזער שטעטל...

— זייער אַ שיין ליד — האָב איך באַמערקט — כ'וואָלט עס גע־וואָלט קענען...

דאָס מיידל האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן; געהאַלטן אין מיר אין איין אַריינזינגען מיין אייגן ליד, אַזוי לאַנג ביז — זי האָט פעסטגע־שטעלט, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן איר מי, אַז כ'וועל שוין דאָס ליד קיינ־מאָל נישט קענען, ווייל כ'האָב קיין געהער נישט...

נישט איין מאָל האָט מען דאָס ליד „זאָל זיין" צוגעשריבן צו די שאַפונגען פון אַנדערע דיכטער, און נישט איין מאָל איז מיר אַליין אויסגע־קומען צו הערן, אַז דער מחבר פון „זאָל זיין" איז שוין לאַנג אויפן עולם־האמת...

פון מיין ליד „זאָל זיין" האָב איך אין ארץ־ישראל אָפּגענומען נישט ווייניק גרוסן פון אַלע לענדער ווו נאָר עס געפינען זיך יידן.

נאָך דער היטלער־מלחמה האָבן מיר יידישע רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד דערציילט, אַז זיי האָבן דאָס ליד מיינס געהערט זינגען אין די וויטסטע סיבירער אַרבעט־לאַגערן.

ווי מיר האָבן אויך דערציילט געראַטעוועטע פון די דייטשישע טויט־לאַגערן אין פוילן, האָט מען „זאָל זיין" געזונגען אפילו דאָרטן...

אין אַ פּאָסטקאַרטל, וואָס איינער האָט אין ארץ־ישראל דערהאַלטן פון ראַטנפאַרבאַנד, האָב איך געלייענט פּאָלגנדיקן זאַץ: עס איז ביי מיר, ווי עס זינגט זיך אין פּאָפּיערניקאָווס ליד „זאָל זיין": אין טרוים איז מיר העלער, אין טרוים איז מיר בעסער...

מיט די לעצטע צוויי שורות „מיר גייט נישט אין דעם איך זאָל האָבן דערגאַנגען / מיר גייט נאָר — דער גאַנג אויף אַ זוניקן וועג" — האָבן

זיך באַנוצט אויך רעדנער אויף פּאָליטישע מיטינגען און אפילו אַ ישׂראל־מיניסטער בעת אַ רעדע אין כנסת.

איך וויל באַמערקן, אַז זייער זעלטן בין איך אַליין געווען צופרידן פון הערן זינגען דאָס דאָזיקע ליד מיינס, וואָס געזונגען האָט מען עס על־פּי־רוב נישט ריכטיק, אָן די אַלע דינע ניואַנסן, וועלכע איך האָב בעתן אימפּראָוויזירן דעם מאָטיוו — אונטערגעשטראָכן און אַקצענטירט. די אַלע דינקייטן, וואָס זענען וויכטיק דעם פאָלקס־געהער — זענען פאַרלוירן־געגאַנגען איבער וועג פון מויל צו אויער און — דער מאָטיוו איז אַזוי אַרום באַנאַליזירט און פאַרפלאַכט־געוואָרן.

ביי פּראָפעסיאָנעלע זינגער און זינגערינס האָב איך נישט איינמאָל געראָטעוועט דאָס ליד מיינס פון פאַרקריפּלונג. ראַטעווען די גאַנצקייט פון אַ ליד, וואָס איז אַריין אין בלוט פון פאָלק — קאָן מען נישט.

ס׳איז אויך כדאַי צו באַמערקן, אַז פון זעקס אָדער זיבן פּרוּוון איבערצוזעצן „זאָל זיין" אויף העברעאיש — האָט זיך קיין איינע פון זיי נישט איינגעגעבן; משמעות, אַז פאָלקסטימלעכקייט לאָזט זיך בשום אופן נישט אַריבערגיסן פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער.

זאל זיין...

זאל זיין אז איך בוי אין דער לופטן מיינע שלעסער,
זאל זיין אז מיין גאט איז אין גאנצן ניטאָ, —
אין טרוים איז מיר העלער, אין טרוים איז מיר בעסער,
אין חלום — דער הימל — נאך בלויער פון בלאָ.

זאל זיין אז כ'וועל קיינמאל צום ציל ניט דערגרייכן,
זאל זיין אז מיין שיף וועט ניט קומען צום ברעג, —
מיר גייט ניט אן דאס אויב כ'וועל האבן דערגרייכט,
מיר גייט אן — דער גאנג אויף א זוניקן וועג.

י. פּאַפּיערניקאָוו

[illegible] 1924

זאָל זײַן...

טעקסט און מעלאָדיע .
י. פּאַפּיערניקאָוו

אַראַנזשירט :
א. דימאַנט



א רעדע וואס כ׳האב נישט געהאלטן אויף דער מסיבה לכבוד מיין פרעמירט ווערן

עס איז שוין קאָנווענציאָנעל אָנגענומען, אַז אויף אַ פייערונג לכבוד אַ ניי־דערשינען בוך, אָדער לכבוד אַ באַקומענער ליטעראַטור־פּרעמיע — האַלט דער שרייבער, דער בעל־שמחה, אַ צוגעגרייטע דרשה, וואָס דאַרף זיין, אַזוי צו זאָגן, דער ליטעראַרישער קרעדאָ, דער אני מאמין, וואָס גיט דעם שרייבער די געלעגנהייט אַביסל זיך אַראָפּצורעדן פון... פּאַפּיר.

איך האָב זיך לכבוד דעם יום־טוב פון מיין פּרעמירט־ווערן נישט צוגעגרייט מיט דער דאָזיקער דרשה — מחמת איך מוז רעדן אוממיטלבאַר און דירעקט עמאָציאָנירט און באַווירקט פון די, פאַר וועמען איך רעד, און — כ׳קאָן זיך דערפאַר נישט צוגרייטן מיט אַ רעדע פון היינט אויף מאָרגן. אויסער דעם — האָב איך שוין לאַנג נישט קיין אני מאמין, צו וועלכן איך רעכן אויך צו דאָס באַקומען ליטעראַטור־פּרעמיעס:

איך גלויב נישט, למשל, אַז מען גיט פּרעמיעס נאָר און דורכ־אויס פאַר שיינע, גוטע און נוצלעכע ווערק. עס ווייסן נישט, אָדער עס מאַכן זיך נישט וויסן דערפון — די נעמער פון די פּרעמיעס; עס ווייסן עס אָבער זייער גוט — די פּרעמיע־געבער...

כ׳וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף אַ היפּשער צאָל געגעבענע ליטעראַ־טור־פּרעמיעס מיט וועלכע מען האָט דיסקרעדיטירט די ליטעראַטור און באַליידיקט מיט זיי נישט איין ווערטפולן שרייבער. אוודאי זענען דאָ אויסנאַמען; אוודאי האָבן נישט ווייניק גוטע שרייבער באַקומען פּרעמיעס, און מעגלעך, אַז איך געהער אויך צו די אויסנאַמען; דאָס פאַרלייקנט אָבער נישט דעם פאַקט, אַז אַ סך פּרעמיעס ווערן פאַרטיילט פּאָליטיש און אפילו

פּערזענלעך טענדענציעז — ווי דאָס איז די ליטעראַטור און קונסט־קריטיק אין איר גרעסטער טייל.

אַ באַדייטנדיקער יידישער שרייבער וועמען איך האָב באַגריסט צו זיין פּרעמירט־ווערן האָט מיט ביטול אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און מיר געענטפערט: גלייבט מיר, אַז ס׳איז שוין גאָרנישט אַזאַ כבוד היינט צו באַקומען אַ פּרעמיע — אויב מען האָט אין דער זעלבער צייט צוגע־טיילט פּרעמיעס אויך פאַר די ווערק פון — — — ער האָט מיר אָנגערופן צוויי נעמען פון שרייבער, וואָס זענען אוודאי אַליין אויך געוואָרן שטאַרק איבעראַשט מיט זייערע פּרעמיעס...

ס׳איז אויך נישטאָ אַזאַ באַקומענע פּרעמיע, וואָס זאָל נישט האָבן הינטער זיך אַ שטיקל פאַרגעשיכטע און נאָכגעשיכטע.

די פאָרגעשיכטע מיט מיין פּרעמיע פונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס אין בראַזיל, האָט זיך אָנגעהויבן מיט העכער אַ יאָר צייט פריער איידער איך האָב זי באַקומען:

אין יאָר 1955 האָב איך פונעם דיכטער מלך ראַוויטש באַקומען צו־געשיקט מיט דער פּאָסט אַן אויסשניט פון אַ בראַזיליאַנער יידישער צייט־טונג, אַז דער יידישער קולטור־קאָנגרעס אין בראַזיל האָט אין נאָמען פון לעאָן און אַנטאָניעטאַ פּעפּער־פאָנד באַשטימט אַ פּרעמיע פאַרן בעסטן יידישן לידער־בוך פאַרן יאָר 1954 אין ישראל; אַז מלך ראַוויטש האָט מיך מיט טעלעכע טעג שפּעטער באַגעגנט אין גאַס האָט ער מיר ווידער דערמאָנט וועגן דער פּרעמיע און — מיך צוגערעדט איך זאָל צושיקן צום קולטור־קאָנגרעס מיין ארץ־ישראל־בוך „דאָס לאַנד פון צווייטן בראשית״ און — אפשר וועט גאָט העלפן!... אויף דעם האָב איך ראַוויטשן דערקלערט, אַז כ׳האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געשפּילט: נישט אין קאָרטן, נישט אין לאָטעריע־צעטלען און נישט אין ליטעראַטור־קאָנקורסן; כ׳האָב זיך פונדעסטוועגן געלאָזט פון אים צורעדן און — דאָ הייבט זיך אָן די אמתע געשיכטע:

מיט אַ קאָרג יאָר פריער איידער איך האָב באַקומען די פּרעמיע, האָט אַ פּרעמירטער שרייבער, אַ קאָלעגע, וואָס האַלט זיך אויך פאַר מיינס אַ גוטן פּערזענלעכן פריינט — מיר צוגעטראָגן בסוד־סודות די פריילעכע

בשורה, אַז איך רעפלעקטיר צו זיין אַ קאַנדידאַט אויף אַ פּרעמיע פאַר אַ יידיש ישראל־בוך, וואָס איז דערשינען אין ישראל אין יאָר 1954. פונ־וואַנען ער ווייסט עס? — זאָל איך ביי אים נישט פרעגן: אַז ער, מיין קאָלעגע און פריינט זאָגט אַז ער ווייסט — ווייסט ער! אַ סימן — ער ווייסט אפילו, אַז מיט מיין קאַנדידאַטור איז עפּעס נישט „דאָסיק״, אַז מיין גורל הענגט אויף „משקלות״ און איך דאַרף פשוט האָבן ניסים — מחמת איך בין מיט צוויי פון די דריי חברים פון דער זשורי — נישט שווה בשווה...

אויף דער דאָזיקער „גוטער בשורה״ האָב איך דעם קאָלעגע און פריינט מיינעם געענטפערט, אַז: אויב דאָס באַקומען אַ ליטעראַטור־פּרעמיע איז אָפּהענגיק פון מיין פּערזענלעכער באַציאונג צו דעם אָדער צו יענעם שרייבער און קריטיקער — האָב איך איבערהויפּט נישט קיין שום אויס־זיכטן צו באַקומען אַמאָל אַ פּרעמיע...

כ׳בין אָבער אָנגענעם איבעראַשט געוואָרן ווען כ׳האָב אויף אַן אָוונט לכבוד צוויי פּרעמירטע דיכטער (ישראל אפרת און מלך ראַוויטש) געהערט ווי איינער פון מיין זשורי — דניאל לייבעל, האָט פייערלעך אָנגעמאָלדן, אַז איך האָב באַקומען די פּרעמיע פאַר מיין בוך לידער און פּאָעמען „דאָס לאַנד פון צווייטן בראשית״.

מיין קאָלעגע און פריינט האָט אָבער אַלץ נישט אָפּגעלאָזט און געגעבן מיר אָנצוהערן, אַז דאָס האָב איך אים צו פאַרדאַנקען די פּרעמיע, וואָס מען האָט, ווי ער האָט מיר פאַרזיכערט, געוואָלט אָוועקגעבן אַ צווייטן, און דווקא אַ פּראָזאַיקער, נאָר ער, מיין פריינט, האָט זיך פאַר מיר איינגע־שטעלט, זיך אָנגענומען מיין קריוודע און — מנצח געווען...

אגב, האָט מיר אויך מלך ראַוויטש געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר ממליץ־געווען ביי דער זשורי. אַז כ׳האָב פאַר אים אויסגעדריקט מיין שטוינען, וואָס אַ ליטעראַרישע זשורי מוז זיך אויך שטיצן אויף זייטיקע המלצות, האָט ראַוויטש, וועלכער איז אין קריגן פּרעמיעס — שוין אַ גע־ניטער פּרעמיער — מיר גאַנץ „פשוט״ געענטפערט: לײדער איז עס אַזוי...

דערפאַר אָבער — איז נאָך גרעסער געווען מיין סאַטיספאַקציע, ווען אויף דער מסיבה וואָס דער יידישער ליטעראַטן־פאַריין האָט איינגע־אָרדנט לכבוד מיין פּרעמירט־ווערן, האָט דניאל לייבעל דערקלערט, אַז די

פרעמיע האָט מען מיר צוגעטיילט נישט נאָר פאַר מיין בוך „דאָס לאַנד פון צווייטן בראשית", נאָר ווייל כ'האָב זי שוין לאַנג פאַרדינט פאַר מיינע יידישע לידער פון עטלעכע צענדליק יאָר אין ארץ־ישראל.

מיין פריינט, דער שרייבער, איז אָבער נישט דער איינציקער „פריינט" מיינער, וואָס האָט זיך באמיט צו פאַרמינדערן די מאָראַלישע ווערט פון מיין פרעמיע און צו פאַרקלענערן ביי מיר די שמחה. ס'האָבן זיך אויך געפונען קאָלעגן, וואָס האָבן מיר געוווסט צו דערציילן ווער פון די שרייבער ס'איז נישט צופרידן מיט מיין באַקומענער פרעמיע און אַנטוישט פון דער זשורי מיינער, וואָס איז באַשטאַנען פון דניאל לייבעל, יחיאל האָפער און י. מ. ניימאַן ז"ל.

איך ווייס נישט אויף קלאָר, וואָס עס טוט זיך אַלץ אַרום פרעמירטע שרייבער פון דער נישט יידישער ליטעראַרישער וועלט; איך ווייס אָבער, אַז אין אייך פרט „יידלט זיך" אַרום אַ יידישער פרעמיע נישט אַזוי, ווי עס „קריסטלט זיך":

ביי אומות העולם, אַז אַ שרייבער קריגט אַ ליטעראַטור־פרעמיע קומען צו אים, חוץ שריפטלעכע און געדרוקטע באַגריסונגען — ציטונגס־רעפּאָרטערן און זשורנאַליסטן, וואָס ווילן מיט אים האָבן אינטערוויוען, הערן וואָס זאָגט ער, דער בעל הפרעמיע אַליין, וועגן דעם פּרס און וועגן זיינע ווייטערדיקע ליטעראַרישע פּלענער מיט וועלכע זיי ווילן באַקענען זייערע לייענער.

אַז אַ יידישער שרייבער באַקומט אַ פרעמיע, זענען די ערשטע, וואָס קומען אים „באַגריסן" — די בעלי חובות, וואָס ווילן פריער פאַר אַלץ וויסן וויפל עס באַטרעפט אַזאַ פרעמיע „קעש מאָני" און דער עיקר: ווען רעכנט ער צו סילוקן דעם חוב...

צו מיר זענען, וואָס אַן אמת, קיין בעלי חובות נישט געקומען, ווייל איך בין, ברוך השם, קיינעם גאָרנישט שולדיק, מחמת איך בין, נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט — נישט קרעדיט־פעיק...

פערזענלעך, זענען מיך געקומען באַגריסן: אַ פאַרלעגער, עטלע־כע פאַרמיטלער פון דירות, אַ שדכן, מיין קאָלעגע דער שרייבער וועמען

איך האָב צו „פאַרדאַנקען” די פּרעמיע, און איינער, וואָס האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט פאַר מיינס אַ גאָר שטאַרקן פאַרערער, וואָס האָט שטאַרק געוואָלט וויסן ווו איך האַלט די 250 דאָלאַר — אין באַנק אָדער ביי מיר אין האַכשטיבל...

צום אנדענק נאָך אַ גרויסן קינסטלער

פון זינט איך בין צוריקגעקומען פון מיין באַזוך אין דרום־אַפריקע (אַ געשיכטע שוין פון אַריבער פינף יאָר צייט) — טראָג איך זיך אַרום מיט אַ חוב, אַ מאָראַלישן חוב — צו דערמאָנען דעם אָנדענק פון אַ גרויסן ייִדישן קינסטלער, אַ מאָלער, וואָס געשטאַמט האָט ער פון אַ קליין שטעטל אין פוילן; בעת דער פערטער עליה — געלעבט אַ געוויסע צייט אין ארץ־ישראל, און זייער יונג געשטאָרבן פון שווינדזוכט — אין דרום־אַפריקע. געהייסן האָט ער וואָווע קיבעל.

די ארץ־ישראל־מאָלער, די וותיקים, דאַרפן דעם דאָזיקן נאָמען געדענקען — הגם, זיי האָבן, ווי איך געדענק — נישט שטאַרק געהאַלטן פון אים, מחמת קיבעל האָט נישט געהאַט זייער אַלעמענס פּנים, נאָר אַן אייגן פּנים, אַן אייגענע קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט. דערפאַר אָבער, האָבן פון קיבעלן זייער שטאַרק געהאַלטן די קונסט־מבינים און מעצענאַטן, ווי דאָס איז אין יענער צייט געווען, דער שוין־לאַנג־פאַרשטאָרבענער און גוט־באַקאַנטער ד״ר זלאַטשיסטי, וואָס פלעגט ביי קיבעלן קויפן בילדער און אים אויך פּראָטעזשירט צו ביאַליקן און צו אַ סך פּראָמינענטע פּער־זענלעכקייטן אין ישוב. גרויס אָנערקענונג האָט ער אין יענער צייט באַקומען אויך פונעם דירעקטאָר פון דער בצלאל־שולע אין ירושלים — פּראָפעסאָר שאַץ, און נאָך פריער, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל דורך ווין — די אָנערקענונג פונעם באַרימטן איטאַליענישן פּראָפעסאָר פון דער ווינער קונסט־אַקאַדעמיע — פּיק מאַריני, וואָס האָט קיבעלן מיטגעגעבן אַ זייער וואַרעמען רעקאָמענדאַציע־בריוו צום פּראָפ. שאַץ.

נאָר לאָמיך דערציילן וועגן קיבעלן דאָס, וואָס איך ווייס וועגן אים,

אָנהייבנדיק פון מיין ערשטן מאָל זען אים אין וואַרשע, ביז צו זיין געזעגענען זיך מיט מיר בעת זיין פאַרלאָזן ארץ־ישראל.

אין יאָר 1924, האַרט פאַר מיין פאַרלאָזן פוילן, האָט זיך, ווינטער, אין אַ פּראַקטיקער מיטאָג־שעה געעפנט די טיר פון וואַרשעווער ידישן ליטעראַטן־פאַריין טלאָמאַצקע 13, און ס׳האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ גע־פרוירן דאַר בחורל מיט אַ יידיש טוכן היטעלע און מיט אַ לייכט קאַפּאָטקע־לע מיט אַן אויפגעשטעלט קעלנערל. דאָס איינציקע וואָס האָט אים געשיצט פאַר קעלט, איז געווען אַ גראָבער שאַל פאַרוואָרפן עטלעכע מאָל אַרום זיין הויכן האַלדז, אַזוי, אַז מען האָט פון זיין לענגלעך פּנים אַרויסגעזען נאָר אַ געפרוירענע נאָז מיט אַ פּאָר קינדיש־בלאָע, נאָר ערנסטע אויגן. אויף דער פראַגע, וועמען ער זוכט, האָט דאָס בחורל נישט געענטפערט, נאָר אַ פאַר־געטאָן מיט די בלאָע אויגן איבער די קעפּ פון די, וואָס זענען געזעסן איבערן לאַנגן זאַל און געגעסן מיטאָג, און — ווי זיך אַליין געענטפערט: דער, וועמען איך זוך, איז נישטאָ.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך, אַריינקומענדיק אין ליטע־ראַטן־פאַריין געטראָפן דאָס זעלבע בחורל זיצן מיטן באַוווסטן מאָלער פעליקס פרידמאַן, וועמען ער האָט געוויזן זיינע ערשטע קינסטלערישע אַרבעטן. נאָך זיין אַוועקגיין האָט פעליקס פרידמאַן געמאַכט וועגן אים אויפמערקזאַם די שרייבער — אויף אַ נייעם פיל־צוזאָגנדיקן מאָלער.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין יאָר 1926, האָב איך, צו מיין גרויס איבעראַשונג, אומגעריכט געטראָפן דאָס זעלבע בחורל אין תל־אביב; ער האָט שוין נישט געטראָגן דאָס קאַפּאָטקעלע און אויך נישט דאָס „יידישע" היטעלע; אויסגעזען העכער, שלאַנקער, געהאַט אַ העל־בלאָנדע פּאַטלע האָר ביז הינטער די אויערן, קוים־באַמערקבאַר־העלע וואָנסעלעך און אַ דין שפּיציק ראַפּאַעל־בערדעלע, וואָס האָט דעם פאַרדעכטיק־בלאַסן שמאָלן פּנים זיינעם צוגעגעבן עפּעס אַסקעטישס, און געמאַכט אים ענלעך צום נאָך זייער יונגן קריסטוס...

כ׳האָב אים דערקענט און אָפּגעשטעלט, דערמאָנט אים ווו איך האָב אים געזען אין וואַרשע, און ווי ער הייסט, און — ס׳האָט זיך צווישן אונדז

איינגעשטעלט אַ גרויסע פריינטשאַפט, וואָס האָט אונדז אַפילו צונויפגע־פירט ווינען אַ געוויסע צייט צוזאַמען אין איין צימער.

אין שייכות מיט קיבעלס כאַפּן דעם אָנבליק פון קריסטוסן, איז כדאי צו באַמערקן, אַז „קריסטוס" איז אין יענער צייט געווען די טעמע פאַר זיינע זייער אַ סך־וואַריאירטע שוואַרץ־ווייס־צייכענונגען; דערקעגן צו זיינע קריסטוס־מאָטיוון, האָט ער זייער אַ סך געצייכנט יידישע לוויות, וואָס האָבן זיך אונטער שווער־פאַרכמאַרעטע הימלען געשלעפּט אין טיפע בלאָטעס פון טרויעריק־פאַרזונקענע אָרעמע יידישע שטעטלעך אין פוילן...

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט קיבעל גענומען מאָלן פּייזאַזשן און „שטילע לעבנס" צווישן וועלכע עס האָבן זיך, באַזונדערס, אויסגעצייכנט זיינע אַקוואַרעלן. ביזן היינטיקן טאָג איז ביי מיר געבליבן דער רושם פון זיינס אַן אַקוואַרעל אַ „שטיל לעבן", וואָס איז געווען זייער אָריגינעל און טיף פאַרטראַכט: אַ טיף צעאַקערט פעלד, און אויף אַ גרודע שוואַרצער ערד — אַ גראָער שאַרבן פון אַ מענטשלעכן קאָפּ, וואָס דער אַקער האָט אַרויסגעוואָרפן...

עס איז שווער צו זאָגן אַן וועלכער שול קיבעל האָט זיך געהאַלטן, אַז בסך־הכל האָט ער, אויף וויפל איך געדענק — איבערהויפּט נישט מיטגעמאַכט קיין קונסט־אַקאַדעמיעס און געקומען צו דער מאָלעריי כמעט אַ רייפער, אַ פאַרטיקער; געקומען מיט אַן אייגן קינסטלערישער פּיזיאָ־נאָמיע, וואָס האָט זיך פּרי אויסגעקלאָרט און אויסקריסטאַליזירט, און באַקומען אַלע גוטע אַטריבוטן, וואָס האָבן דערמאָנט אַן די טראַדיציעס פון די גרויסע מאָלער, די קלאַסיקער מיט זייער מייסטערשאַפט, אויסדויער און דויער. ס׳איז גענוג געווען זען בלויז קיבעלס איילבילד, וואָס האָט: אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, געהייסן „וויבער אַרום אַן אייוועלע" — מען זאָל דערזען די גרויסקייט פון זיין טאַלאַנט.

קיבעל איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער און אינטערעסאַנטער מאָלער, ניירעט, אויך אַן אינטערעסאַנטער מענטש מיט וועמען ס׳איז גע־ווען אַ גרויס גייסטיק פאַרגעניגן צו שמועסן און צו הערן רעדן, כאָטש בדרך־כלל, איז ער געווען אַ קנאַפּער רעדער, מען קאָן אפילו זאָגן: אַ גרויסער שוייגער און קלוגער מיטשווייגער...

אינטערעסאַנט איז, אַז אין היפּוך צום רוב מאָלער, וואָס אויסער וועגן מאָלעריי, האָבן זיי, דאַכט זיך, נישט וועגן וואָס צו רעדן — האָט קיבעל זעלטן־ווען גערעדט וועגן מאָלעריי און, גרייט־געווען שטענדיק צו רעדן וועגן ליטעראַטור, וואָס ער האָט זייער גוט געקאָנט, און נאָך מער — וועגן מוזיק, וואָס ער האָט זייער ליב־געהאַט און איז געגאַנגען אפילו הערן פּריוואַטע פּלאַטן־קאָנצערטן צו וועלכע ער פלעגט מיך אויך איינלאַדן צו גיין מיט אים.

אַז כ׳בין אין יאָר 1951 געקומען אויף אַ באַזוך קיין דרום־אַפריקע, האָב איך געהאַט באַשלאָסן אומבאַדינג זיך צו זען מיט קיבעלס אַ ברודער, אַ תּושב אין קייפּטאָן, און — באַזוכן דעם קבר פון קיבעלן, דעם מאָלער. צו מיין גרויס באַדויערן, האָט זיך אָבער זיין ברודער מיט דער גאַנצער משפּחה נישט געפונען דאָ אין קייפּטאָן — ווען מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן די דאָזיקע שטאָט. ס׳האָט מיר אויך קיינער נישט געוווּסט צו זאָגן אויף וועלכן בית־עולם קיבעל ליגט; מען האָט מיר נאָר געוווּסט צו זאָגן, אַז דעם מאָלערס פרוי מיט די קינדער האָבן, נישט לאַנג נאָך זיין טויט, פאַרלאָזט דרום־אַפריקע און זיך באַזעצט אין אַמעריקע; ווי עס האָט זיך אָבער אין אַ צייט אַרום אַרויסגעוויזן, איז די דאָזיקע אינפאָרמאַציע געווען אַ נישט ריכטיקע; דערוווּסט דערפון, האָב איך זיך ערשט נאָך מיין אומקערן זיך צוריק אין ארץ־ישראל.

שפּאַצירנדיק איינמאָל איבער די קייפּטאָנער גאַסן, האָב איך אין אַ גרויס שויפענצטער פון אַן אַנטיקוואַר דערזען אַן איילבילד אין מיניאַ־טור, איינגערעמט אין אַ גראָ טיף רעמל; צוליב דעם, וואָס דאָס בילדל איז געהאַנגען זייער הויך און אין סאַמע ווינקל, האָב איך נישט געזען איבערצולייענען די אונטערשריפט פונעם מאָלער; דער שטילער חלום־בלאָער טאָן פונעם געמעל האָט מיר אָבער אויסגעזען צו זיין זייער באַקאַנט און — כ׳בין גרייט־געווען צו שווערן, אַז דער מאָלער דערפון איז קיבעל; אַ נייגעריקער בין איך אַריין אין געשעפט אַ פרעג־טאָן ביים אַנטיקוואַר, און — קיין טעות נישט געהאַט; דער אַנטיקוואַר, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אויך אַ קונסט־מבין, — האָט וועגן קיבעלן געהאַט אַ פול מויל מיט לויב,

און מיר געוויזן קיבעלס נאָך עטלעכע בילדער: די איינציקע לעבעדיקע שפּורן, וואָס איך האָב געפונען נאָך אים אין דרום־אַפריקע.

שוין זייענדיק צוריק אין ישראל איז מיר אומגעריכט ווידער אונטערגעקומען קיבעלס נאָמען; קיבעל — נישט אונטער זיינע בילדער, נאָר אין אַן אַרטיקל פונעם גוט־באַקאַנטן יידיש־אַפריקאַנער קונסט־קריטיקער ד״ר יוסף סאַקס. אין אַן אַרטיקל „יידישע קינסטלער אין דרום־אַפריקע״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אינעם אַפריקאַנער יידישן חודש־זשורנאַל „דרום־אַפריקע״, שרייבט ד״ר סאַקס וועגן קיבעלן:

„קיבעל איז געווען אַ גאון אין באַצוג צו פאַרעם, פאַרב און אומענדלעכקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַלץ — אויסער יאָרן. ער האָט פאַרקערפּערט אַלץ, וואָס איז געווען דאָס בעסטע אין דער מאָדערנער מאָלעריי. ער איז געווען סעזאַן, מאַטיס און פּיקאַסאָ — אַלץ צונויפגענומען אין איינעם. ער האָט נאָר נישט געלעבט גענוג, כדי צו ווערן קיבעל״...

אומגעקומענע יידישע פען-מענטשן

(ש ט ר י כ ן)

*

נוראדיק גרויס איז די צאָל יידישע פען־מענטשן, וואָס זענען אומגעקומען אין די גאַזאויוונס, קרעמאַטאָריעס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אויף קידוש־השם — אין די פּאַרטיזאַנער־מחנות און אין אויפשטאַנדן אין די געטאָס; מוראדיק גרויס איז זייער צאָל — אַז איין מענטש זאָל וועגן זיי אַלעמען קאָנען שרייבן, און אַזוי אַרום — צונויפשטעלן אַ שרייבער־יזכור־בוך, אַ לעקסיקאָן אַזאַ, וואָס זאָל אַריינעמען אויך די אומגעקומענע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד.

מיט מיינע קורצע פאַרצייכענונגען וועגן אַ טייל אומגעקומענע פּאָעטן, בעלעטריסטן און פּובליציסטן, האָב איך זיך געשטעלט פאַר אַ חוב, מיט איינציקע כאַראַקטער־שטריכן צו דערמאָנען, ראשית כל, די יעניקע מיט וועלכע איך בין, חוץ קאָלעגיאַל — געווען אויך פּערזענלעך באַפריינדעט און געקענט זיי נענטער; דערמאָנען אויך יענע מיט וועלכע איך האָב זיך ווען־עס־איז דירעקט אָדער אומדירעקט באַגעגנט און אפילו זיך אָנגעשטויסן אָן זיי מיט די עלנבויגנס... און אויך דערמאָנען אַזעלכע, וואָס צוליב סיבות וועגן וועלכע עס איז נישט דאָ דאָס אָרט צו רעדן — זענען זיי ביים לעבן געווען אינגאַנצן אָדער כמעט אומבאַקאַנט נישט נאָר פאַר די לייענער, נאָר אויך פאַר אַ סך שרייבער...

י. פּ.

שמואל יעקב אימבער

נישט איינעם האָט שוין אוודאי נישט איינמאָל געטראָפן, אַז ער האָט פּלוצלינג פאַרגעסן דעם נאָמען פון אַ זייער פּאָפּולערן מענטש, אַזאַ, וואָס מען קאָן אים, דאַכט זיך, געדענקען אפילו אינמיטן שלאָף. ס׳ערגסטע דערביי איז, וואָס פאַרגעסן פאַרגעסט מען אַ נאָמען, על־פּי־רוב טאַקע, ווען מען דאַרף אים דערמאָנען און, אין זייער פיל פאַלן — ווען איר שטייט מיטן נאָמען־טרעגער אַליין און, איר האַלט די פּען גרייט, לאָמיר זאָגן, צו געבן דעם אויטאָגראַף אויפן בוך אייערן און, צו אלדע רוחות! — איז אייך דער נאָמען זיינער אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ, ווי אַ פויגל פון שטייג; פרעגן ווידער ביי יענעם: ווי איז אייער נאָמען — קאָנט איר נישט און, ס׳איז אייך (ווען ס׳זאָל זיך עפענען אַ גרוב אונטער זיך) — נאָר אַריינצוּוואַרפן זיך אין אים פאַר בושה...

אין אַזאַ סיטואַציע האָב איך זיך געפונען בעת מיין ערשטער באַגעגעניש מיט שמואל יעקב אימבער, וועמענס נאָמען איך האָב יאָרן לאַנג געדענקט צוליב דער שטאַרקער הנאה, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט פון זיין שיינער לירישער פּאָעמע „אסתרקע״.

געווען איז עס אין יאָר 1930, אין וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַרייַן טלאָמאַצקע 13.

איינמאָל, בעת כ׳בין אַריין אין קאַנצעלאַריע פון פאַריין, האָב איך דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון פאַריין, דעם דיכטער מלך ראַוויטש, געטראָפן זיצן מיט אַ שלאַנקן שוואַרץ־געקליידעטן, פּעדאַנטיש־ריינעם גוט־ראַזירטן און שטייף־פאַרקעמטן מיטל־יאָריקן מאַן, וועלכער האָט בעת מיין אַריינקומען, איך ווייס נישט פאַרוואָס, זיך אויפגעשטעלט, אָפּגערוקט זיך פון קאַנצעלאַריע־־טיש און, מיט יעדער באַוועגונג זיינער, אַרויסגעוויזן אַזאַ

אייראָפּעאישע האַלטונג, וואָס אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פּאַריין איז מען דערצו נישט שטאַרק געוווינט־געווען...

— זייט באַקאַנט, דאָס איז אימבער, — האָט מיר ראַוויטש פאַרגעשטעלט אים און, אימבער האָט מיר דערלאַנגט אַ דינע איידעלע האַנט פון אַ ווייסן מאַנזשעט אַרויס. היות, איך האָב גראָד געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ פּעקל עקזעמפּלאַרן פון מיינס אַ נאַר־וואָס דערשינענעם ביכל לידער, האָב איך שוין פאַר־איין־וועגס געוואָלט לכבוד מיין באַקענען זיך מיט אים, אים אונטערטראָגן מיין ביכל אַ מתנה — האָב איך אַרויסגענומען אַן עקזעמפּלאַר, געעפנט דאָס שער־בלאַט, געוואָלט עפּעס אַריינשרייבן און — געבליבן שטיין מיט דער פען אין האַנט און, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַקוראַט, ווי די ערד וואָלט זיך אונטער מיר אַראָפּגעזעצט און איך וואָלט געזונקען פאַר פאַרדראָס און בושה, וואָס כ׳האָב מיט איינמאָל פאַרגעסן אימבערס אַזוי גוט־באַקאַנטע פאָרנעמען: שמואל יעקב. אַנשטאָט אַרויסצונעמען מיך פון גרויס פאַרלעגנהייט, האָט מיר אימבער אַ זאָג־געטאָן אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן: אַז איר ווייסט נישט ווי איך הייס, וויל איך פון אייך קיין ביכל נישט!... אימבערס זאָג איז מיר אַריין אין דער „זיבעטער ריפּ״ און כ׳האָב אים שטעכיק בייז געענטפערט: אייער נאָמען האָב איך פאַרגעסן, נאָר אַז איר זענט אַ „גאַליציאַנער״ — געדענק איך... אָפּזאָגנדיק דעם דאָזיקן פּסוק, האָב איך אַ באַליידיקטער און אַ ברוגזער געלאָזט זיך צו דער טיר, וועלכע כ׳וואָלט זיכער געטאָן פאַר כעס אַ זעץ הינטער זיך — ווען ס׳וואָלטן מיט איינמאָל, שוין האַלטנדיק די האַנט אויף דער קלאַמקע — נישט געווען אויפגעבליצט אין מיין זכרון אימבערס צוויי פאָרנעמען: שמואל יעקב... שנעל, ווי כ׳וואָלט מורא־געהאַט איך זאָל זיי ווידער פאַרגעסן — האָב איך זיך אומגעקערט אויף צוריק, צוגעגאַנגען צום קאַנצעלאַריע־טיש, שטייענדיקערהייט אַריינגעשריבן אין מיין לידערזאַמלונג מיין אויטאָגראַף פאַר אימבערן און, מיט אַ דערלייכטערונג אין מיין שווער געפיל — דערלאַנגט עס אים.

אימבער האָט מיט האַנק צוגענומען מיין מתנה, באַדויערט דעם אינצידענט, מיר מוחל געווען מיין שלעכטן זכרון און, אַלע דריי האָבן מיר זיך האַרציק צעלאַכט פון דעם געשעענעם קוריאָז.

אהרן בעקערמאַן

פאַראַן מענטשן וואָס געווינען צוטרוי מיטן כוח פון גרויס פשטות און וואַרעמער פאָלקסטימלעכקייט, און מאַכן היימיש און נאָענט צו זיך פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט זיי.

אַזאַ איז געווען דער ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט אהרן בעקערמאַן.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים אין וואַרשע, דאַכט זיך אין יאָר 1921/22, אויף דזשיקע גאַס, אין דער קליינער בוכהאַנדלונג פון גאָלדפאַרב־פאַרלאַג. דערהערט פון גאָלדפאַרבן מיין נאָמען — האָט זיך בעקערמאַן אויסגעדרייט צו מיר מיטן פנים, און ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, וואָס מען האָט נישט דערקענט — פאַרחידושט אַ פרעג־געטאָן: דאָס זענט איר, פאַפּיערניקאָוו?! פאַרוואָס־זשע שוויגט איר? נאָט אייך שלום־עליכם! און — בעקערמאַן האָט מיר דערלאַנגט אַ קורצע, גרעבלעכע האַנט, וואָס האָט זיך געפּאַסט צו זיין מיטלוווּקסיקער פיגור מיטן פולן רונדן פנים, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר העלע גוטמוטיקע אויגן.

ווען מיר זענען אַרויס צוזאַמען פון גאָלדפאַרבן, האָב איך בעקער־מאַנען נישט געקאָנט דעריאָגן סיי אין גאַנג און סיי אין רעדן. גערעדט האָט ער וועגן ווייסנבערגן וואָס איז דאַמאָלט געווען דער אָפּטער העלד פון טאָג ביי דער יידישער שרייבער־משפחה אין פוילן. בעקערמאַן האָט, ווי איך, געהאַלטן, אַז ווייסנבערגס מלחמה קעגן די אומבאַרופענע און זעלבסט־געקרוינטע אין דער ליטעראַטור — איז אַ גערעכטע, נאָר אַן אומגעלומ־פּערטע, און ער האָט צוליב סאָלידאַריטעט — צוגעזאָגט ווייסנבערגן מיט־צואַרבעטן אין זיינע ליטעראַרישע אויסגאַבן.

ביי ווייסנבערגן אין שטוב האָב איך בעקערמאַנען קיינמאָל נישט געטראָפֿן. ער האָט זיך כמעט נישט געוויזן אויך אין ליטעראַטן־פֿאַריין אויף טלאָמאַצקע 13. נאָך עטלעכע צופעליקע באַגעגענישן מיט אים אין וואַרשע, האָב איך נאָך אַן איבעררייס פון אַ פופצן־זעכצן יאָר, זיך געטראָפֿן מיט אים אויפֿן ערשטן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז; געטראָפֿן זיך מיט אים אויף קולטור־באַראַטונגען, ליטעראַרישע אימפּרעזעס און אויף מסיבות פון דער פּאַריזער לינקער שרייבער־גרופּע. ווי דאָס ערשטע מאָל אין וואַר־שע — אַזוי האָב איך אים אויך אין פּאַריז געזען אַ רירעוודיקן, אַ שעפע־רישן, פול מיט ליטעראַרישע פּלענער און — מיט דאגות־פּרנסה פאַר ווייב און קינד. ווענען ער איז געווען זייער איבערגעגעבן.

געווען איז עס אין יאָר 1937.

בעקערמאַן איז אויסער אַ שרייבער, געווען פון פאַך אַ בייטלמאַכער, אויף פראַנצויזיש לשון אַ „מאריקאָנער", אַן אַרבעטער, וואָס האָט געגעסן, ווי מען זאָגט עס: דאָס ברויט פון זיין שוויס; געפירט אַ באַשיידן, שטיל און ריין פאַמיליעלעבן, וואָס איז אכזריותדיק געוואָרן איבערגעריסן — מיטן אַריינמאַרש פון די נאַציס אין פראַנקרייך.

נאָך בעקערמאַנען זענען, אויסער די דערשינענע מאָנאָגראַפיעס איבער דאָסטאָיעווסקין, אַנאַטאָל פראַנס און ברוך גלאַזמאַן — געבליבן אַ סך נישט פאַרעפנטלעכטע כתבים, און צווישן זיי — אַן אויסגעגראַבענער כתב־יד פון זיינס אַ טאָגבוך, וואָס ער האָט געשריבן פונעם ערשטן טאָג ביי די נאַציס אין פראַנקרייך, און געענדיקט — אין אוישוויץ, ווו ער איז אומגעקומען.

ברוך געלמאַן

דער יונגסטער פון דער גאַנצער וואַרשעווער פּלעיאַדע דיכטער פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געווען ברוך געלמאַן, וואָס איז פון אַ קליין שטעטעלע, האַרט ביי ירושלים דליטא — געקומען, ווי אַ סך „יונגע" פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך — פּרוּוון דאָס „מזל" אינעם גרויסן וואַרשעווער יידישן קולטור־צענטער.

געווען איז געלמאַן הויך און דאַר, מיט אַ בלאַס אויסגעצויגן פּנים און מיט באַברילטע מוטנע אויגן, געהאַט, ווי דאָס רוב „יונגע" דאַמאָלט — אַ פּאַטלע קינדיש ווייך־צעפּלויגענע שאַטינע האָר. און אויסגעזען האָט ער, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין וואַקסן און אַרויסוואַקסן פון די מלבושים, וואָס זענען אים תמיד געווען צו קורץ... גערעדט, האָט געלמאַן, נישט אויפן קול, נאָר איינגעהאַלטן, שטיל און אָנגעבויגן צו יענעמס אויער, ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד, געהאַט אַ הוש פאַר דינעם הומאָר און פלעגט זיך פאַרויטלען פון אַן איבערגעזאָלצענעם וויץ, וואָס ער האָט געהערט אָדער דערציילט...

שטילקייט, דינקייט און סובטעלקייט זענען געווען ברוך געלמאַנס כאַראַקטער־אייגנשאַפטן — נישט נאָר אין לעבן, נאָר אויך אין זיין שאַפן. איך געדענק נישט נאָך אַ דיכטער אין יענער פּלעיאַדע, וואָס זאָל האָבן אין זיינע לידער געהאַט אַזאַ ריינעם, נישט געפּעלשטן טאָן — ווי דאָס האָט געהאַט ברוך געלמאַן, אפילו אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע אַרבעטערלידער אין וועלכע ער דערציילט מיט זיין דינעם הומאָר, וועגן זיין טרויעריקער יוגנט, ווען ער איז נאָך אַלס קליין יינגל, געווען געצווונגען צו געפינען דורך אַרבעט, זיין טעגלעך ביסל עסן, און אַלס לערניינגל (ביי אַ טאָקער,

דאַכט זיך) — געטאָן ביים באַלעבאָס יעדע שמוציקע שטובאַרבעט און אפילו געניאַנטשעט זיינע קינדער. אין די דאָזיקע לידער איז געלעגן אַזוי־פיל נאַקעטער אמת און פשטות, אַז מען האָט געלמאַנען נישט געקאָנט מיט זיי צושרייבן צו יענע דיכטער, וואָס האָבן אין יענער צייט פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען — געשריבן אויף סאָציאַלער באַשטעלונג.

ברוך געלמאַן האָט אין וואַרשע אָנגעהערט צו דער שרייבערגרופּע ביים „בונד״. איך ווייס נישט צי ער האָט זיך געהאַלטן ביים „בונד״ צוליב אידעאָלאָגישער איבערצייגונג אָדער צוליב דאַנקבאַרקייט צו די בונדישע רעדאַקטאָרן, וואָס האָבן, קאָן זיין, די ערשטע געעפנט פאַר אים די טירן פון זייערע רעדאַקציעס, און די ערשטע — געדרוקט זיינע לידער. איך ווייס נאָר, אַז ביז היטלערס מערדערישן איבערפאַל אויף פּוילן, האָבן זיך געלמאַנס לידער געדרוקט נאָר אין די בונדישע אויסגאַבעס. עס איז מיר דערפאַר אַ גרויס וווּנדער, וואָס איך האָב דעם נאָמען ברוך געלמאַן נישט געפונען דערמאָנט אפילו אין קיין איין בונדישער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען בעת און נאָך דער מלחמה.

קאַפּל דוא

אין מיינע בלעטלעך זכרונות האָב איך אין קאַפּיטל וועגן מיין ערשטער ליטעראַרישער סביבה, דערמאָנט דעם נאָמען קאַפּל דואַ, ווי דעם רעדאַקטאָר פון מיינע ערשטע לידער אין אַ געשריבענעם חודש־העפט פון אַ יונג־ליטעראַרישן קרייז, פון וועלכן ער איז געווען דער גייסטיקער פירער.

צוליב דעם וואָס מיר קומט אויס צו דערמאַנען איצט זיין נאָמען, ווי דעם נאָמען פון אַ קדוש, ווי איינעם פון דער גרויסער צאָל אומגעקומענע יידישע שרייבער אין פוילן — ווילט זיך מיר, ווי אַ גוטער חבר און „שלעכטער תלמיד" זיינער — אויפלעבן אין זכרון דאָס בילד פון אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט, און באַקענען אים אויך מיט די, וועמען ער איז ווייניק אָדער גאָרנישט באַקאַנט.

אין צווייטן יאָר פונעם ערשטן וועלטקריג, ווען כ'האָב אין בוזעם־קעשענע געוואַרעמט מיינע ערשטע „נאַדסאָנישע" לידער — האָט שמואל ווולמאַן, וועגן וועמען איך שרייב אין אַ שפּעטערדיק קאַפּיטל — געזאָגט מיר, אַז ער וויל מיך באַקענען מיט אַ זייער אינטערעסאַנטן און אָריגינעלן בחור, אַ יונגן שרייבער פון וועמען איך וועל קאָנען עפּעס לערנען, ווייל ער ווייסט זייער פיל, איז באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור און, הייסט: קאַפּל דואַ.

אין אַ וואָכעדיקן זומער־פאַרמיטאָג איז ווולמאַן אַוועק מיט מיר אויף דער יידיש־רעשיקער דזשיקע גאַס נומער 21, און אין הויף, אויף אַן

ערשטן שטאָק — אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, וואָס געעפנט האָט זי, אַ מיטל־יאָריקע פאַרעלטערטע פרוי מיט אַ מאַט און מיד פּנים, און מיט שוואַרצע טיפע נערוועז־לויפנדיקע אויגן אין וועלכע עס איז געלעגן אַ ים מיט סבלנות, מאַמעשן צער און ווייטיק. די פרוי האָט מיט אַ לייכטער האַנט־באַוועגונג אָנגעוויזן אונדז מיר זאָלן אַריינגיין אין צימער, און אַליין איז זי אַריין און פאַרמאַכט זיך אין קיך.

געווען איז די פרוי — די מוטער פון קאָפּל דוא.

אינעם זייער באַשיידענעם, אָבער זייער ריין־געהאַלטענעם צימער, וואָס איז פול־געווען מיט בלענדיקער זוניקייט פונעם אָפענעם נישט פאַר־האַנגענעם פענצטער — האָבן מיר, טראָץ דער שפּעטער שעה, געטראָפן ליגן נאָך אין בעט, אַרומגעלייגט מיט ביכער און צייטונגען — אַ שוואַרצן בחור מיט אַ נעגעריש־געקרויזטן קאָפּ און פייערדיקע שוואַרצע אויגן פון אַ ברייט מוסקולירט פּנים, וואָס האָט אין דער זון געגלאַנצט ווי אַן אָקסי־דירטע מעטאַלענע מאַסקע. בעת מיר זענען אַריינגעקומען האָט זיך דער בחור אויפגעזעצט, געטאָן אַ גוט־ברודערישן שאָקל מיטן קאָפּ צו וואָלמאַ־נען, און מיר, אַ פּנים חדשות — אויסגעשטרעקט אַ האַנט פון וועלכער כ׳האָב דערפילט נישט קיין וואַרעמקייט, נאָר כוח...

געווען איז דער דאָזיקער בחור — קאָפּל דוא.

עס זענען נישט אָפּגעלאָפן קיין פופצן מינוט פון אונדזער באַזוך ביי אים, איז שוין קאָפּל דוא געווען אין פולן ברען פון אַ שמועס מיט וואָלמאַ־נען איבער ליטעראַטור און קונסט. גענוי וועגן וואָס ער האָט גערעדט, געדענק איך נישט; איך געדענק נאָר, ווי ער האָט זיך שטאַרק געהיצט, געבליצט מיט די אויגן, נערוועז געצויגן און געבראָכן זיך די פינגער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין קנאַקן... און בעתן רעדן — זייער פיל מאָל זיך פאַררופן אויף דאָסטאָיעווסקין, טאָלסטאָיען, וואַגנערן, בעטהאָווענען, און מער ווי אויף אַלעמען — אויף אָסקאַר וואָיילדן.

פון דער גאַנצער דיסקוסיע זיינער, מיט וואָלמאַנען, איז מיר בלויז קלאָר־געוואָרן, אַז דאָס איז אַ המשך פון אַ דיסקוסיע, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט פאַרענדיקט און — אַז קאָפּל דוא איז אַ ראָמאַנטיקער, וואָס פאַר־טיידיקט אין דער קונסט דעם ראָמאַנטיזם, די קונסט לשם קונסט. היות

איך בין קיינמאָל נישט געווען לייכט אויף רעדן און אויף אַריינלאָזן זיך אין אַ וויכוח — בין איך די גאַנצע צייט געזעסן און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. נאָר פּלוצלינג איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך מיט איינמאָל אָפּגעריסן פון זייער וויכוח און פאַרכאַפּט מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט צו אַ גרויליק און נישט ווייניק אומעסטעטיש בילד: אינמיטן היצן זיך, האָט זיך קאַפּל דוא ראַפּטום אַנגעבויגן, און פון צווישן בעט און וואַנט — אַפּערגענומען איינע נאָך דער אַנדערער — צוויי לעדערנע פּיס־פּראָטעזעס באַשלאָגענע מיט שטאָל און אַדורכגעצויגענע מיט שנורן דורך צוויי רייען לעכלעך... אַוועקגעלייגט די פּראָטעזעס אויפן בעט, האָט ער פון אונטער זיין צודעק אַפּערגעצויגן צוויי נאַקעטע דאַרע אויסגעקרומטע טויטע פיס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי צוויי אָפּגעשיילטע פאַרקריפּלטע צווייגן... קאַפּל דוא האָט אויף די צוויי אויסגעדרייטע פיס־ביינער אַרויפגעצויגן די פּראָטעזעס, זיי קראַמפּהאַפטיק צוגעשנורט און פאַרבונדן, אַרויפגעצויגן איבער זיי די הויזן, און אַראָפּגייענדיק פון בעט — זיך געלאָזט גיין איבערן צימער — מיט דער לאַסט פון זיין גוט־אַנטוויקלטן האַלבן קערפּער, וואָס האָט זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט אַנגעשפּאַרט אָן אַ שטעקן מיט אַ גומענער סקיפּקע, און אינדערקרום — זיך געוויגט אויף די צוויי פּיס־מאַשינקעס, וואָס האָבן כסדר אונטערגעקרעכצט...

נאָך מיין ערשטן באַזוך ביי קאַפּל דוא, בין איך אַ לאַנגע צייט געווען אונטערן פיינלעכן איינדרוק פונעם דאָזיקן בילד צו וועלכן ווולמאַן האָט מיך משמעות, געהאַט פאַרגעסן צוצוגרייטן...

ווי איך האָב שוין דערמאַנט אין „מיין ערשטע ליטעראַרישע סביבה", איז דער נאָמען קאַפּל דוא געבליבן פאַר דער יידישער ליטעראַטור כמעט אומבאַקאַנט — מחמת, ער האָט קיינמאָל קיין זאַמלונג פון זיינע דערציילונגען און עסייען נישט אַרויסגעגעבן, און בכלל זיך ווייניק געדרוקט, נישט צוליב באַשיידנקייט, נאָר צוליב דער אַמביציע אַליין צו ווערן אַ ליטעראַרישער רעדאַקטאָר און פוסק, נישט בלויז פאַר אַ יונגן קרייז אָנפאַנגער, נאָר אויך פאַר שרייבער דערוואַקסענע, און דערפאַר — אויסגעמיטן די רעדאַקטאַרישע שער אָדער „מעסער" פון אַנדערע...

פונדעסטוועגן איז דער נאָמען קאַפּל דוא, דער שפּעטערדיקער

איבערזעצער און אַרויסגעבער פון דער „גראַשן־ביבליאָטעק", אונטערן נאָמען קאַפּלמאַן — געווען זייער גוט באַקאַנט ביי דער יידישער אַרבעטער־אינטעליגענץ פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּעריפעריע, און שפּעטער — אין די יידישע קאָמוניסטישע קרייזן. די פּאָפּולאַריטעט זיינע האָט זיך קאַפּל דואַ דערוואָרבן נישט ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ שיינרעדנער, ריכטיקער: שיינרעדער און אינטעלעקטועלער, גייסטרייכער, שמועסער מיט מענטשן פון זיין אינטעלעקטועלן קרייז פאַרערער פון זיינע בליצאַרטיקע, אָריגי־נעלע און נישט ווייניק סאָפּיסטישע און פּאַראַדאָקסאַלע געדאַנקען איבער פילאָזאָפיע, קונסט און לעבן; געדאַנקען געוואָרפענע ווי פייערווערק „אַלאַ" אָסקאַר אואיילד, פון וועמען ער איז געווען שטאַרק באַווירקט און, גע־שריבן דערפאַר אָסקאַר אואיילדישע מעשהלעך.

פאַרשטייט זיך, אַז קאַפּל דואַ דער ראָמאַנטיקער האָט זיך תמיד געשלאָגן מיט קאַפּל דואַ דעם מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן סאָציאַליסט, וואָס איז צוליב זיין פּיזיש בעוולט־זיין און דורשט צום נישט־אויסגעלעבטן לעבן — אַרויס דער „זיגער".

ס'איז מיר נישט באַקאַנט ביי וואָס־פאַראַ אומשטענדן קאַפּל דואַ איז אומגעקומען, נאָר אין דעם טאָג ווען עס איז דערגאַנגען צו מיר די ידיעה, אַז פונעם ערשטן לופט־אָנגריף אויף וואַרשע איז חרוב־געוואָרן די וואַר־שעווער פילהאַרמאָניע, — איז מיר דער ערשטער געקומען אויפן געדאַנק קאַפּל דואַ, דער ליידנשאַפטלעכער באַזוכער פון די פילהאַרמאָניע־קאָנ־צערטן. איך בין אָבער מער ווי זיכער, אַז קאַפּל דואַ איז מיט זיינע פּיס־מאַשינקעס נישט דערגאַנגען צו קיין קאָנצענטראַציע־לאַגער; אַז ער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ אויפן וועג צום „אומשלאַג־פּלאַץ" אָדער אונטער די חורבות פונעם הויז אויף נאָוואָליפּקי 21 וווּ ער האָט געוווינט ביז צום טאָג פון זיין טראַגישן סוף.

מאיר דזשאלאָווסקי

צו די דיכטער, וואָס זענען צו דער יידישער ליטעראַטור געקומען פון דער סאַמע געדיכטער יידישער אָרעמקייט אין פּוילן — געהערט אויך דער וואַרשעווער אַרבעטער־דיכטער מאיר דזשאַלאָווסקי, וועלכער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַ סך טויזנטער יידן, ווען די נאַציס האָבן דעפּאָרטירט פון פראַנקרייך.

דעם ברייטן יידישן לייענער־עולם און אויך דער יידישער שרייבער־וועלט איז דער נאָמען דזשאַלאָווסקי כמעט ווי נישט באַקאַנט, הגם ער האָט שוין מיט יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אַ היפּש בוך לידער „אַ ברויט מיט אַ מעסער". צו דער פּאָפּולאַריטעט פון אַ שרייבער, העלפט ליידער נישט אַלעמאָל דאָס אָפּגעדרוקטע בוך, נאָר דאָס דרוקן זיך אין דער פּרעסע אָדער דאָס ווערן דערמאָנט אין דער פּרעסע — דורך דער קריטיק.

אויף וויפל דער זכרון נאַרט מיך נישט — איז אויך דזשאַלאָווסקיס איינציקע בוך פאַרשוויגן־געוואָרן, ווי ס'ווערן פאַרשוויגן אַ סך ביכער; אויסער דעם, האָט דזשאַלאָווסקי (איך ווייס נישט פאַרוואָס) ווייניק גע־דרוקט זיינע לידער אפילו אין דער פּאַריזער „די נייע פּרעסע" פון די יידישע קאָמוניסטן, צו וועלכע ער איז אויך אין פראַנקרייך געשטאַנען זייער נאָענט.

עד היום (אַ געשיכטע פון עטלעכע צוואַנציק יאָר) — לעבט נאָך פאַר מיינע אויגן דאָס שוידערלעכע בילד פון אָרעמקייט, וואָס דזשאַלאָוו־סקי האָט געשילדערט אין איינעם פון זיינע ערשטע סאָציאַלע לידער. דאָס דאָזיקע ליד, וואָס ער האָט מיר געהאַט פאָרגעלייענט, און עס, דאַכט זיך,

קיינמאָל נישט אָפּגעדרוקט האָט געהייסן „אין קעלער־שטוב״ פון וואַנען אַ קינד, (ווייזט אויס, דזשאַלאָווסקי אַליין) וויל אין אַ ווינטערדיקן טאָג אַרויסקוקן אינדרויסן ארויס און זען גאַסט וועלט כאָטש דורכן פּיצעלע פענצטערל, וואָס ליגט כמעט אויפן טראָטואַר און — דאָס קינד זעט נישט מער ווי פאַרבייגייענדיקע פיס פון פאַרשידענער גרייס און אין פאַר־שידענע שיך...

פאַר מיר איז דער נאָמען דזשאַלאָווסקי מער ווי אַ נאָמען פון אַ יידישן דיכטער. פאַר מיר איז דזשאַלאָווסקי אויך אַ דערמאָנונג פון אַ תקופה, פון אַ ליטעראַרישן רענעסאַנס צו וועלכן מיר זענען אין איין צייט געקומען און אַ לאַנגע צייט זיך צוזאַמענגעהאַלטן, און אין געראַנגל פאַרן קיום, אַלס ייד און מענטש — געגאַנגען איין־און־דעם־זעלבן וועג צו באַ־פרייאונג — אונטער דער רויטער פאָן פון לינקן פועלי־ציוניזם.

לײדער האָט דזשאַלאָווסקין פאַרפעלט אויסדויער און, אונדזער וועג האָט זיך אינמיטן געבראָכן אויף צווייען: מיך האָט עס געפירט פון פוילן קיין ארץ־ישראל, און אים, דזשאַלאָווסקין — קיין פראַנקרייך.

שמחה דאָן

אויף מיינס אַ טורנע, וואָס איך האָב אין יאָר 1930 געמאַכט איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך, איז אין פּולטוסק, נאָך אַ ליטעראַרישן אָוונט מיינעם, צוגעקומען צו מיר אינדרויסן פּאַרן זאַל, אַ בחור, און נישט גאַנץ דרייסט מיר געזאָגט, אַז ער וויל זיך מיט מיר באַקענען, געזאָגט מיר זיין נאָמען, וועלכן כ׳האָב בשעת מעשה, פאַרהערט און — געלאָזט זיך פון אים און פון נאָך אַ סך יונגע בחורים און מיידלעך — באַגלייטן צו מיין אכסניה, פונוואַנען איך בין פאַרטאָג אָפּגעפאָרן פון פּולטוסק.

בערך מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט מיך אין וואַרשע, אין גאַס אָפּגע־שטעלט אַ מיטל־וווקסיקער בלאָנד־געקרייזלטער סימפּאַטיש־איידעלער בחור מיט העלע גוטע אויגן און מיט אַ שמייכלענדיק פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט פון באַגעגענען מיך, און גרויס פאַרווירונג — פאַר מיין נישט וויסן ווער ער איז.

— שמחה דאָן פון פּולטוסק — האָט ער זיך געריוויטלט און מיך דערמאָנט ווי ער האָט שפּעט ביינאַכט, נאָך מיינס אַ ליטעראַרישן אָוונט — מיך באַגלייט צום האָטעלעכל. געזען, אַז ער איז שוין מיט מיר אויף אַ דרך — האָט מיך דער בלאָנדער בחור מיט די העלע אויגן, אינפאָרמירט, אַז ער איז מיט די עלטערן זיינע און מיט זיינע פיר שוועסטער — אַריבער קיין וואַרשע; אַז ער האַרבעט שוין אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ קליינער באַנק און, אַז ער וווינט אויף גענשע גאַס און, ער וויל פון מיר איך זאָל אים אָנטאָן דעם כבוד און אים באַזוכן.

צוליב דעם סימפּאַטישן איינדרוק, וואָס דער בחור האָט געמאַכט אויף מיר, האָב איך זיך איינלאַדונג אָנגענומען און — קיין חרטה נישט געהאַט אויף מיינע צוויי שעה ביי אים — אין קרייז פון זיינע אייגענע.

געוועזן איז שמחה דאָנס היים, אַ היים פון אַ יידישער בכבודיקער משפחה, וואָס האָט זיך באַמיט אויפצוהאַלטן דעם גלאַנץ פון אַמאָליקע גוטע צייטן, און מיט באַשיידענע מיטלען — געשאַפן אַן אמת וואַרעמע און ריינע היים־אַטמאָספערע, נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די, וועמען זיי האָבן אַריינגעפירט צו זיך.

ערשט נאָך עטלעכע באַזוכן מיינע אין דער דאָזיקער געמיטלעכער היים, האָט שמחה דאָן, דער בן־יחיד אינדערהיים — מיך איינמאָל אַריינגעבעטן צו זיך אין זיין חדר מיוחד און, פאַרטרויט, אַז ער שרייבט לידער און, געבעטן מיך אויסהערן אים און זאָגן אַ מיינונג. נאָכן אויסהערן מיין מיינונג האָט זיך שמחה דאָן מיט איר אַזוי איבערגענומען, אַז ער האָט אַזש, פון דאַנקבאַרקייט און גערירטקייט — מיט קינדישער נאַיוויטעט מיר צוגעזאָגט צו שענקען מיר דעם ערשטן עקזעמפּלאַר פון זיין ערשטער זאַמלונג לידער, וואָס ער וועט ווען־עס־איז אַרויסגעבן...

אין צוויי יאָר אַרום איז דערשינען שמחה דאָנס ערשטע לידער־זאַמלונג „טריט אין דער נאַכט" און, אין יאָר 1934 האָט ער מיר קיין ארץ־ישראל צוגעשיקט זיין צווייטע זאַמלונג לידער „כאַאָטישע טעג".

איך ווייס נישט וואָס עס זענען די סיבות, נאָר שוין עטלעכע יאָר פאַר דעם היטלערקריג האָב איך זיך אין קיין שום צייטונג אָדער צייטשריפט נישט אָנגעטראָפן מיט שמחה דאָנס נאָמען. ערשט נאָכן אומקום פון פוילישן יידנטום, ווען ס'איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט די מוראדיק־גרויסע רשימה פון אומגעקומענע יידישע שרייבער — האָב איך אין איר געפונען אויך דעם נאָמען שמחה דאָן.

הערש דאַנילעוויטש (הערשעלע)

ווען כ׳האָב הערשעלען געזען דאָס לעצטע מאָל אין וואַרשע, אין יאָר 1932, איז ער אַלט געווען ביי פופציק יאָר און אויסגעזען אויף עטלע־כע דרייסיק; געווען נאָך טונקל־בלאָנד, געהאַט נאָך אַ פּאַרקעמט קעפּל מיט אַ שרונט אינמיטן, און ווי צוגעקלעפּטע שטיקלעך וואָנסעלעך. אינדער־ברייט פונעם וועסטל, — געטראָגן אַ באַלעבאַטיש קייטעלע, אַן אַזוי־גערופן „דיוויזקעלע״ אויף וועלכן ס׳האָבן זיך, אויסער דעם זייגער, געבאָמבלט אַ מעסערל, אַ שערעלע, אַ בלייפעדער, אַ פעדער און אפילו אַ קליין ממזריש טינטערל מיט טינט... צו דעם אַלעמען האָט אים בלויז צוגעפעלט אַ באַלעבאַטיש בייכל, וואָס ער האָט זיך ביי קיין אופן נישט געקאָנט דער־ווערבן... הערשעלע האָט אָבער געהאַלטן, אַז די קייט זיינע מיט די אַלע נוצלעכע כלים אויף איר, גיט אים צו וויכטיקייט און, ער פלעגט דערפאַר, ווי אַ חתן־בחור פּאַראַדירן אַהין און צוריק איבערן גרויסן זאַל פון וואַר־שעווער ליטעראַטן־פאַריין: נאַט, זעט, וואָס איך פאַרמאָג אַלץ! און אַז עמעץ האָט ביי הערשעלען געוואָלט באָרגן אויף אַ רגע דאָס מעסערל אויף אויס־שניצן אַ בלייפעדער, האָט הערשעלע דאָס מעסערל נישט אָראָפּגענומען פון קייטל און יענער האָט זיך געמוזט מטריח־זיין און שטיין ווי אַ צוגעבונ־דענער צו דער קייט און שניצן. האָט אָבער הערשעלע אָנגעטראָפן אויף אַ לץ — פלעגט יענער, שניצנדיק, נעמען גיין אַהין און צוריק איבערן זאַל און הערשעלע איז געווען געצוווּנגען אים נאָכצוגיין... ערגער אָבער איז געווען, ווען עמעץ האָט ביי אים געוואָלט די פעדער — דאַמאָלט פלעגט הערשעלע דאַרפן שטיין ווי אַ צוגעבונדענער צו יענעמס טישל און, וואַרטן ביז יענער וועט ענדיקן שרייבן...

אין ליטעראַטן־פּאַריין פלעגט מען הערשעלען זעלטן זען זיצן. ער פלעגט, ווי אויסוואַקסן ביי יעדן טישל, כאַפּן דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ וואָרט, אַריינוואַרפן אַ חכמהלע פון וועלכן ער פלעגט זיך אַליין צעלאַכן מיט אַ דריבנע געלעכטערל; קיינמאָל קיין שאך נישט געשפּילט און — שטענדיק אויסגעוואָקסן די שאַכשפּילער הינטער די פּלייצעס — מיט אַן עצה, פאַר וועלכער די שפּילער פלעגן אים דערלאַנגען אַזאַ פּסק, אַז ער האָט נישט געטראָפן דעם צוריק און, געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסן חדר־ייִנגל...

זיצן ביי אַ טישל פלעגט הערשעלע, נאָר אין צוויי פאַלן: ווען ער האָט געגעסן (דאָס איז אָבער געווען נישט קיין אָפטער פאַל...) און ווען ער האָט געשריבן, אייגנטלעך — איבערגעשריבן, וואָס מחברים האָבן אים געגעבן, כדי אים אונטערצושטיצן און אויך צוליב זיין פּערלדיק דראָבנעם כתבל, וואָס איז געווען אויף חידושים. פאַר אַ נישט גוט אויג, האָט זיין כתב אויסגעזען, ווי גלייכע, דינע, נאָך נישט פאַרשריבענע ליניעס. מיט אַזאַ כתב וואָלט הערשעלע געקאָנט אָנשרייבן אַ ליד אויף אַ ווייצקערנדל, און אַ פּאָעמע אויף אַן איי...

נישט אומזיסט האָט מען ביי הערשעלען צו יעדער צייט געקאָנט געפינען עטלעכע הונדערט לידער אָדער ווי ער אַליין האָט זיי גערופן: לידלעך — אין אַ נאָטיצביכעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן ווי אַ טל־ומטרל אין בוזעמקעשענע.

איינמאָל האָט זיך הערשעלע באַקלאָגט פאַר מיר, הלמאי מען פאַרגעסט אים שוין באַלד אַלס שרייבער, רק ער פאַרנעמט זיך מיט איבערשרייבן שאַפונגען פון אַנדערע. איך האָב אים געטרייסט, אַז ער איז מער ווי אַ שרייבער — אַן איבער־שרייבער... מיין וואָרטשפּיל איז הערשעלען זייער געפעלן און ער האָט עס אַליין צעטראָגן מיט גרויס צופרידנקייט.

אגב, איז הערשעלע געווען נישט נאָר אַן איבערשרייבער, נאָר אויך אַ קאָרעקטאָר, אָבער, נאָר אַלס פאַרטרעטער פון אַ קאָרעקטאָר, וועלכער איז געוואָרן קראַנק אָדער אַוועק אויף וואַקאַנס. אויסער דעם, האָט הערשעלע, נאָך דער חתונה זיינער, געעפנט אַ שפּייזקרעמל אין הענריקאָוו הינטער וואַרשע. פון די אַלע פּרנסות האָט ער אָבער געהאַט, ווי מען זאָגט

עס: װאַסער אויף קאַשע; איבערהויפּט, װען ער איז שוין געװען אַ טאַטע פון דריי קינדער, װאָס די קיבעצער פון טלאָמאַצקע 13 האָבן זיי באַצייכנט מיט די נעמען פון די דריי װאַרשעװער טאָגצייטונגען, װאָס הערשעלע האָט אָנגעהויבן באַקומען פון זיי צו ביסלעך אַרבעט: „היינט", „מאָמענט", און „עקספּרעס".

װעגן הערשעלען דעם דיכטער, װאָס האָט אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר אָנגעשריבן טויזנטער לידער און הונדערטער פון זיי גע־דרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען און צייטשריפטן — איז מיר נישט אויס־געקומען אַ סך צו לייענען, װייל מען האָט װעגן אים זעלטן געשריבן.

בלויז צוויי מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן רעדן װעגן הער־שעלען מיט גרויס אָנערקענונג און ליב אַלס דעם גרעסטן יידישן פאָלקס־דיכטער. ביידע מאָל איז עס געװען אין װאַרשעװער ליטעראַטן־פאַריין. איינמאָל, דאַכט זיך, אויף אַן אָװנט לכבוד זיינע פינף־און־צװאַנציק יאָר שאַפן. אויף דעם דאָזיקן אָװנט זאָל הערשעלע האָבן אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט, הלמאי מען האָט אים אונטערגעטראָגן בלומען און נישט קיין... שקאַרפּעטן, מחמת בלומען — האָט ער דערקלערט — װעלקן און, שקארפּעטן זענען אייביק...

דאָס צװייטע מאָל האָב איך איבער אים געהערט רעדן אויף זיין חתונה־מאָלצייט, װאָס דער ליטעראַטן־פאַריין האָט אים געמאַכט ביד רחבה. אויך אויף דעם דאָזיקן אָװנט האָט מען הערשעלען נישט געקאַרגט קיין ליבגעזאַנגען און — פאַרגעסן, אָדער געמאַכט זיך פאַרגעסן, אַז הערשעלע האָט נישט נאָך דער חתונה־סעודה װוּ צו גיין שלאָפן; די קאָלעגן, שריי־בער, זענען זיך איינציקווייז צעגאַנגען אַהיים, און איבערגעלאָזט דאָס פּאָר־פאָלק אין דער חופּה־נאַכט נעכטיקן אויף די בענק אין לאָקאַל פון פאַריין...

הערשעלע האָט פאַר מיר איינמאָל אויסגעדריקט זיין שטאַרקע סימפּאַטיע צום ציוניזם, און דעם װונטש, זיך צו קאָנען באַזעצן אין ארץ־ישראל. פונדעסטװעגן איז זיין באַליבטסטע טעמע אויף צו שמועסן, געװען — די שוריק, מיט װאָס ער האָט זיך זייער געגרויסט און געזוכט ביי יעדער געלעגנהייט צו קאָנען דערציילן װעגן איר שיינקייט. שטאָלצירט האָט ער אָבער, נאָר מיט דער שטאָט בערן, װוּ ער איז געפאָרן אַמאָל שטו־

דירן און, פון דאָרט צוריקגעקומען מיט דער פולסטער איבערצייגונג, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט...

— דו האַלטסט דאָך אוודאי, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט, וועל איך דיר ווייזן, אַז ס'איז יאָ דאָ — האָט מיר הערשעלע איינמאָל אַ זאָג־געטאָן און, תוך כדי דיבור — מיר „בולט" און קורץ באַוויזן עס: נעם, למשל, — זאָגט ער צו מיר — די גרויסע, די ריזיקע שטיינער אויף די שווייצאַרישע בערג, ווער האָט זיי אַרויפגעטראָגן? איך? דו? — אויף אַזאַ „באַוויז" האָב איך נישט געהאַט קיין קעגן־באַוויז, און הערשעלע איז פון מיר אַרויס אַ זיגער...

נישט אומזיסט איז הערשעלע שטענדיק געווען דער אָביעקט און דער קרבן פאַר די שרייבער לצים און קיביצער, וואָס האָבן אויף זיין חשבון געשאַפן גוטמוטיקע וויצן און ווערטלעך פון וועלכע ער אַליין פלעגט אויך לאַכן מיט זיין גרויס־קינדישער נאַיוויטעט.

צוויי מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען ווי הערשעלע האָט פון שפּאַסן מיט אים, נישט געלאַכט. געווען איז עס אין הערשעלעס „היים" — אין ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין טלאָמאַצקע 13.

איינמאָל, בעת די שרייבער און זשורנאַליסטן זענען געזעסן ביי זייערע מיטאָגן פון וועלכע הערשעלע האָט געקאָנט בלויז חלומען, אַרום־גיין צווישן די טישלעך און שלינגען די סלינע — האָט אַ זשורנאַליסט, אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיין פאַרציע הון — זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט מיט די פאַרפעצטע ליפּן צו הערשעלען, און אים אַ פרעג־געטאָן: האָסט שוין אַמאָל געגעסן אַזוינס, הערשעלע? הערשעלע האָט אים גאָרנישט געענטפערט, אַ רגע אים אָנגעקוקט, און אַ טיף־באַליידיקטער זיך פון אים אָפּגערוקט — מיט קינדיש־פאַרלאָפענע אויגן מיט טרערן...

אַן ענלעכן „שפּאַס" האָט מיט אים געמאַכט אַ צווייטער זשורנאַליסט, ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ געשוואָלענעם טייסטער מיט פּאַפּירגעלט, אַרויסגעצויגן פון אים אַ גרויסן ווערט־באַנקנאָט און אַ פרעג־געטאָן ביי הערשעלען: האָסט שוין אין דיין לעבן געזען אַזוינס, הערשעלע?

אויך דאַמאָלט האָט הערשעלע נישט געלאַכט...

מ׳האָט כמעט פאַרגעסן אָן הערשעלען, דעם פאָלקס־דיכטער פון אַ סך טויזנטער לידער, וואָס וואָלטן געבליבן אַ ווערטפולער צושטייער צום אוצר פון יידישן פאָלקלאָר — ווען מען וואָלט זיי באַצייטנס צונויפגעזאַמלט, איבערגעקליבן און אַרויסגעגעבן.

שמעון האָראָנטשיק

איך ווייס נישט ווי אַזוי איך וואָלט, שרייבנדיק וועגן עוזר וואַר־שאַווסקין, געקאָנט נישט דערמאָנען הערביי שמעון האָראָנטשיקן; אַ זאַך וואָס האָט געדאַרפט זיין פאַר מיר אַזוי אוממעגלעך, ווי אוממעגלעך מיר איז צו שרייבן וועגן שמעון האָראָנטשיקן און נישט דערמאָנען דערביי עוזר וואַרשאַווסקין.

ביידע זענען זיי געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; ביידע האָבן זיי זיך אַרומגעוואָלגערט מיט זייערע ערשטע ווערק איבער פאַרשידענע רעדאַקציעס און פאַרלאַגן, וואָס האָבן זיי נישט געשענקט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט, — ביז זיי זענען ביידע געוואָרן אַרונטערגענומען אונטער די פליגל פון איטשע מאיר ווייסנבערג. צוליב זיי, טאַקע, האָט עס ווייסנבערג אָנגעהויבן זיין באַוווסטן קאַמף מיט די „געשווּוירענע״ און אומבאַרופענע פון דער יידישער לי־טעראַטור.

אויב ווייסנבערג האָט איבער עוזר וואַרשאַווסקין געציטערט ווי איבער אַ קאַפּריזנע קינד, וואָס קאָן זיך פּלוצלינג, אין מיטן וועג אָפּרייסן פון טאַטן און נעמען, אויף נישט צום דעריאָגן — לויפן פאָרויס — האָט זיך ווייסנבערג מיט האָראָנטשיקן געפּילט כמעט אינגאַנצן זיכער און אים ליב געהאַט פאַר זיין געהאָרכזאַמקייט און נישט „געהובלעוועטקייט״, פאַר זיין נאָכגיין אים פוסטריט, איבערהויפּט אין זיין דערציילונג „פאָטער און זון״, וואָס דערמאָנט שטאַרק ווייסנבערגס מיליע פון „אַ טאַטע מיט בנים״.

דער סוף איז אָבער געווען, אַז אויך האָראָנטשיקן זענען ענג גע־וואָרן ווייסנבערגס דרכים. און כאָטש ער האָט פונעם רבין זיינעם געהאַלטן שטאָל און אייזן — אים פאַראָטן...

פון ווייסנבערגס דריי באַליבטסטע אַדאָפּטירטע: שמעון האָראָנ־טשיק, עוזר וואַרשאַווסקי און יחיאל לערער — האָט זיך האָראָנטשיק שטאַרק אויסגעטיילט מיט זיין אויסערלעכער מגושמדיקער שלאַבריקייט און בערישער אומגעלומפּערטקייט. נאָר די אויגן זיינע, וואָס זענען געווען ווי אויסקאַלופּעט און האָבן שטענדיק געקוקט, ווי פאַרחידושט און מיט קינדערישער תמימות און פאַרגאַפונג, — האָבן ווייכער און מילדער געמאַכט זיין מגושמדיקן אומגעלומפּער.

האָראָנטשיק דער געוועזענער הערינג־פאַרקויפער האָט אריינקומענדיק אין דער שרייבער־ און קינסטלער־משפחה, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געבונדענעם, געצוימטן, ווי איינער וואָס וויל אַ זאָג־טאָן: איי, ווען מען לאָזט מיך נאָר, וואָלט אַ רוח אין דער וועלט אריין!...

יאָ, האָראָנטשיק האָט זיך אין דער געזעלשאַפט פון שרייבער און קינסטלער געפילט ווי געשטערט אין די רויִע ליידנשאַפטן, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק ביי אַ סך העלדן און טיפּן פון זיינע שטאַרק־רעאַליסטישע דערציילונגען און ראָמאַנען. האָראָנטשיק איז געווען דער לעבעדיקער סימבאָל פון זיין גאַלעריע טיפּן, וואָס זוכן ערגעץ־ווו אויסצולאָדן זייער פיזישן און עראָטישן כוח, וואָס שפּאַרט פון זיי, ווי אַ רויִע סטיכיע.

אין משך פון די אַלע יאָרן, וואָס איך האָב זיך מיט האָראָנטשיקן אָפט באַגעגנט אין וואַרשע, האָב איך, כמעט קיינמאָל, זיך נישט אַריינגעלאָזט מיט אים אין אַן ערנסטן שמועס איבער וועלכער־ס׳איז געזעלשאַפטלעכער, קולטורעלער אָדער פּאָליטישער פראַגע צו וועלכער ער האָט זיך דוקא געריסן צו רעדן מיט מיר, און רעדנדיק — זיך געדראַפּעט, ווי מען זאָגט עס: אויף די גלייכע ווענט, זיך געריסן אין אָפענע טירן, אָן אַ סיסטעם און אָן אַ סדר, ווילד, צעשויבערט און צעפלאָשעט, נאָר מיט פייער פון אייפער — ביים פאַרטיידיקן זיינס אַ מיינונג אָדער שטאַנדפּונקט.

איינמאָל האָט מיך האָראָנטשיק שיעור צום טויט־פאַרמאַטערט מיט... ארץ־ישראל, פון וואַנען איך בין געהאַט געקומען קיין פּוילן. געפאַקט האָט ער מיך אין וולאָצלאַוועק, אויף צומאָרגנס נאָך מיינס אַ ליטעראַרישן אָוונט, און — גענומען זיך צו מיר און מיך פאַרשאָטן מיט אַזעלכע נאַיווע שאלות, פאַר וועלכע מען האָט באַדאַרפט זיין נאָך נאַיווער — כדי

צו קאָנען אויף זיי געבן תשובות. דאָס ערשטע, וואָס האָראָנטשיק האָט גע־וואָלט פון מיר וויסן, איז געווען: צי גייען טאַקע די חלוצים אַרום אָן הויזן אוןְ די חלוצקעס — אין הויזן... צי איז טאַקע ארץ־ישראל דאָס לאַנד פון באָקסערן און פייגן... צי גייט אין תל־אביב אַ טראַמוויי און אין ירושלים — אַ באַן... צי בין איך געווען שוין ביים כותל־המערבי, ביי דער מערת־המכפלה, ביי דער מוטער רחלס קבר און — נאָך אַזעלכע „אינטערעסאנטע״ פראַגן, אויף וועלכע מיר איז נישט לייכט־געווען צו ענטפערן... אַז כ'האָב נאָך אַלע מיינע דערקלערונגען און שילדערונגען איבערן ארץ־ישראלדיקן לעבן, אים אַ פרעג־געטאָן צי ער וואָלט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער, נישט לאַנג טראַכטנדיק, אַנטשלאָסן אַ זאָג־געטאָן: ניין! פאַרוואָס נישט? האָראָנטשיק! וויסנבערג האָלט נישט דערפון — איז געווען דער ענטפער...

אַנטלויפנדיק פון די נאַציס אין פוילן, איז האָראָנטשיק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרלוירן דעם זון אויפן וועג. געווען איז עס האָראָנטשיקס צווייטער זעלבסטמאָרד. דער ערשטער — צוליב אַ שלעכטער רעצענזיע איבער זיינס אַ בוך, אָבער דאַמאָלט האָט מען אים אָפּגעראַטעוועט. דאָס צווייטע מאָל איז שוין נישט געווען ווער עס זאָל אים ראַטעווען...

בער האראָוויץ

ווי איך האָב שוין אַמאָל דערציילט וועגן מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט יידישע שרייבער, האָט זיך צווישן מיר, מיט נישט איינעם פון זיי, איינגעשטעלט אַ פריינטשאַפט — נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, אָנגעשטויסן מיט די עלנבויגנס...

אַזאַ פריינטשאַפט האָט זיך אויך געהאַט פאַרבונדן צווישן מיר און דעם דיכטער בער האָראָוויץ — נאָך דעם ווי ער איז, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַריינגעפאַלן אַ פראַלנדיקער, אַ רוישיקער אין ווארשעווער ליטעראַטן־פאַריין און, הויך אויפן קול ביי עמעצן אַ פרעג־געטאָן: וואָס טוט דאָ דאָס „חדר״? מיטן „הדר״ האָט ער געמיינט אַ גרופּע יונגערע פון אים שרייבער, וואָס זענען געזעסן אַרום אַ טיש און לעבהאַפטיק געשמועסט. האָראָוויצעס באַליידיקנדיקן אויסדרוק קעגן די „יונגע״ האָב איך גענומען אויף מיין חשבון און, כ׳האָב אים אַ פרעג־געטאָן: מיט וויפל זענט איר עס עלטער און גרעסער פון זיי? פון מיין פרעג האָט זיך בער האָראָוויץ, ווי פון אַ שאַרפן ביס, ממש, צעשריגן אויף מיר אַזוי, אַז מען האָט אים קוים געקאָנט באַרויקן, און — מיר האָבן זיך, דערנאָך, קעגנזייטיק אויסגעמיטן.

צו מיין גרויס איבעראַשונג איז אָבער בער האָראָוויץ אין אַ צייט אַרום צו מיר פּלוצלינג צוגעקומען און געבעטן ביי מיר מחילה פאַר באַליידיקן מיך; ער טוט דאָס, האָט ער מיר דערקלערט, ווייל ער האָט זיך דערוווסט, אַז דאָס „אַנאָנימע״ ליד „זאָל זיין, אַז איך בוי אינדערלופט מיינע שלעסער״ — איז מיין ליד.

ווייזט אויס, אַז בער האָראָוויצעס רוישיקייט און פּראַלעריי איז

געזוּען בלויז אַ קאַפּריזעוּועָן פון לעבנסלוסט און לעבנספרייד, וואָס האָט תמיד געשפּאָרט פון אים דורך זיין העל, ליכטיק אָפן פּנים און אָפענע פריידפולע אויגן און, נאָך מער: דורך זיינע לידער, וואָס די פערזן אין זיי זענען זעלטן־ווען געצוימט און דיסציפּלינירט און, זיי לויפן רוישיק, ווי ריטשקעלעך קוואַלוואַסער באַרג־אַראָפּ...

מיט בערג און באַרגלופט האָבן געאָטעמט כמעט אַלע זיינע לידער, וואָס האָבן, ווי ער, געשטאַמט פון די קאַרפּאַטן־בערג, פון זיין געבוירן־שטאָט מאַידאַן אין מזרח־גאַליציע, ווו צוגעבונדן און פאַרליבט אין דער נאַטור — זענען אים, דערפאַר, נאָענט און אייגן־געווען די בענקשאַפטן און חלומות פון דער חלוציש־ציוניסטישער יוגנט, וואָס האָט אים אינספּירירט אָנצושרייבן אַ פּאָעמע „הלוצים".

פאַראַנען שרייבער, וואָס זענען אויך געבענטשט מיט טאַלאַנט צו צייכענען און, זיי באַצירן מיט זייערע צייכענונגען, די אייגענע ביכער.

אויך בער האָראָוויץ האָט געקאָנט צייכענען, גוט צייכענען! ער האָט מיט זיינע צייכענונגען באַצירט נישט בלויז זיינע לידער־ביכער, נאָר אויך די וועגט פונעם געוועזענעם וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין און, נישט איין וואַנט ביי יידישע קונסט־זאַמלער.

עוזר ווארשאווסקי

מיט עוזר וואַרשאַווסקין האָב איך זיך באַקענט אין י. 21/1920 אין וואַרשע ביי י. מ. ווייסנבערגן אין שטוב. אויסער אים, וואַרשאַווסקין, האָב איך דאָרט געטראָפן נאָך אַ גרופּע ווייסנבערגס תלמידים, שרייבער־אָנפאַנגער. וואַרשאַווסקי האָט זיך אויסגעטיילט צווישן זיי און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין שלאַנקייט, דינקייט און בלאַסקייט; מיט זיין געמאָסטענעם טראָט און געוויכטיגן וואָרט. ס׳איז אויך געווען קענטיק די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, וואָס ווייסנבערג האָט אים געשענקט. די גאַנצע צייט האָט ער אים געהאַלטן אויפן אויג, געציטערט איבער אים, ווי איבער אַ גאָר געראָטן קינד, וואָס וועט נאָך אַמאָל מרעיש־עולם־זיין.

ווי באַשיידן וואַרשאַווסקי איז געווען, האָט ער אָבער אויסגעזען, ווי אַ מענטש מיט אַ סך גלויבן אינעם אייגענעם כוח. נישט ווילנדיק האָט זיך געשאַפן די דיסטאַנס צווישן אים און זיינע יונגע קאָלעגן — „ווייסנבערגיאַנער״. ס׳קאָן זיין, אַז ווייסנבערגס כסדרדיק צערטלען און קעכלען אים, האָט אויף אים משפּיע־געווען אַזוי, אַז ער האָט צווישן דער יונגער שרייבער־גרופּע, אויסגעזען ווי ער וואָלט שווייגנדיק געהאַט פאַר יעדן אַ וואָרט פון ביטול און אַ בליק פון איינעם, וואָס גרייט זיך צו אַ הויכן שפּרונג. עס האָט מיך דערפאַר זייער געוווּנדערט, וואָס איינמאָל איז ער צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז ער האָט פון מאַקס עריקן געהערט וועגן מיר אַ סך גוטס, און אויב מאַקס עריק זאָגט — גלייבט ער אים.

בדרך כלל, האָט וואַרשאַווסקי ווייניק גערעדט, כאָטש געהאַט האָט ער אַ סך צו זאָגן. עס האָט אים געהאַמעוועט אַ שטילע איראָניש־סאַרקאַסטישע באַציאונג צו אַלץ און צו אַלעמען. מעגלעך, אַז דאָס איז ביי אים

געווען אַזאַ כאַראַקטערשטריך, און מעגלעך — אַ פּועל־יוצא פון אַן אַנטוישונג. אַ פאַקט, אַז וואַרשאַווסקי האָט זיך באַמיט, ווי פון אומצוטרוי, צו האַלטן זיך אַן־אַ־זייט פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן; אויסגעמיטן ליטעראַרישע צוזאַמענקומען, אויף וועלכע ער פלעגט קוקן ווי אויף ירידים. און עס פלעגט דערפאַר נישט לייכט איינגעבן זיך צו־צוציען אים צו אַ ליטעראַרישן אָוונט, אָדער צו באַקומען זיין הסכמה צו אַן אונטערנעמונג לכבוד אים. אמת, אַ חלק אין דער דאָזיקער האַלטונג זיינער האָט אויך געהאַט זיין ליטעראַרישער אַדאָפּטיר־פאָטער י. מ. ווייסנ־בערג, וואָס האָט אין אים, ווי אין אַלע זיינע תלמידים, אַריינגעקנעלט, אַז כדי צו קאָנען זיך אַנטוויקלען און וואַקסן אַלס שרייבער, איז קודם כל נייטיק — נישט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון ליטעראַטן־פאַריין און אויסמיידן ליטוואַקעס...

עוזר וואַרשאַווסקי האָט אָבער טראָץ זיין פאַרהאַלטן זיך מיט רעז־זערוו צו אַלץ און צו יעדן — נישט אָנגענומען די גאַנצע תורה פון זיין ערשטן ליטעראַרישן רבין און אפּוטרופּוס, נישט געלייגט אין חרם־אַריין די ליטוואַקעס, און זייער אָפט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון ליטעראַטן־פאַריין, ווו ווייסנבערג אַליין פלעגט זיצן שעהן לאַנג, כמעט יעדן טאָג.

נאָך עטלעכע גלאַנציאַרן, וואָס וואַרשאַווסקי האָט אין פּוילן געהאַט אַ דאַנק זיין ערשט איבעראַשנדיק שטאַרק מלחמה־בוך „שמוגלערס" — האָט ער שטיל און אָן אַ זייט־געזונט זיך אויפגעהויבן און אַוועק קיין פראַנקרייך, אָפּגעדרוקט אַ פּאָר דערציילונגען אין מאַרקישעס און אורי צבי גרינבערגס „כאַליאַסטרע" און „אַלבאַטראָס"; אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אַ צווייט בוך „שניט" און — אַנטשוויגן געוואָרן.

אַז כ'בין אין יאָר 1937 געקומען פון ארץ־ישראל צום יידישן קול־טור־קאָנגרעס אין פּאַריז, האָב איך מיך ראשית־כל געלאָזט אַוועקפירן אויפן „מאָנפּאַרנאַס" אין קאַפע „דאָם", אויפצוזוכן עוזר וואַרשאַווסקין. לאַנג זוכן אים האָב איך נישט געדאַרפט, כאָטש אין קאַפעהויז האָט גע־ראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק. איבער אַלעמענס קעפּ האָב איך אים דערזען נאָך שלאַנקער, נאָך דאַרער און נאָך בלאַסער ווי פריער. ער איז געשטאַנען ביים בופעט, ביי אַן אָנגעגאָסענעם „אַפּעריטיף", און מיט האַלב־פאַרלאָ־

שענע אויגן געקוקט אין דער שרייענדיקער באַלויכטנקייט פון טומלנדיקן קאַפעהויז. דערזען מיך — האָט וואַרשאַווסקי, ווי זיין שטייגער, קוים אַ שמייכל־געטאָן און מיט איינגעהאַלטענער פרייד, ווי ער וואָלט מיך ערשט נעכטן געזען, און נישט מיט פופצן יאָר צוריק — אויסגעשטרעקט מיר זיין דינע האַנט און אַ פרעג־געטאָן: וואָס מאַכט איר עפּעס, און וואָס מאַכט אונדזער ווייסנבערג? אַ ווונק־געטאָן צום בופעטשיק, און עס איז אויסגעוואַקסן אַן „אַפּעריטיף" אויך פאַר מיר.

— וואָס עפּעס שטייענדיק, וואַרשאַווסקי?

— שטייענדיק איז ביליקער — ענטפערט ער מיר מיטן זעלבן שמייכל.

— קומט — זאָג איך — לאָמיר זיך אַוועקזעצן און זיך אַ ביסל דורכשמועסן פאַר דער גאַנצער צייט.

— איר זענט געוואָרן אַ גביר אין ארץ־ישראל, אָדער איר האָט בדעה דאָ איבערצולאָזן די הויזן? — האָט וואַרשאַווסקי אָנגעהויבן שפּאַסן פון מיין „פאַרשווענדערישקייט". ס'איז מיר קוים געלונגען צוצורעדן אים ער זאָל זיך אַוועקזעצן מיט מיר ביי אַ טישל. ס'איז מיר אָבער בשום אופן נישט געלונגען צו דערגיין פון אים, ווי אַזוי ער לעבט זיך דורך. וואַר־שאַווסקי איז נישט געווען קיין גרויסער ריידער, איבערהויפּט — וועגן זיך. בלויז פון זייטיקע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עטלעכע פריינט זיינע העלפן אים צו ביסלעך קריגן פאַסיקע אַרבעט.

ווי ווייט וואַרשאַווסקי איז געווען אָפּגעריסן פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, קאָן מען זען פון דעם, וואָס ער איז די גאַנצע צייט פונעם קולטור־קאָנגרעס נישט געווען אויף קיין איין זיצונג. בלויז פאַרן אָנהויבן די ערשטע זיצונג, האָט ער זיך באַוויזן אין זאַל, צוגעגאַנגען גלייך צו דער טריבונע, באַגריסט זיך מיט לייוויקן, אָפּאַטאָשון און מיט די אַנ־דערע שרייבער־געסט און — אַוועק.

אין משך פונעם יאָר, וואָס איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין פּאַריז, האָב איך וואַרשאַווסקין געזען אַ סך מאָל, נאָר יעדעס מאָל — אין „דאָם" און יעדעס מאָל — ביים „אַפּעריטיף", שטייענדיק ביים בופעט. מיר צוליב פלעגט ער זיך אַוועקזעצן ביי אַ טישל, געפרעגט אויף דעם, אויף יענעם,

געשװיגן אַ סך, געװאָרט איך זאָל עפּעס דערציילן, און איך, װאָס רעדן קומט מיר נישט לייכטער אָן, װי אים איז אָנגעקומען — בין אַ גאַנצע צייט ביי זיין טישל געװען דער דברן, דער דערציילער פון איבערלעבונגען פון טרויעריקע און פריילעכע קוריאָזן און עפּיזאָדן, װאָס האָבן ביי אים נישט איינמאָל אַרויסגעפּרעסט אַ דינעם שמייכל און אפילו אַ קאָמפּלימענט: ער האָט גאָרנישט געװוסט, אַז איך פֿאַרמאָג אַזוי פיל הומאָר...

אויפן געזעגענונגס־אָװנט צו מיין אָפּפאָרן פון פראַנקרייך, האָב איך װאַרשאַװסקין נישט געזען. ער איז אויך דאָסמאָל נישט געקומען. כ'האָב װעגן אים גאָרנישט געהערט אויך אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער היטלער־מלחמה. ערשט נאָך דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך, איז באַקאַנט־געװאָרן, אַז װאַרשאַװסקי איז דעפּאָרטירט געװאָרן פון רוים און — אומגעקומען.

מיט דער גרויסער צאָל אומגעקומענע קינסטלער און שרייבער, װאָס פעלן איצט אויפן „מאָנפּאַרנאַס" — פעלט אויך דער שטאַרק־טאַלאַנטיר־טער פראָזאַיקער עוזר װאַרשאַװסקי מיטן קלוגן דינעם, סקעפּטישן שמייכל.

שמואל וואלמאַן

אין דער לאַנגער, טרויעריקער רשימה פון אומגעקומענע יידישע שרייבער פון פוילן, האָב איך, אויסער אויף מיין פערזענלעכן חבר און קאָלעגע קאָפּל דוא, דער כמעט „אומבאַקאַנטער זעלנער" אין דער יידישער ליטעראַטור — זיך אָנגעטראָפן מיט נאָך אַ סך חברים און פריינט, שריי־בער, וואָס זענען שוין מיט אַ סך יאָרן פאַר דער מלחמה — כמעט פון קיינעם נישט דערמאָנט געוואָרן און — געבליבן טויט־פאַרשוויגן, אָדער פאַרשריגן צוליב פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און פּערזענלע־כע סיבות, וואָס זענען אָן אינטערעסאַנט און טרויעריק קאַפּיטל פאַר זיך.

אַז איך טראַכט וועגן די פריי־פאַרשוויגענע, וווּנדער איך זיך איבער־הויפּט אויף מיין חבר שמואל וואָלמאַן, דער וואָלבראָמער „חברהמאַן" מיט די שטאַרקע עלנבויגנס און מיטן „קאָפּ אויפן קאַרק" (אַטריבוטן, מיט וועלכע מען קען אויך אין דער ליטעראַרישער וועלט זיך דורכשלאָגן אַמאָל בעסער, ווי מיט שרייבערישן טאַלאַנט...) — וווּנדערט מיך, וואָס שמואל וואָלמאַן, דער „כופר בעיקר" אין דער ישיבה; דער „שמדניק" אינדערהיים ביי די פאַנאַטישע טאַטע־מאַמע, און דער לץ, אָפלאַכער און סאַטיריקער אין געזעלשאַפט — האָט זיך געלאָזט אַזוי לייכט טויט־פאַרשווייגן פון דער עפנטלעכקייט; אבי איך האָב אמאָל (מיט פינף־און־צוואַנציק, דרייסיק יאָר צוריק) געמיינט, אַז וואָלמאַן וועט נאָך פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל עס איז נישטאָ קיין אײן ליטעראַטור־צווייג אָן וועלכער ער זאָל זיך נישט האָבן מיט דער גאַנצער פיזישער שווערקייט זייַנער — לייכט אָנגעכאַפּט...

וואָלמאַן האָט געשריבן לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, עסייען און

פּובליציסטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען פאַר זיין פאַרטיי־צייטונג פון די לינקע פּועלי־ציון, און מיט יאָרן שפּעטער אַלס קאָמוניסט — אין די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע אויסגאַבעס. אין די אומלעגאַלע קאָמוניסטי־שע בלעטער האָט זיך וואָלמאַן געמוזט אָפּזאָגן פון זיין אמתן נאָמען, און מיט דער צייט — אויך פון זיינע ליטעראַריש־קינסטלערישע אַספּיראַציעס.

ווי איך האָב שוין באַמערקט אין מיין קאַפּיטל „מיין ערשטע ליטע־ראַרישע סביבה" איז שמואל וואָלמאַן (ראַטעווענדיק זיך פון די נאַצישע נעגל אין פּוילן) — געשטאָרבן אין ראַטנפאַרבאַנד, געשטאָרבן מיט אַ „נאַטירלעכן" טויט, נאָך פאַרן אומברענגען די יידישע סאָוויעטישע שרייבער און קולטור־טוער.

וואווע וויעוויארקע

אין דער ליטעראַטור איז נישט קיין נייעס, אַז צוויי און אויך דריי ברידער זאָלן זיין שרייבער; פונדעסטוועגן האָט מיך זייער איבעראַשט, ווען כ׳האָב זייענדיק אין יאָר 1937 אין פּאַריז, זיך דערוווּסט, אַז עס געפינט זיך דאָרט אַ שרייבער וו. וויעוויאָרקע, אַ ברודער פון אברהם וויעוויאָרקע אין ראַטנפאַרבאַנד. מעגלעך, אַז די איבעראַשונג האָט זיך גענומען דערפון, וואָס איך האָב איבערהויפּט נישט געוווּסט, אַז אויסער אברהמען איז פאַראַן נאָך אַ וויעוויאָרקע מיטן נאָמען וואָווע, אָדער ווי זיין פרוי האָט אים גערופן: וואָוטשע.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים בעת איך האָב באַזוכט די רעדאַקציע פון „פּאַריזער היינט" ווו ער האָט מיטגעאַרבעט.

געווען איז ער אַ נידעריקער, אַ מאָגערער מיט אַ גלאַנציק־שוואַרצן קאָפּ האָר; געהאַט אַ שוואַרץ לאַפּעטקע־בערדל: אַן אידל לויטער פּנים מיט פרומע שוואַרצע איילבירט־אויגן, וואָס האָבן, ווי געטריפט מיט גוטסקייט פון אַ מענטש, וואָס קאָן חלושן פון זען אַ שניט אין אַ פינגער...

ווי מען האָט מיר געזאָגט און כ׳האָב עס געהאַט אויך די געלעגנהייט צו זען, איז וו. וויעוויאָרקע געווען נישט נאָר דער מאַן פון זיין פרוי, נאָר דאָס פינפטע „קינד" פון אירע קינדער (דאַכט זיך, צוויי יונגלעך און צוויי מיידלעך). וו. וויעיוואָרקע האָט בכלל געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען זיין פרוי פאַר איר גרויסער זאָרג איבער אים און פאַר איר איינשטעלן אַ סדר אין זיין קינדישער דיסציפּלינלאָזיקייט און אומבאַהאָלפנקייט; זי, די פרוי זיינע, איז נישט נאָר אַרומגעגאַנגען פאַרקויפן זיינע ביכער, נאָר שטרענג

אויך אָפּגעהיטן, אַז ער זאָל יעדן טאָג זיצן ביים שרייבטיש און שרייבן — ווי אַ מאַמע היט אָפּ, אַז דאָס קינד זאָל מאַכן די שול־אויפגאַבן...

איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט ביי דער פרוי וויעוויאָרקע, ווייל איך האַלט, אַז זי פאַרדינט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, מחמת, זי איז געווען נישט נאָר די „מאַמע" פון איר אייגענעם מאַן, נאָר די מאַמע פון כמעט אַלע יונגע יידישע שרייבער אין פּאַריז. אַליין אַ פאַרהאָרעוועטע ביים אַרבעטן אַלס מאַסאַזשיסטקע, פלעגט זי מיט אירע שווערע פאַרדינסטן מאַכן פון איר היים אַ וואַרעמע היים פאַר יענע שרייבער, וואָס האָבן זיך אין פּאַריז אַרומגעדרייט עלנט און זעלטן זאַט... זי פלעגט תמיד געפונען עפּעס אַ תירוץ אויף איינצואָרדענען ביי זיך אַ מסיבה — כדי צו געבן די הונגע־ריקע שרייבער אַ געלעגנהייט גוט אָפּצועסן...

איינמאָל, בעת כ'האָב זיך פון וויעוויאָרקעס וווינונג געקליבן צוזאַ־מען מיט דער פרוי וויעוויאָרקע צוצופאָרן אויף „פּלאַץ רעפּובליק" אין קאַפעהויז „טענעם" ווו ס'פלעגן זיך צוזאַמענקומען די יידישע שרייבער, האָט די פרוי וויעוויאָרקע אָנגעפילט איר גרויסן האַנטטאַש מיט סענד־וויטשן; אויף מיין פראַגע צו וואָס זי נעמט די סענדוויטשן, האָט זי מיט מאַמעשער זאָרג געענטפערט: ס'וועט שוין זיין ווער עס זאָל זיי עסן, קיין הונגעריקע שרייבער פעלן נישט...

אגב, האָב איך זיך דאַמאָלט אויך דערוווּסט, אַז איידער די פרוי וויעוויאָרקע האָט זיך גענומען צו מאַסאַזשן, האָט זי געהאַט געעפנט אַ רעסטאָראַן, וואָס די שרייבער האָבן אים אויפגעגעסן אויף באָרג...

איך בין מער ווי זיכער, אַז ווען דער שרייבער וו. וויעוויאָרקע וואָלט געלעבט און געלייענט די קורצע שורות, וואָס איך שרייב וועגן אים — וואָלט ער מיר מוחל־געווען פאַר מיין לענגער אָפּשטעלן זיך ביים דערמאָנען זיין פרוי מיט וועמען ער האָט געטיילט זיין לעבן און שאַפן, און אויך דעם גורל פון אומקום — בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך.

ביניש זילבערשטיין

געבוירן אין טארנע, (גאַליציע) דערצויגן אין קוטנע, פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ לאָדזשער — האָט ביניש זילבערשטיין יאָרן לאַנג געוווינט אין וואַרשע און שטענדיק זיך געפונען אונטערוועגס צו שטעט און שטעטלעך איבער וועלכע ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט, נישט צוליב אינערלעכן אומרו, נאָר צוליב זוכן פּרנסה; אַרומגעשלעפּט זיך אַלס סופלאָר מיט אַ פּראָווינצער טעאַטער־טרופּע, זי באַזאָרגט מיט גייסטיקער שפּייז, געגעבן איר ליטעראַריש־קינסטלערישע אָנווייזונגען, געהאַלטן אין די שטעט און שטעטלעך רעפעראַטן און פאַרלעזונגען פון זיינע אייגענע שאַפונגען, אַרויסגעשלאָגן די הוצאות און צוריקגעקומען קיין וואַרשע מיט דעם, מיט וואָס ער איז אַרויסגעפאָרן: מיט זיין פיזישער עמפּינדלעכקייט פאַר אַלע חולאתן, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר, און — מיט זיין כראָנישער הויט־קראַנקהייט, צוליב וועלכן ער פלעגט זיך אָפט געפונען אין שפּיטעלער פאַר מצורעים און וועגעריש־קראַנקע; אָנגעזען זיך מיט די אויסטערלישסטע בילדער, אָנגענומען זיך מיט אומאָנגענעמע שפּיטאָל־ריחות, וואָס זענען אַ צייט לאַנג געווען זיין לופט און — דער סטימול פאַר אַ גאַנץ ביכל לידער און אַ בוך דערציילונגען וועגן אַ פיזיש־דעגענערירטער און גאַנגרענייזירטער וועלט...

ווי דאָס רוב יידישע שרייבער פון פּוילן, האָט אויך ביניש זילבערשטיין געשטאַמט פון דער יידישער אָרעמקייט, און סיי אין זיין שאַפן, און סיי אין זיין גאַנצן מהות — געווען איינגעשטעלט פּראָלעטאַריש, סאָציאַליסטיש, אידעאָלאָגיש נאָענט צום „בונד".

ווען זילבערשטיין האָט זיך אין יאָר 1924, צו מיין אָפּפאָרן קיין

ארץ־ישראל, חבריש און קאָלעגיאַל געזעגנט פון דער פּועלי־ציון־טריבונע אויף קאַרמעליצקא 23 אין אַרבעטערהיים, האָט ער מיר געווונטשן, איך זאָל זיך מיט אים בקרוב זען צוריק אין וואַרשע...

אַז כ׳בין אין יאָר 1929 געקומען אויף אַ באַזוך קיין פּוילן, האָב איך שוין זילבערשטיינען נישט געטראָפן; צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד האָט ער פאַרלאָזט פּוילן און זיך באַזעצט אין בעלגיע, וווּ ער האָט אויך נישט געהאַט קיין לייכט לעבן, זיך געשלאָגן פאַר איבערקומען דעם טאָג, זיך געראַנגלט פאַרן קיום, נאָר געבליבן פּסיכיש גאַנץ, גייסטיק אימפּול־סיוו און שעפעריש, ווי געווען; מיט אייגענער מי אַרויסגעגעבן און אַליין רעדאַגירט אַ ליטעראַרישע חודש־שריפט „בעלגישע בלעטער״, ביז — די נאַציס האָבן אים צוזאַמען מיט א סך טויזנטער יידן פון בעלגיע — דעפּאָר־טירט און אומגעבראַכט.

קלמן ליס

אַ מיטלוווּקסיקער, אַ שלאַנקער, מיט אַ לענגלעך גוטמוטיק פּנים, מיט אַן אונטערגעשוירענער שוואַרצער פּאַטלע האָר, וואָס פּאַסמעס פון זיי זענען אים אַריבערגעפאַלן איבער די גראָלעך־בלאָלעך שמייכלענדיקע אויגן. און אַ גאַנג האָט קלמן ליס געהאַט, אַזאַ, וואָס מען קאָן אָנרופן: אַ גאַנג אינדערברייט, אַ גאַנג פון אַ מענטש, וואָס איז שטענדיק גרייט מיט עמעצן זיך גוטברודעריש אַרומצוכאַפּן, אַ קלאַפּ־צו־טאָן איבער דער פּלייצע און אַ טרייסל־צו־טאָן, ווי מען טרייסלט אַ בוים...

אַזאַ איז קלמן ליס געקומען פון וואָלין קיין וואַרשע. ער האָט זיך באַוויזן אין יידישן ליטעראַטן־פאַריין טלאָמאַצקע 13 — ביים סאַמע אויפ־קום פונעם נייעם רענעסאַנס אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן, עטלעכע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; געווען זענען עס יאָרן פון זוכענישן נאָך נייע פאָרמען, און דער עיקר — נאָך סאָציאַלן פּראָלעטאַ־רישן אינהאַלט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די נייע רעוואָלוציאָנערע שטימונ־גען פון די יידישע און אויך נישט יידישע אַרבעטערמאַסן. ראַדיקאַלע אַרבעטער און אינטעליגענץ האָבן שטאַרק געגלויבט, אַז דאָס האַלב־פאַשיסטישע פוילן אין שכנות מיטן ראַטנפאַרבאַנד — שטייט אויף דער שוועל פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש. עס האָט זיך געשטעלט די דילע־מע: פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אָדער דעמאָקראַטיע, און אַזוי האָבן אויך די פּראָגרעסיווע שרייבער, איבערהויפּט די „יונגע״, וואָס זענען בטבע רעוואָלוציאָנערער פון די עלטערע — גענומען ליידנשאַפטלעך באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַלער אָריענטאַציע אין דער ליטע־ראַטור; האָבן אָנגעהויבן פּאָליטיש זיך איבעראָריענטירן און איבערגרו־

פּירן און צוגרייטן זיך מיט אַ קלאָרער סאָציאַליסטישער איינשטעלונג — צו אַנטשיידנדיקע טעג...

לכתחילה איז קלמן ליס צוגעשטאַנען צו דער יונגער שרייבער־גרופּע אַרום דער בונדישער „פּאָלקסצייטונג" און „פּאָרויס". נאָר אין יאָר 1929, אַז איך בין צוריקגעקומען נאָך פינף יאָר נישט זיין אין פוילן — האָט שוין קלמן ליס אָנגעהערט צו דער עקסטרעם־ראַדיקאַלער אַזוי־גערופענער „רויטער שרייבער־גרופּע" אַרום דער קאָמוניסטישער „טריבונע".

קלמן ליס האָט נישט איינמאָל געפּרוּווט אויף מיר משפּיע־זיין איך זאָל זיך אָנשליסן אָן דער דאָזיקער גרופּע, נאָר — אָן דערפאָלג. מיין באַדינג איז געווען, אַריינצונעמען מיך אין דער גרופּע מיט „מיין פּאַלעסטיניזם".

אַז איך האָב אין 1932, פאַר מיין אומקערן זיך צוריק קיין ארץ־ישראל, צום צווייטן מאָל זיך געזעגנט מיט ליסן, האָט ער מיר, פעסט דריקנדיק די האַנט, בלויז אַ זאָג־געטאָן: זיי מצליח! און — איך האָב באַמערקט ווי אַ שאָטן איז אים פאַרלאָפן איבער זיינע, תמיד שמייכלענ־דיקע אויגן, ס'איז געווען, ווי אַ שאָטן פון ספקות בנוגע דער צוקונפט פון פוילן און, ווי אַ שאָטן פון באַהאַלטענער קנאה צו מיר...

פון אַלע יידישע דיכטער אין פוילן, איז מיר אין ארץ־ישראל צום מערסטן געקומען אויפן זינען קלמן ליס, מיט וועמען איך בין פערזענלעך געווען זייער באַפריינדעט. איבערהויפּט האָב איך זיך דערמאָנט אָן אים, ווען איך בין געווען מיט האַרץ, אויג און אויער — אַליין מיט דער געריי־ניקטער אין בלוט און שוויס־געהייליקטער, באַנייטער ארץ־ישראלדיקער ערד. פון דער מאַמע־ערד האָט דאָך קלמן ליס פון קינדוויז־אָן געזויגן אַלע ריחות, פאַרבן און קלאַנגען פון דער נאַטור און, אַזוי — אויסגע־וואַקסן אַ דיכטער מיט אַ וואַרעמען ברייטן אָטעם פון די „וואָלינער שליאַכן".

יחיאל לערער

אין יאָר 1924, ווען איך בין נאָך געווען איינער פון י. מ. ווייסנ־בערגס תלמידים און יונגע חסידים, האָב איך אויף איינעם פון מיינע אָפטע באַזוכן ביי אים, געטראָפן זיצן ביי זיין טיש אַ יונגן העל־בלאָנדן בחור, וואָס האָט אַ פּאַרטראַכטער, אַ פּאַרטועגער אין זיך, געקנעטן עפּעס מיט די פינגער און אויפגעהויבן אויף מיר אַ פּאָר בלאָע אומעטיק־פאַרחלומטע אויגן — ווען ווייסנבערג האָט אים מיר פאָרגעשטעלט און אָנגערופן זיין נאָמען.

געווען איז דער דאָזיקער בחור — יחיאל לערער, אויף וועמען ס'איז געווען קענטיק, אַז ער האָט ערשט נישט לאַנג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַנגע קאַפּאָטע מיטן „יידישן" היטעלע און אַריין אין די „קורצע" קליי־דער, וואָס האָבן ביי קיין אופן נישט באַהאַלטן הינטער זיך דעם וויל־לערנער און ווילקענער מיט די האַרטע געדיכטע, כמעט ווייסע ברעמען, וואָס האָבן אים צוגעגעבן חשיבות, ערנסט און עלטערקייט.

— וואָס זאָגט איר עפּעס וועגן לערערן? — האָט מיך ווייסנבערג איינמאָל פּלוצלינג אַ פרעג־געטאָן.

— וואָס זאָל איך זאָגן? מען קאָן נאָך נישט וויסן — האָב איך גע־ענטפערט — ווערלנדיק אויסמיידן צו זאָגן מיין מיינונג מיט וועלכער ער וואָלט, ווי איך האָב שוין אַרויסגעפילט — נישט מסכים געווען.

— און איך האַלט, אַז ער איז דער יידישער טאַגאָרע — האָט מיר ווייסנבערג אויף זיין שטייגער, געענטפערט מיט דער פולער זיכערקייט אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

האַלטנדיק, אַז ווייסנבערג איז די העכסטע אויטאָריטעט, האָב איך

זיך מיט זיין מיינונג שטאַרק גערעכנט, און ס'האָט זיך אין מיר, צום ערשטן מאָל דאַן — אויפגעוועקט דאָס, וואָס מען רופט קנאת־סופרים — צום קומענדיקן ייִדישן טאַגאָרע. נאָר, אַז ווייסנבערג האָט מיר אין אַ צייט אַרום, צווישן זיינע אויסגעפּונענע טאַלאַנטן, אָנגעוויזן אויף אַ קומענדיקן לערמאָנטאָוו, אויף אַ קומענדיקן פּושקין, און צום סוף — אין אַ פּאָסט־קאַרטל געשריבן צו מיר קיין ארץ־ישראל, אַז ער וויל אַרויסגעבן מיינס אַ בוך לידער, כדי צו שטעלן מיט זיי די שענסטע מצבה דער גאַנצער ייִדישער דיכטונג — האָב איך זיך באַרויקט און אויפגעהערט מקנא־צו־זיין לערערן...

פון אַלע ווייסנבערגס חסידים איז יחיאל לערער, ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבן, אים געבליבן דער געטריישטער תלמיד און חסיד, ווען ווייסנבערג האָט מער פון אַלעמען מקרב־געווען און געוואַרעמט אונטער זיינע פליגל, ווייל לערער איז נישט געווען פון די „ווידערשפּעני־קע", וואָס האָבן זיך איינציקווייז גענומען אַרויסרייסן פון תחום־זשעלעכאָוו...

יחיאל לערער, וועלכער איז, ווי ווייסנבערג, געקומען צו דער ליטעראַטור פון זשעלעכאָוו, איז אין זיין גאַנצן פּאַרנעם און באַנעם גע־בליבן אַ זשעלעכאָווער אפילו אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע, וווּ דאָס ייִדישע ליטעראַרישע און קולטורעלע לעבן האָט געקאָכט און געברויזט מיט סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע מאָדערנע שטרעמונגען און אידייען — בעת אַזעלכע אידילישע און פּאַטריאַרכאַלישע ייִדישע שטעטלעך ווי זשע־לעכאָוו, זענען ווי אַלטע צעבראָכענע שיפן אונטערגעגאַנגען פאַר די אויגן פון זייערע קליינשטעטלדיקע זינגער און באַזינגער.

אין דער צייט ווען ווייסנבערג האָט געפירט זיין באַקאַנטן פּאַרבי־סענעם קאַמף מיט דער גאַנצער ייִדישער שרייבער־משפחה פון וואַרשע און אויסער וואַרשע, איז דער גורל פון יחיאל לערערן געווען דער זעל־בער, וואָס דער גורל פון עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק און אַנדע־רע, ווען די אָפיציעלע, די קאַנאָניזירטע שרייבער און קריטיקער האָבן נישט אָנערקענט צוליב דער „זינד" פון ווייסנבערגן, און זיי אויפגעכאַפּט, — ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון ווייסנבערגס אַפּוטרופּסות. וואָלט,

למשל, שלום אַש נישט געווען דער ערשטער זיך וואָרעם אָפּגערופן אויף יחיאל לערערס „מיין היים" אין וועלכן אַש האָט דערהערט אַ ווייט־ווייטן היימישן אָפּהילך פון „אַ שטעטל" — וואָלטן די יידישע קריטיקער איבער דעם בוך אַריבערגעגאַנגען אַזוי אומבאַמערקט, ווי זיי זענען אַריבערגעגאַנגען איבער זיינע ערשטע צוויי ביכער: „שטורעם און ווינט" און „שאול און דוד".

נישט לאַנג פאַרן קריג האָט זיך יחיאל לערער געגרייט צו קומען און באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, ווו ס'געפינט זיך זיינס אַ ברודער. לערער איז צוליב דעם צוועק אַריין אין אַ קיבוץ אין פּוילן, ווו ער האָט, נישט פאַר זיינע כוחות, און שוין נישט פאַר זיינע יאָרן — געוואָלט דורכ־מאַכן די הכשרה; ער האָט זיך אָבער נישט דערוואַרט אויף זיין ריי און איז, נישט צו וויסן ווו, ווען און ווי אַזוי — אומגעקומען ביי די נאַציס.

דוד פליסקין

אַליין, דאַכט זיך, פון אוקראַינע; געלעבט פופצן יאָר אין לאָנדאָן; אַ צען יאָר אין וואַרשע, און אַן ערך פופצן יאָר אין פּאַריז פון וואַנען ער איז פון די נאַציס דעפּאָרטירט־געוואָרן און אומגעקומען — קאָן דוד פליסקין ווערן צוגערעכנט צו דער וואַרשעווער דיכטער־גענעראַציע, וואָס איז אונטערגעוואָקסן מיט העכער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק.

וואַרשע, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען די האָפענונג און דער חלום פון נישט איין יונגן שרייבער — האָט אין איר ליטעראַרישער אויפלעבונג און נישט קליינעם ליטעראַרישן יאַריד — נישט פאַרזען אויך דעם שטילן צניעותדיקן פליסקינען; געגעבן אים די ערשטע אָנערקענונג און די ערשטע טריבונע — די „אַרבעטער צייטונג”, דער אָרגאַן פון די לינקע פועלי־ציון, אַרום וועלכן עס האָט זיך גרופּירט נישט ווייניק יונגע שרייבער.

פון אַלע „יונגע” איז אין יאָרן — דוד פליסקין געווען דער עלטסטער, נאָר פּסיכיש — דער יונגסטער מיט זיין סענסיטיווקייט און קינדישער קאַפּריזנעקייט.

אַ קליינוווקסיקער, מיט אַ גרויסן שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ מיט טיפע זייטנווינקלען, מיט אַ ברייטבייניק פּנים, ברייטלעכע נאָז, גרעבלעכע ליפּן און מיט באַקנבערד — האָט פליסקין געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליינעם ענגלישן לענד־לאָרד, כאָטש געווען איז ער פון די פריסטע יאָרן ביז די לעצטע טעג זיינע — אַן אַרבעטער, אַ שניידער, וואָס האָט שטענדיק געאַרבעט ביי יענעם; נישט געחלומט צו ווערן אַ „מענטש פאַר זיך”, ווייל זיין איינציקער חלום איז געווען: אַ באַפרייטע מענטשהייט. געווען, הייסט עס, אַ פּראָלעטאַריער, אַן אַרבעטער־דיכטער מיט סאָציאַלע

פּאָדערונגען, וואָס האָבן זיך בולט געהערט אפילו אין זיינע צאַרטע קינדערלידער פון א „קינדערישער מלוכה".

אגב, האָט ער זיך צו קינדערלידער גענומען נאָך לאַנגע יאָרן שווייגן און נאָך אַ סך צער פון אומפּרוכטבאַרקייט. נאָר ווי פון אַ נס, האָט זיך פּלוצים געעפנט אין אים אַ נייער שעפערישער קוואַל, און דווקא — פאַר דער דאַנקבאַרסטער און גאַנגבאַרסטער שאַפונג: פאר דער קינדער־וועלט, פאר וועלכער ער האָט זיך מער געאייגנט, ווי פאַר דער וועלט פון דערוואַקסענע.

פליסקין האָט זיך מיט דערוואַקסענע נישט לייכט איינגעלעבט און געהאַט דערפאַר אַן איינאונאיינציקן חבר, פריינט און באַגלייטער אויף אַלע זיינע היים־וואַנדערונגען — זיין שפּעטערדיקן שוואָגער משה לייב בערנשטיין (עלבע) — אַ מענטש מיט אַ פיין געפיל און מיט אַ קינסטלע־רישן חוש פאַר אַלדאָס שיינס און דערהויבנס, מיט רירנדיקער טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט האָט עלבע געקוקט פליסקינען אין די אויגן; געציטערט איבער אים, ווי איבער אַן אייגענעם זון; געטראָגן בשותפות דעם גורל פון זיין לעבן, און געטיילט מיט אים דעם זעלבן טראַגישן סוף.

אברהם פאַליוואַ

אַ מאָגערער, אַ דאַרער, מיט אַן אָפּגעצויגן געפּרוירן פּנים, ווי ביי אַ כראָניש־פּאַרקילטן, און אַ האַלב־בלינדער און האַלב־טויבער — האָט אין וואַרשעווער ייִדישן ליטעראַטן־פּאַריין זיך באַוויזן אַ יונגער בחור, וואָס געשטאַמט האָט ער פון יענדזשעיעוו און געהייסן האָט ער אברהם פּאַליוואַ. נאָך דעם ווי ער האָט אין ליטעראַטן־פּאַריין זיך געהאַט שוין איינגעבירגערט און געוואָרן מיט אַלעמען היימיש — האָב איך זיך דערוווּסט פון אים, אַז אין זיין שטעטל יענדזשעיעוו איז ער געווען אַ שניידער־ייִנגל, און אַז איינמאָל האָט מען אים אַרעסטירט אַן אַבסאָלוט אומשולדיקן, אונטער דער באַשולדיקונג אין קאָמוניזם און, ער איז אָפּגעזעסן דריי יאָר צייט; אַרויסגעקומען פון טורמע אַן אינוואַליד, אַ האַלב־טויבער פון די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען בעתן אויספאַרשן אים, און אַ האַלב־בלינדער — פון זייער אַ סך לייענען און לערנען זיך ביים האַלב־בלינדן ליכט; אין זיין „אוניווערסיטעט" — די תפיסה — האָט ער זיך באַקענט מיט דער ייִדישער און מיט דער וועלט־ליטעראַטור און פילאָזאָפיע; באַקענט זיך מיטן „לעבן" און, גענומען זיך צו דער פּען.

אין משך פון די פיר יאָר (פון 1929 ביז 1932), וואָס איך האָב פּאַליוואַן געזען כמעט שטענדיק אַ הונגעריקן זיך אַרומדרייען אין ליטעראַטן־פּאַריין — האָט ער זייער ווייניק זיך געדרוקט, נישט געהאַט, פּשוט, ווו זיך צו דרוקן, כאָטש די ייִדישע פּרעסע אין פּוילן, איבערהויפּט אין וואַרשע — איז געווען אַ רייך־פּאַרצווייגטע, אָבער — אַ פאַרמאַכטע פאַר דעם יונגן ליטעראַרישן נאָכוווּקס.

שוין די ערשטע דערציילונגען, וואָס פּאַליוואַן האָט זיך איינגעגעבן

אָפּצודרוקן, האָבן באַוויזן, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ צוזאָגנדיקן אייגנאַר־טיקן אינטעלעקטועלן פּראָזאַיקער, וואָס האָט זיך פּאַרמאָסטן אויף ביאָ־גראַפישע ראָמאַנען פונעם לעבן פון די גרעסטע וועלטגייסטער, שרייבער און קינסטלער, ווי: אַ ראָמאַן וועגן לעוו טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, ראָמען ראָלאַן, מיקעל אנדזשעלאָ און אַנדערע; געשריבן עסייען איבער די גרעסטע פילאָזאָפן פון אַלע צייטן, און מיט זיין אויטאָדידאַקטישער קענטע־ניש פון דייטש — זיך פּאַרמאָסטן איבערצוזעצן געטעס „פּאוסט" אויף יידיש.

ס'איז שווער צו זאָגן וואָס פאַר אַן אָרט אין דער ליטעראַטור פּאַלי־וואַ וואָלט פאַרנומען ווען ער וואָלט נאָך איצט געלעבט; מעגלעך, אַז ער וואָלט איבערהויפּט נישט פאַרנומען קיין אָרט, ווייל, ווי איך האָב שוין אַמאָל באַמערקט, איז נישט אַלעמאָל גענוג צו האָבן טאַלאַנט — אויב מען האָט נישט צו דעם־צו דאָס, וואָס פּאַליוואַן האָט אַזוי געפעלט: אַ ביסל „מזל"...

אברהם פּאַליוואַ איז אומגעקומען אין אַ תפיסה, אין ראַטנפאַרבאַנד.

יעקב פרעגער

אין די צוואנציקער און דרייסיקער יאָרן אין וואַרשע, ווען די יידישע ליטעראַטור פון נאָך דער פּרץ־תקופה, האָט ווידער זיך צעבליט מיט אַ נייעם רענעסאַנס, און דער רוב פון דער נייער יונגער שרייבער־גענעראַציע האָט זיך באַמיט אויך אויסערלעך צו מאַכן אַ רושם, זיך צו חנדלען מיט שקאַצישקייט און עקסטראוואגאנץ; מיט פאַרלאָזן זיך לאַנגע האָר, טשופּרינעס, באַקנבערד און בערד; מיט טראָגן שטיוועלעך, געקעסטלטע הויזן, פעלערינעס, אָדער סתם זיין אָפּגעלאָזן און באַהעמיש־צעכראַסטעט, ווי עס פּאַסט פאַר „איבערערדישע" — אין יענער צייט האָט יעקב פרעגער אינעם ליטעראַרישן יאריד אויף טלאָמאַצקע 13, אויסגעזעזן צו זיין פון די נאָרמאַלסטע, פון די גייסטיק געזונטסטע, פון די פּאַרק־נעפּלטע אויף אַלע קנעפּלעך, אַ פּעדאַנטיש־ריינער, אַ שטענדיק יום־טובֿדיק־אָנגעטוענער, ווי אַ סאָלידער „סטאַטעטשנער" איידעם ביי אַ רייכן שווער אויף קעסט.

באַקענט מיט פרעגערן האָב איך זיך ביים יידישן קינסטלער, דעם מעטאַלאָפּלאַסטיקער און סקולפּטאָר חיים האנפּט אין אָטוואָצק, ווו אויך פרעגער האָט געוווינט. פרעגער איז געקומען איינלאַדן האנפּטן צו זיך אין שטוב, ווו ער וועט פאַר אַ קרייז שרייבער און קינסטלער פאָרלייענען זיינע אַ דראַמע. צוליב דעם וואָס איך בין גראָד געווען האַנפּטס גאַסט אויף עטלעכע טעג, האָט פרעגער איינגעלאַדן אויך מיך און, כ׳בין אויף צומאָרגנס אין אָוונט אַוועק צו אים צוזאַמען מיט האַנפּטן.

אויף דער ווערענדע פון פרעגערס זומערוווינונג אין וועלכער ער האָט אויך געוווינט ווינטערצייט, האָב איך שוין געטראָפן אַ מנין מענטשן פאַר וועלכע פרעגער האָט מיך פאָרגעשטעלט. איך געדענק שוין נישט

געני וועד עס זענען געווען די אַלע, וואָס זענען זיך אין יענעם אָוונט צונויפגעקומען; איך געדענק נאָר, אַז צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען מיין ערשטער ליטעראַרישער אפּוטרופּוס י. מ. ווייסנבערג, דער איבערזעצער פון ניטשעס „עקצע האָמאָ״ — אייבעשיץ, און דער רעזשיסער פון ש. אַנ־סקיס „דיבוק״ — דוד הערמאַן — צוליב וועמען פּרעגער האָט אראַנזשירט ביי זיך דעם ליטעראַרישן אָוונט.

יעקב פּרעגער, וואָס האָט אין דעם אָוונט ממש געגלאַנצט מיט דער שוואַרצקייט פון זיין זאָרגפעליק־פּאַרקעמטן קאָפּ האָר, און מיט זיין יום־טובדיקן שוואַרצן מלבוש — האָט געלייענט (דאַכט זיך, זיין דראַמע „דער נסיון״). דוד הערמאַן האָט זיך מער פון אַלעמען אויפמערקזאַם צוגעהערט, און פּרעגערס פרוי, אַן אַסימילירטע מיט דער פּוילישער שפּראַך און קול־טור — האָט געהאַלטן אין איין דערלאַנגען כיבוד און אין איין ווענדן זיך צו פּרעגערן אין דער פּוילישער שפּראַך, וואָס האָט אין דער יידישלעך־ליטעראַרישער אַטמאָספער געקלונגען פרעמד און גרינגשעצנדיק, און — אַרויסגערופן גרויס פּאַרדרוס, ניט נאָר ביי די פּאַרזאַמלטע, נאָר, ווי איך האָב באַמערקט — אויך ביי פּרעגערן.

ווי איך האָב שפּעטער געהערט פון חיים האַנפטן, איז נאָך דער דאָזיקער מסיבה ביי פּרעגערן אין שטוב, געקומען צו אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש צווישן פּרעגערן און זיין פרוי — פאַר איר רעדן פּויליש אין דער געזעלשאַפט פון זיינע יידישע קאָלעגן, שרייבער.

אין־דער־אמתן האָט אויך פּרעגער, וואָס איז אין זיין שאַפן געווען שטאַרק פאָלקסטימלעך־יידיש — גערעדט מיט זיין פרוי און קינד פּויליש, נישט נאָר אין גאַס, נאָר אויך ביי זיך אין שטוב, ווי דאָס האָבן געטאָן אַ סך יידישע שרייבער, וועמענס פרויען ס׳האָבן זיך באַמיט איינצופירן ביי זיך „סאַלאָנען״, וואָס פאַרטראָגן „בטבע״ נישט קיין יידיש...

ביי פּרעגערן אין שטוב איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַ סך מאָל אָבער — נישט געגנוג אויף אויסצולערנען זיך ביי אים אַ גוטן פּויליש — כדי צו קאָנען זיך דורכשמועסן אויך מיט זיין פרוי, די דענטיסטין, וועמען פּרעגער האָט פאַקטיש געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין קאָנען רויק אָנגיין מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט אַלס יידישער דראַמאַטורג.

אלעקסאנדער פּאַרבאַ

אין יענער צייט ווען כ׳בין נאָך אָפיציעל נישט געווען קיין מיטגליד אין דער יידישער װאַרשעװער שרייבער־משפחה, און בין אַ דאַנק מיין ערשטן אפוטרופּוס י. מ. װייסנבערג געווען בלויז אַן אָפטער יונגער גאַסט אינעם ליטעראַרישן „פּאַרנאַס״, טלאָמאַצקע 13 — אין יענער צייט זענען מיר נאָך די יידישע שרייבער געווען אומבאַקאַנט; כ׳האָב נישט געוווסט נאָך זייערע אַלעמענס נעמען און אויך נישט ווער, ווו און וואָס עס שרייבט — פלעג איך זיצן אין ליטעראַטן־פאַריין און באַטראַכטן די וואָס קומען און גייען, און געווען אפילו נישט ווייניק אַנטוישט, וואָס נישט אַזוי האָב איך זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט דאָס אויסזען פון מענטשן פון גייסט — ווי איך האָב זיי געזען אין ליטעראַטן־פאַריין.

עס זענען געווען בלויז יחידים, וועמענס אויסערלעכקייט עס האָט אין אַ געוויסער מאָס באַפרידיקט מיין פריערדיקע פאָרשטעלונג וועגן זיי...

איינער פון די יחידים, וואָס האָט מיט זיין באַזונדערקייט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט און נייגער איז געווען אַלעקסאַנדער פּאַרבאַ. אויך ער, פּאַרבאַ, האָט אין מיינע אויגן נישט אויסגעזען ווי אַ שרייבער, נאָר גיכער, ווי אַ רוסישער אייביקער סטודענט אַן „עקסטערניק״, וואָס פלעגט זיך לאָזן וואַקסן אַ באָרד און לאַנגע האָר, און איז אין געהיים זיך עוסק־געווען מיט פּאַרטייאישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. פּאַרבאַ האָט, וואָס אַן אמת, געהאַלטן זיין שוואַרץ בערדל מיטן שוואַרצן קאָפּ האָר זאָרגפעליק אונטערגעשוירן, נאָר מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז עס פעלט אים בלויז די שוואַרצע, „רובאַשקע״ מיטן רויטן גאַרטל איבער די לענדן — ער זאָל אויסזען ווי איינער פון יענע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־טיפּן, וואָס מיין

פּעטער משה, דער געוועזענער סאָציאַל־דעמאָקראַט פלעגט מיט זיי קומען צו מיר אַהיים — ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל.

ווי נישט יידיש פּאַרבאַ האָט אויסגעזען פאַר מיין אויג, אַזוי עכט יידיש האָט ער אויסגעזען בעת מען האָט אים געהערט, כאָטש, גערעדט האָט ער זייער וויניק און נישט מיט אַלעמען, אָבער — זייער ליידנשאַפט־לעך, כ׳וואָלט אפילו געזאָגט: מיט יידישלעכער תקיפות פון אַ קשי־עורף.

אויף צווישן מיר און פּאַרבאַן האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרבונדן קיין שמועס און, מיר זענען בלויז יוצא־געווען מיט זאָגן זיך אַ פריינטלעכן גוט־מאָרגן אָדער גוט־אָוונט און, געהאַט צווישן זיך אַ שטומע קעגנזייטי־קע סימפּאַטיע. נאָר איין מאָל, פאַר מיין אָפּפאָרן פון פּוילן קיין ארץ־ישראל, איז פּאַרבאַ נישט יוצא־געווען מיט בלויז זאָגן מיר גוט־מאָרגן און ער איז צו מיר צוגעקומען, דערלאַנגט מיר אַ פעסטן דריק די האַנט און געזאָגט: כ׳האָב געהערט, אַז איר גרייט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, זייער גוט טוט איר, זייער גוט, הלואי וואָלט איך עס געקאָנט. נו, זייט מצליח! און — אין זיינע גרויסע טיף־שאָטנדיקע אויגן האָט ווי אַ בליק־געטאָן אַ פאַרבאָרגן פּייערל...

בעת כ׳בין אין יאָר 1929 געקומען אויף אַ באַזוך קיין פּוילן, האָב איך פּאַרבאַן, ווי אַלע מאָל געזען לאַנגזאַם און מיושבדיק שפּרייזן איבערן גרויסן זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין, אָדער זיצן מיט עמעצן ביי אַ זייטיק טישל און מיט גרויס אייפער וואַרפן געציילטע און אָפּגעהאַקטע זאַצן אין וועלכע ס׳האָט זיך געהערט תרעומות און אַנטשלאָסנקייט.

ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, זענען זיינע כסדרדיקע טענות געווען, ווי פון אַ סך שרייבער — קעגן דער איגנאָראַנץ צו אים מצד די געקרוינטע און זעלבסטגעקרוינטע, וואָס מיט אומרעכט — מער ווי מיט רעכט — האָבן זיי זיך ארויפגערוקט צו דער „מזרח־וואַנט״ צום אויבן־אָן פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן, פאַרכאַפּט, הייסט עס, דעם בעלעמער מיטן עמוד, און געטיילט זיך „עליות״ איינער דעם אַנדערן...

פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אַלעקסאַנדער פּאַרבאַ פלוצלינג געוואָרן שטאַרק רעליגיעז און אָנגעשריבן אַ מיסטיש־פילאָזאָפיש ווערק, וואָס האָט נישט דערלעבט צו זען די ליכטיקע שיין.

ווי מיר האָט איבערגעגעבן אַלעקסאַנדער פּארבאס זון, דער קונסט־מאָלער יצחק פּארבא, וואָס וווינט שוין עטלעכע יאָר אין צפת — איז אויך דער טויט פון זיין פאָטער געווען מיסטעריעז און נישט אויפגעקלערט: אין איינער אַ נאַכט איז ער פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן ביי זיך אין דער וווינונג, און אינדערפרי — אויסגעגאַנגען אין שפּיטאָל.

געשען איז עס אין וואַרשעווער געטאָ, אין יאָר 1940.

הערש צינאמאן

אין יאָר 1927 האָב איך זיך אין אַ קאַפעהויז אין תל־אביב, צופע־ליק געטראָפן מיט אַ בחור, וועלכער איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען אין לאַנד־אַריין, געטראָגן נאָך דעם שטאַרק־צעקנייטשטן מלבוש פון דורכגיין דעם קאַראַנטין, און בכלל — געמאַכט אויף מיר אַן אומעסטעטישן און ווילדן איינדרוק פון אַ „יונג פון די בלאָטעס". געווען איז ער מיטלוווקסיק און ברייטלעך, מיט אַ היפשן קאָפּ, וואָס איז אים געזעסן טיף צווישן די אַקסלען; געהאַט אַ שטויביקע, צעקאָשמערטע און ערטערווייז, ווי אויסגע־פליקטע טונקעלע פאַטלע האָר, אַ שטעכיק פאַרוואקסן פּנים פונוואַנען עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר בלאַלעך־וואַסערדיקע לויפיקע כיטרע אייגע־לעך, ווי ביי אַ פויער און, באַוועגונגען — אומגעלומפּערטע, בעריש־שווערע.

געהייסן האָט דער דאָזיקער בחור: הערש צינאַמאָן. געשטאַמט האָט ער פון אַ דאָרף הינטער שעדלעץ, פון אַ חסידישן טאַטן, אַן אַרענדאַר, וואָס האָט אויך געהאַט אייגן פעלד, וואַלד, אַ מיל, און אַ סאַד אַרום דער אייגענער נחלה; געווען הייסט עס, אַ ייד אַ גביר, וואָס האָט מיטן זון זיי־נעם, מיט הערשלען, געהאַט אַ שלעכט לעבן, אים געדודפט און געטריבן פון שטוב — פאַר נישט וועלן זיין אַ „לייט", פאַר נישט וועלן צוהעלפן און יוערן אַ שרייבער אין דער מיל, נאָר — אַ שרייבער אין די „גאַזעטן".

יאָ, הערשל צינאַמאָן האָט בעת דער ערשטער באַגעגעניש מיט מיר, מיר מגלה־געווען, אַז ער שרייבט און, אַז ער וואָלט מיר באַלד טאַקע געוויזן עפּעס פאַרגעלייענט, נאָר ער האָט גראָד גאָרנישט ביי זיך, און — צוגעזאָגט, ביי דער צווייטער באַגעגעניש עפּעס צו ווייזן — אויב איך וועל גרייט־זיין צו הערן.

בעת דער צווייטער באַגעגעניש מיט אים אינעם זעלבן קאַפּעהויז, האָט דער בחור הערשל צינאַמאָן אַרויסגענומען פון בוזעמקעשענע אַ שטאַרק צעקנאָדערט געל־פאַרפּעצט פּאַפּיר, וואָס ער האָט געפּרוווט אויפן טישל אויסגלייכן עס מיט דער האַנט און, גענומען פאַר מיר לייענען פון אַ צעגאָסן און פאַרקלעקט כתב. וואָס ער האָט מיר געלייענט געדענק איך שוין נישט; איך געדענק נאָר, אַז געווען איז עס אַ מעשהלע, וועגן אַ וואַלד, אַ מעשהלע, וואָס האָט מיך פאַרכאַפּט מיט דער רייכער פאַנ־טאַסטישער שיינקייט און מיט צויבערקלאַנגען פון וואַלדמוזיק. לייענט מיר נאָך עפּעס — האָב איך זיך שוין פשוט געבעטן ביי אים, כאָטש לאַנג בעטן זיך ביי אים האָט מען נישט געדאַרפט, און, ער האָט מיר געלייענט איין מעשהלע שענער פון דעם אַנדערן, און ס׳איז מיר אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק — אַנדערסען.

אין יאָר 1930 האָב איך צינאַמאָנען געטראָפן שוין אין וואַרשע, אין יידישן ליטעראַטן־פאַריין טלאָמאַצקע 13, ווו פון אַלע פּוילנס שטעט און שטעטלעך האָבן געצויגן יידישע יונגעלייט מיט כתבים, און האָבן ביי די עלטערע שרייבער — געזוכט אַ גוט וואָרט און אַ ביסל דערמוטיקונג.

וועגן דער דערמוטיקונג און וואַרעמקייט, וואָס די עלטערע שרייבער האָבן צוגעטיילט די יונגערע, די אָנפאַנגער — וואָלט איך געקאָנט זייער אַ סך דערציילן, ווייל כ׳האָב די „וואַרעמקייט" זייערע, אין משך פון אַ סך יאָרן געפילט אויף דער אייגענער הויט... אין שייכות מיט דער באַציאונג פון די עלטערע שרייבער צו צינאַמאָנען, וויל איך ווי אַן עדות ברענגען בלויז צוויי פאַקטן, וואָס אילוסטרירן בולט די דאָזיקע באַציאונג:

בעת צינאַמאָן איז אין ליטעראַטן־פאַריין איינמאָל צוגעגאַנגען צו אַ טישל ביי וועלכן ס׳איז געזעסן אַן אָנגעזעענער יידישער שרייבער און, געבעטן ביי אים אַ פּאָר מינוט אויפמערקזאַמקייט אויף דורכלייענען פאַר אים איינס פון זיינע מעשהלעך, האָט זיך דער שרייבער, ווי פון אַ ביס, אַ הויב־געטאָן פונעם אָרט, און מיט אַ געשריי: זיי לאָזן נישט לעבן, ווי די פליגן! — אַנטלאָפן פון טישל און געלאָזט צינאַמאָנען מיטן מאַנוסקריפּט אינדערהאַנט.

אַ צווייט מאָל האָב איך צינאַמאָנען געזען צוגיין צו אַ טישל ביי

וועלכן ס׳איז געזעסן אַ באַקאַנטער שרייבער, אַ ציניקער און אַן אַפּלאַ־כער, וואָס האָט מיט דער הילף פון אַ הייפל שרייבער און שרייבערלעך, חונפים, — זיך געקרוינט פאַר דעם „חכם״ פון טלאָמאַצקע 13 ; דער שרייבער־ציניקער האָט צינאַמאָנען יאָ אויסגעהערט, כסדר געשאָקלט, בעת־מעשה, מיטן קאָפּ, אויף יאָ, און צוגעגעבן : זייער גוט ! זייער פיין ! און ווען צינאַמאָן איז אַ צופרידענער אַוועק פון זיין טישל — אויסגעשאָסן מיט געלעכטער און אַ פרעג־געטאָן ביי די בייזיצנדיקע : וואָס זאָגט איר עפּעס צו אַזאַ „פאַרשלעפּטער קרענק״ ?...

אַז כ׳האָב די צוויי פאַקטן שפּעטער איבערגעגעבן וויסנבערגן, וואָס האָט וועגן צינאַמאָנען געהאַט די זעלבע מיינונג, וואָס איך — האָט ער מיט כעס אַ זאָג־געטאָן : עס זאָל אויף זיי קומען אַ וויסטע שטשיסקע ! וואָס ער האָט געמיינט מיטן וואָרט שטשיסקע — האָב איך אויף קלאָר נישט געוווּסט, נאָר לויטן פייערל, וואָס כ׳האָב דערזען אין זיינע מאַנגאַ־לישע אויגן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז געבענטשט האָט ער זיי נישט...

פאַר מיין אומקערן זיך פון פּוילן צוריק קיין ארץ־ישראל, האָט זיך אויך צינאַמאָן געגרייט אומצוקערן ; אומצוקערן זיך נישט אַליין, נאָר מיט אַ גאַנצער קבוצה, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין אָרגאַניזירן, ביז — ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

וואָס עס איז געוואָרן מיט דער קבוצה, ווער פון איר עס איז אומגעקומען, ווער זיך געראַטעוועט און אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל — איז מיר נישט באַוווּסט. איך ווייס נאָר פון דער טויטן־רשימה פון אומגעקומענע יידישע פּען־מענטשן פון פּוילן, אַז אומגעקומען איז אויך הערש צינאַמאָן — דער יידישער אַנדערסען, וועמענס ווונדערבאַרע מעשהלעך עס זענען געוואָרן איבערגעריסן — איידער זיי זענען דערגאַנגען צום ברייטן יידישן לייענער־עולם.

יוסף קירמאַן

צווישן די נעמען פון יידישע שרייבער, וואָס זענען הינטער די
ווענט פון די געטאָס און הינטער די עלעקטריזירטע דראָטן פון די טויט־
לאַגערן געפאַלן, ווי העלדן, אין קאַמף מיט די היטלעריסטישע חיות, —
איז אין דער ערשטע רייע טאָמער דער בעסטער דיכטער יוסף
קירמאַן, וועלכער איז לויט באַגלויבטע קוועלן, אומגעקומען בעת דעם
אויפשטאַנד אין פּאָניאַטאָווער קאָנצענטראַציע־לאַגער הינטער וואַרשע.
פאַר מיר פערזענלעך איז מיט קירמאַנען אומגעקומען נישט בלויז
אַ טאַלאַנטפולער דיכטער, אַ פעדער־קאָלעגע, נאָר אַן אינטימער חבר, וועל־
כער האָט אין איין צייט מיט מיר, געשטעלט די ערשטע ליטעראַרישע
טריט; געקומען מיט מיר פון דער פריסטער יוגנט פון איין און דער זעל־
בער שולע: פון דער גרויסער אָרעמקייט און נויט פון די יידישע פאָלקס־
מאַסן, און אין איין צייט מיט מיר — באַקומען איין און די זעלבע פּראָלע־
טאַריש־געזעלשאַפטלעכע דערציאונג — אין דער פאַרטיי לינקע פועלי
ציון אין וואַרשע.

ווי מיט אַ סך יאָרן צוריק אין דער וואַרשעווער אַרבעטערהיים
קאַרמעליצקע 23, אָדער אין יידישן ליטעראַטן־פאַריין טלאָמאַצקע 13 —
שטייט ער מיר איצט פאַר די אויגן, אַ „יונג מיט ביינער" אָדער ווי קיר־
מאַן אַליין זאָגט וועגן זיך אין זיינס אַ ליד: „מיט פעסט־געבויטע גלי־
דער"; אַ יונג — אַ שמיד, און פון פאַך אַ... שטעקעלעך־מאַכער — האָט
ער שטענדיק געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געזוכט ביי וואָס אויס־
צולאָדן זיין נישט פאַרווענדטן כוח, וועגן וועלכן ער האָט זייער אַ סך
גערעדט און ווי דעמאָנסטרירט מיט אים — אין אַ גרויסער צאָל לידער.

ווי מיט יאָרן צוריק — זע איך אים איצטער, דעם „יונג״ קירמאַן מיט די פעסטע פּלייצעס און שטאַרקע הענט, מיט דעם עטוואָס מגושמ־דיקן פּנים און נעגערישע ליפּן; מיטן שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ האָר און טונקל־ברוינע אויגן, וואָס האָבן כמעט שטענדיק געהאַט דעם עקזאַלטירטן גלאַנץ פון דיכטערישער אָנרעגונג און אויפבליק.

ווי איך געדענק, איז קירמאַן אין אַלע צייטן געווען זייער פּראָדוק־טיוו, און לויט ווי מען האָט דערציילט וועגן אים, האָט ער אויך אין די באַדינגונגען פון געטאָ־לעבן אַ סך געשריבן, און בעתן גרייטן זיך צום אויפשטאַנד — באַגראָבן ערגעץ אַלע זיינע שאַפונגען, ווי ער וואָלט זיכער־געווען, אַז ער, אָדער עמעץ פון זיינע מיטקעמפער וועט בלייבן לעבן און — אויפגראָבן זיין גייסטיק פאַרמעג.

אין דער גרויסער עפּאָפּעיע פון יידישן געטאָ־אויפשטאַנד, גבורה און מאַרטיראָלאָגיע — זאָל פאַראייביקט ווערן אויך דער דיכטער יוסף קירמאַן.

דוד קעניגסבערג

צו די יעניקע שרייבער־פיזאָנאָמיעס, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון, אפילו פון איינמאָל זעען זיי — האָט געהערט דער דיכטער דוד קעניגסבערג.

ווי מיט דעם רוב יידישע שרייבער פון פוילן — האָב איך זיך אויך מיט קעניגסבערגן באַקענט אין דער געוועזענער יידיש־גייסטיקער מעטראָפּאָליע אין וואַרשע: אין יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין טלאָמאַצקע 13. איך געדענק שוין נישט ביי וואָס פאַראַ געלעגנהייט מיר האָבן זיך באַקענט, זיך פריינטלעך באַגריסט, געדריקט זיך די הענט און — אָן עפּעס צו רעדן צווישן זיך, זיך אויסצוטוישן מיט אַ פּאָר ווערטער — זיך צעגאַנגען און געזעצט זיך יעדער ביי אַ באַזונדער טיש. געווען איז עס אין יאָר 1930.

נאָך דער דאָזיקער ערשטער שטומער באַגעגעניש, האָב איך אין משך פון די צוויי יאָר ביז צו מיין אָפּפאָרן פון פוילן — געזען קעניגסבערגן נאָך עטלעכע מאָל, און דאָס — מיט לאַנגע הפסקות פון איינמאָל צום אַנדערן, און יעדעס מאָל — מיט דער זעלבער וואָכעדיקייט פון זיינע אָפּגעטראָגענע מלבושים, און אין שטיוול, אויף וועלכע עס איז שטענדיק געלעגן דער שטויב פון זיין גאַליציש דאָרף ווו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ערדאַרבעט און דערפאַר אויסגעזען שטענדיק מיד, ווי נישט אויסגעשלאָפן, געהאַט ווי נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן און אַ לענגלעך, צעאַקערט, גוטמוטיק און רויק פנים, וואָס איז גרייט באהבה אַנטקעגן־צוגיין יעדן שטורעם...

יעדעס מאָל, וואָס מיר האָבן זיך צופעליק באַגעגנט, האָט מיך

קעניגסבערג באַגריסט מיט אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ און מיט אַ שמייכל, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן מיט וועלכן מען האָט זיך שוין ווי אינגאַנצן אויס־גערעדט, אַזוי, אַז ס'איז שוין מער נישט געבליבן, ווי — אַ שמייכל־צו־טאָן פון קעגנזייטיקן פאַרשטיין זיך אפילו אויפן ווונק — כאָטש קיין איינמאָל האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן צו פאַרבינדן צווישן זיך דעם קלענסטן שמועס.

קעניגסבערג האָט אויסגעזען צו זיין פון „מיינע מענטשן", וואָס קוקן אַ סך, הערן אַ סך און שווייגן אַ סך. בלויז איינמאָל איז ער פּלוצלינג צוגעקומען צו מיר אין ליטעראַטן־פאַריין, מיך אָפּגערופן אַן אַ זייט, ווי מיר צו זאָגן עפּעס בסוד, און, פאָרזיכטיק, ווייך, כדי ס'זאָל מיך נישט באַליידיקן — מיך געמאַכט אויפמערקזאַם אויף אַ טעות מיט אַ וואָרט אין מיינס אַ ליד. געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן אַ נאָמען פון אַ מינעראַל־שטיין „מאַלאַכיט"; קעניגסבערג האָט אויסגעפונען, אַז דער דאָזיקער שטיין פּאַסט זיך נישט אַריין אינעם קאָלאָריט פון מיין ליד און, ביי דער געלעגנהייט מיר געשילדערט די פאַרב און די אייגנאַרט פון כל־המינים מינעראַל־שטיינער אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות. אַז ער האָט געענדיקט זיין באַמערקונג און די אויפקלערונגען איבער די פאַרשידענע שטיינער, האָט ער מיך, ווי דרך־אגב, פּלוצלינג אַ פרעג־געטאָן: איר שרייבט אַמאָל סאָנעטן? אַז כ'האָב געענטפערט: ניין — האָט ער מיר פאַרגעלייגט זיך צו באַקענען מיט זיין בוך „הונדערט סאָנעטן", וואָס ער אַליין האָט זיי מיר, האַרט פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, געבראַנגט צו לייענען.

ווי מיט איין שלונג האָב איך ביי אַ טישל פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין דורכגעזיפּט קעניגסבערגס „הונדערט סאָנעטן". עס האָט מיך פאַרכאַפּט קעניגסבערגס גייסטיקע קאָנצענטרירטקייט, די זעלישע רו זיינע, וואָס איז געלעגן אויף אַלע הונדערט לידער פון דער פּרעציזסטער דיכט־קונסט, און דער עיקר — וואָס פון הינטער די סאָנעטן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ הויך־עטישע פּערזענלעכקייט, אַזאַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט, וואָס שאַפט אַטמאָספערע און איז די ריינע לופט אין אַ שרייבער־און קינסטלער־קאַריפיי.

פנחס קאַץ

אין דער געוועזענער רייך־צעצווייגטער יידישער שרייבער־משפחה אין פוילן, האָבן אַן אַנגעזעען און, אפשר, דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין דער צאָל, — פאַרנומען די פּרעסע־מענטשן, די זשורנאַליסטן, פּובליציסטן און פעליעטאָניסטן פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען. די פּרעסע איז געווען די אַזוי־גערופענע „זיבעטע מלוכה" אין וועלכער נישט יעדער שרייבער, איבערהויפּט פון די יונגע פּראָזאַיקער און דיכטער — האָט געקאָנט אַזוי לייכט אַריינקריגן זיך, און זיי זענען דערפאַר, סיי פּראָפעסיאָנעל און סיי פּערזענלעך — געווען צום ווינציקסטן פאַרבונדן מיט די פּרעסע־מענטשן.

מיר פּערזענלעך האָט זיך (איך געדענק שוין נישט ווי אַזוי), יאָ איינגעגעבן צו דערוועבן־זיך עטלעכע פריינט פון צווישן די ציטונג־מענטשן. אַ קעגנזייטיקע פריינטשאַפט האָט זיך אָבער איינגעשטעלט נאָר צווישן מיר און דעם הומאָריסט פּנחס קאַץ, וואָס האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט אין וואַרשעווער „מאָמענט", געהאַט זיין ווינקל פאַר הומאָר, וויץ און סאַטירע און, אין משך פון יאָרן — אַליין אַרויסגעגעבן חודש־בלעטער און יום־טוב־בלעטער, וואָס זענען געווען דער לייכטער אונטערהאַלטונג־שטאָף פאַר יעדער בירגערלעכער און אויך נישט בירגערלעכער יידישער שטוב.

אַז כ'האָב דאָס ערשטע מאָל געזען פּנחס קאַצן און אים נישט גע־קענט, האָט ער אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ וואַריטע־אַקטיאָר אָדער קאָנפעראַנסיער. באַקומען האָב איך דעם דאָזיקן איינדרוק — צוליב זיין לייכטקייט און באַוועגלעכקייט, וואָס איז געלעגן נישט נאָר אין זיינע הענט און פיס, נאָר אויך אין זיין גאַנצער מיטל־וווקסיקער שלאַנקער

פיגור און, אין זיין לענגלעך, עטוואָס בלאַס און שטענדיק רייך־אַרומראַ־זירט פּנים, וואָס האָט, קאָן זיין, פון נערוועזיטעט, געצוקט, און געהאַט דעם אויסדרוק פון שפּיל דורך גרימאַסן. (אגב, איז דער באַקאַנטער טלאַנטפולער אַקטיאָר זישע קאַץ פון געוועזענעם „סקאַלאַ"־טעאַטער אין וואַרשע — געווען אַ ברודער פון פּנחס קאַצן. אויך דער שרייבער בענעק פון פּאַריז, איז זיינער אַ ברודער).

אַריינגעפירט צו פּנחס קאַצן אין שטוב, האָבן מיך צוויי פון זיינע שוועסטער, מיט וועלכע כ'האָב זיך נאָך פריער ערגעץ־ווו געהאַט באַקענט און באַפריינדעט. אַ דאַנק די צוויי שוועסטער זיינע, בין איך געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו זייער ברודער פּנחס, און איך מוז זאָגן, אַז איך גע־דענק נישט נאָך אַ שטוב אין וואַרשע, ווו איך זאָל זיך האָבן געפילט אַזוי גוט, ווי אין דער געזעלשאַפט פון פּנחס קאַצן מיט זיין זייער פיינער, קלוגער און איידעלער פרוי הענעלע, און אין געזעלשאַפט פון פּנחס קאַצס שוועסטער און ברידער, ביי וועמען הומאָר איז געווען אַ „משפּחה־פעלער". איז מען געזעסן מיט זיי ביים טיש, האָט דער גרעסטער מרה־שחורהניק געמוזט מיטלאַכן פון די וויצן און גלייכווערטלעך, וואָס האָבן זיך עקספּראָמט געשאָטן ביי זיי פון אַלע זייטן און, פול־געמאַכט די שטוב — מיט געזונט און קלוג געלעכטער. דער טאָנגעבער איז, פאַרשטייט זיך, געווען פּנחס קאַץ, וועלכער האָט טראַץ דעם, וואָס מיך איז נישט אַזוי לייכט געווען צו מאַכן לאַכן — אַנטדעקט אין מיר אַ ניצוץ פון אַ הומאָ־ריסט...

אומגעריכט האָט פּנחס קאַץ אַמאָל אַנטפּלעקט פאַר מיר זיינע, באמת, דיכטערישע פעיקייטן אויפן געביט פון קינדערלידער. ער האָט די לידער געשריבן מיט דער זעלבער לייכטקייט, שפּילעוודיקייט און הומאָר, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. ער האָט זיך, ווי איך געדענק, געקליבן די קינדערלידער אַרויסצוגעבן אין אַ זאַמלונג. צי זיי זענען־ווען דערשינען — ווייס איך נישט; דאָס מוז אוודאי וויסן זיין ברודער בענעק, אָדער זיין געוועזענער שוואָגער, דער פּעליעטאָניסט פונעם אַמאָליקן וואַר־שעווער „היינט" ב. קוטשער.

משה שימעל

אין יאָר 1930, באַלד נאָך מיין קומען פון ארץ־ישראל קיין פוילן, האָט מיך ש. ל. שניידערמאַן געפירט באַקענען מיך מיט אַ יונגן, יידיש־פוילישן דיכטער מאַוריצי שימעל, וואָס איז געקומען פון זיין געבורט־שטאָט לעמבערג, שטודירן אין וואַרשע, און געוווינט (ווי אַ סך יידישע אַקאַדעמיקער) — אין דער יידישער אַקאַדעמישער היים אין פראַגע.

געווען איז שימעל אַ נידעריקער, אַ העלער, מיט בלאַנדע, גלאַטע אַריבערגעוואָרפענע האָר איבער אַ שמאָלן שטערן; געהאַט אַ פּאָר אומע־טיק־פאַרטראַכטע בלאָע אויגן, וואָס האָבן געקוקט ווי פאַריסן אַרויף אין די הימלען און צוגעגעבן דעם אינטעליגענטן פאַרצערטלטן פנים זיינעם — ראָמאַנטישע ווייכקייט פון אַ שטענדיק פאַרליבטן.

דערהערט אַז איך קום פון ארץ־ישראל — האָט שימעל אויסגע־שטעלט אַ פּאָר גרויסע פאַרחידושטע אויגן און אַן איבעראַשטער מיך איבערגעפרעגט: וואָס, איר קומט פון פּאַלעסטינע?

— ניין — זאָג איך — פון ארץ־ישראל.

— יאָ, פון ארץ־ישראל — האָט זיך שימעל לאַכנדיק צוריקגע־כאַפּט און מיט קינדישער נייגעריקייט מיך גענומען בעטן איך זאָל אים עפּעס דערציילן פונעם ארץ־ישראלדיקן לעבן.

— וואָס — זאָג איך — זאָל איך אייך דערציילן? לייענט אַדורך מיין ביכל „אין זוניקן לאַנד" און איר וועט האָבן דערפון אַ קלאָרער בילד ווי פון מיין דערציילן.

שימעל האָט זיך פאַרוויטלט און מיט אַ שמייכל, ווי פאַרשולדיקט

זיך פאַרענטפערט: איך קאָן דאָך אָבער נישט לייענען קיין יידיש, איר הערט דאָך ווי איך רעד...

— גוט — זאָג איך — מאָרגן ברענג איך אייך מיין ביכל און וועל אייך עפּעס לייענען דערפון.

אויפצומאָרגנס אינאָוונט בין איך געזעסן ביי שימעלן אין זיין צימערל און געלייענט פאַר אים מיינע ארץ־ישראל־לידער. איך האָב גע־מוזט אָנהייבן פונעם ערשטן ליד און ענדיקן מיטן לעצטן, און טאָמער איז עס נאָך ווייניק געווען — איז ער צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל עפּעס דערציילן פון ארץ־ישראל אַזוינס פון וואָס איך האָב נאָך נישט געשריבן...

די טעמע ארץ־ישראל איז געוואָרן שימעלס הויפּט־געשפּרעך בעת מיין יעדן באַזוך ביי אים, ביז — ער האָט איינמאָל אין אַ שמועס, זיך פּלוצלינג צו מיר געווענדעט ווי צו אַן אייגענעם, בלשון אתה: האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ ציוניסט, טאָ זאָג זשע מיר אויך ווי אַזוי קומט מען אַהין „אין זוניקן לאַנד", און וואָס דאַרף איך טאָן דערצו?

— ראשית כל — האָב איך אים געעצהט — דאַרפסטו אויפהערן הייסן מאָוריצי און אָנהייבן הייסן משה, ושנית, דאַרפסטו אויפהערן שרייבן גויאיש און אָנהייבן שרייבן יידיש, דאָס איבעריקע וועט שוין קומען שפּעטער...

פון מיין עצה האָט זיך שימעל אַזוי האַרציק צעלאַכט, אַז עס האָט מיך אַזש אָנגעשטעקט און איך האָב מיט אים פריילעך מיטגעלאַכט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מיר שימעל, ביים איבערטרעטן די שוועל פון זיין צימער, אַ צעשטראַלטער אַנטקעגנגעטראָגן זיינע ערשטע פיר יידישע געגראַמטע שורות. איך האָב עס אָרטאָגראַפיש און סטיליסטיש פאַריכט און געגעבן אים עטלעכע אָנווייזונגען אויף ווייטער. כדי מיר צו ווייזן, אַז ער איז נישט אַזאַ „גוי" ווי איך מיין און, אַז ער האָט אַ שטאַרק יידיש האַרץ — האָט ער מיר פאָרגעלייענט עטלעכע פון זיינע פּוילישע לידער פון וועלכע עס האָט באמת אַרויסגעשלאָגן אַ שטאַרק נאַציאָנאַל־וויטיקלעכער טאָן פון אַ יידישן דיכטער אין גלות... איינס פונעם דאָזיקן ציקל לידער האָט געהייסן „דער טויט פון יהודה הלוי".

נישט לאַנג נאָכן אָנשרייבן די ערשטע יידישע שורות, האָט שימעל אָפּגעדרוקט אין וואַרשעווער „היינט" זיין ערשט יידיש ליד און, נישט געהייסן מער מאַוריצי, נאָר — משה.

וואָלט שימעל נישט אומגעקומען ביי די נאַציס, וואָלט אין ישראל צוגעקומען אַ קרעפטיקער לירישער דיכטער.

שלמה שיינבערג

איך געדענק נישט גענוי ווי אַזוי איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן און באַקענט מיט שלמה שיינבערגן. איך געדענק נאָר, אַז געווען איז עס אין די ערשטע יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין וואַרשע. איך געדענק אויך, אַז דער נאָמען שלמה שיינבערג, איז ווי אַ סך נעמען פון ייִדישע שרייבער פון יענער תקופה — געווען פאַרבונדן מיטן נאָמען י. מ. ווייסנבערג, און אַז שיינבערג איז נאָך עטלעכע באַגעגענישן מיט מיר, געוואָרן צו מיר זייער צוגעלאָזן און מיך פּשוט ליב־באַקומען, ווייל ער האָט שטאַרק ליב־געהאַט ווייסנבערגן און, דערפאַר — אַלע די, וואָס זענען געשטאַנען מיט ווייסנבערגן אין באַציאונגען, געווען זיינע תלמידים, אָדער פאַרערער.

בעת כ׳האָב שיינבערגן געהאַט בלויז געזען און אים פּערזענלעך נישט געקענט, האָט ער אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרהאַוועטן פּראָווינציעלן האַנדלסאַגענט און פאַרמיטלער, וואָס האָט זיך שטענדיק געפונען אויפן וועג פון זיין געבורטשטאָט פולאַוו — קיין וואַרשע און צוריק. נאָר, אַז שיינבערג האָט זיך מיט מיר איינמאָל אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין און מיר גענומען לייענען זיינע שאַפונגען, לידער און פּאָעמען פונעם לעבן פון ייִדן ביי דער ווייסל — האָב איך אינעם „פּילעווער" געלן יונגנמאַן מיטן רויטלעכן פּנים מיט קלייַען — דערזען אַ טאַלאַנטפולן פאָלקסטימלעכן ייִדישן דיכטער, וואָס האָט אַ דאַנק זיין דערצויגן־ווערן ביי די ווייסל־ברעגעס, פאַרמאָגט דעם באַלאַדעסקן טאָן און, דעם ליריזם און ווייכן קאָלאָריט פון אַלע חנען פון דער פוילישער ראָמאַנטיק.

אַז שײנבערג איז געווען אַ טאַלאַנטירטער דיכטער, באַווײַזן אויך זײַנע איבערזעצונגען פון יעסענינס לידער. איבערזעצונגען, וועלכע איך האַלט פאַר די בעסטע, וואָס זענען ביז הײַנט־צו־טאָג געמאַכט־געוואָרן. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס שײנבערג האָט זיי נישט אַרויסגעגעבן. ס'איז אויך נישטאָ קיין זאַמלונג פון זײַנע אײגענע לידער, וועלכע ער האָט איבערהויפּט זייער ווייניק פאַרעפנטלעכט — מחמת דאָס כסדר שלאָגן־זיך פאַרן טאָג־טעגלעכן קיום, האָט אים פרי אַרײַנגעצויגן אין ליטעראַטור־מסחר, געמאַכט פון אים אַן אונטערנעמער, אַ פאַרלעגער פאַר זײַנע אײגע־נע אויסגעצײכנטע איבערזעצונגען פון דער רוסישער קלאַסיק.

שײנבערג איז אויך געווען דער פאַרלעגער פון מײַן בוך ארץ־ישראל־לידער „גאָלדענע זאַמדן". אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט ער זיך נאָך „אויף מײַן באָרד געלערנט שערן", דאָס הייסט: זײַן אַן אַרויס־געבער פון ביכער; דערפאַר, קאָן זײַן, איז „גאָלדענע זאַמדן" אין טעכנישן און עסטעטישן זין — דאָס ערגסטע בוך, וואָס שײנבערג האָט ווען־עס־איז אַרויסגעגעבן.

געזעצט האָט שײנבערג מײַן בוך אין זײַן אײגענער זעצערײַ, וואָס ער האָט געהאַט אין פּולאַוו. כדי אָפּצוהיטן מײַן בוך, בין איך ספּעציעל אַראָפּ־געפאָרן צו אים אויף אַ לענגערער צײַט און זיך אפילו אַרײַנגעצויגן מיט אַ בעטל אין דער זעצערײַ... נאָר — ס'האָט נישט געהאָלפן. יעדעס מאָל, וואָס כ'האָב אַ קוק־געטאָן אויף אַ קאָרעקטור, איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן! נישט געווען אין איר קיין גאַנצער אות, און אַ סך אותיות, דווקא גאַנצע — האָבן פאַר קיין אופן נישט געוואָלט זיך באַווײַזן אויף די מאַטריצן... שײנבערג האָט זיך דערפון געערגערט נישט ווינציקער פון מיר, נאָר — נישט געקאָנט זיך העלפן, ווײַל די שריפט האָט שוין פון לאַנג געהאַט אָפּגעדינט איר צײַט... בלית־ברירה האָבן מיר בײדע שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דאָס בוך וועט שוין, ווי עס איז, אַרויס, און דער לעזער וועט זיך שוין, ווי עס איז, אַן עצה־געבן...

ווי מיר איז באַקאַנט, האָט שלמה שײנבערג, בעת דער צווייטער וועלט־שחיטה געהאַט אַריבערגעטראָגן זײַן זעצערײַ אין אײנעם פון די

פּאָליעסער װעלדער װוּ עס האָט געאַרבעט און געװױנט זײַן שװער; ער איז אָבער געװען געצװוּנגען אױך צו אַנטלױפֿן פֿון װאַלד און „אַריבער־שװאַרצן" זיך קײן ראָטנפֿאַרבאַנד װוּ ער איז, װי אַ סך הונדערטער און טױזנטער — געשטאָרבן פֿון טיפֿוס, אין דער געגנט פֿון קױבישאָװ.

אינהאלט:

היימישע

וועגן מיין היים 11
מיין טאַטע דער קצב 13
מיין מאַמע 18
דער מאַמעס געוויין 22
מיין ברודער איטשע 24
מיינע חדר־יאָרן 28
אונדזער קאָץ 31
צוליב אַ קריי... 35
האַלצסקלאַדעס 38
דאָס טויטע געסל 41
רחל־לאה די משוגענע . . . 43
מאירל 46
וויצעק 49
בלעטלעך וועגן טויט . . . 53
די באָבע מיטן שבת־אויבסט . . 56
דער טויט פון מיין מאַמעס מאַמע 59
מיין זיידנס לעבן און טויט . . 63
איך ווער אַ משורר ביי אַ חזן . 66
דער פעטער משה 70
אין דערצייל מעשהלעך . . 73
מיינע קינדער־ליבעס . . . 76
מיין ערשטער ליטעראַרישער דורכפאַל 81
מיינע חלומות 85
מען זוכט פאַר מיר אַ תכלית . 89
מיין פראָלעטאַרישע שול . . 95
מיין ערשטער אַרויספאָר . . 99
ראָמאַנטישע יאָרן 109
איך וויל נישט דינען . . . 113
צוגעמאַכט אַ אויג... 119
איך פאָר קיין ארץ־ישראל . . 123
דער סוף פון מיין היים . . 128
רעטושן צו מיין אויטאָפּאָרטרעט 132

נאָענטע

מיין ערשט ליד 137
מיין ערשטע ליטעראַרישע סביבה 139
מיט י. מ. ווייסנבערג . . . 142
מיט ז. סעגאַלאָוויטש . . . 146
מיין וועג צו אומשטערבלעכקייט 149
מיט לייב מלאך 152
מיט ש. אנ־סקי 157
געזען פּרץ'ן 160
באַגעגענישן מיט ביאַליקן . . 164
אונטער פרעמדן איינפלוס . . 170
מיין ערשט בוך 174
איך קויף מיינע ביכער . . . 176
דער טאַטע האָט דאָס וואָרט . 179
אַרום מיין ליד „זאָל זיין" . . 183
אַ רעדע, וואָס כ'האָב נישט געהאַלטן 188
צום אָנדענק נאָך אַ גרויסן קינסטלער 193

אומגעקומענע יידישע פען־מענטשן

שמואל יעקב אימבער . . . 203
אהרן בעקערמאַן 205
ברוך געלמאַן 207
קאָפּל דואַ 209
מאיר דזשאַלאָחסקי 213
שמחה דאַן 215
הערש דאַנילעוויטש (הערשעלע) . 217
שמעון האַראָנטשיק 222
בער האַראָחיץ 225
עוזר וואַרשאַווסקי 227
שמואל חולמאַן 231
וואָווע חיעחיאַרקע 233
ביניש זילבערשטיין 135
קלמן ליס 237
יחיאל לערער 239
דוד פליסקין 242
אברהם פּאַליחאַ 244
יעקב פרעגער 246
אלעקסאנדער פּאַרבאַ . . . 248
הערש צינאַמאַן 251
יוסף קירמאַן 254
דוד קעניגסבערג 256
פּנחס קאַץ 258
משה שימעל 260
שלמה שיינבערג 263

אין פארלאג פרץ-ביבליאטעק זענען ביז איצט דערשינען:

י. זרבבל — בלעטער פון אַ לעבן — 2 בענדער

(דער ערשטער באַנד איז אויספאַרקויפט)

מענדל מאַן — נאַכט איבער גלושינאָ

אברהם סוצקעווער — מדבר סיני

ישראל טאַבאַקמאַן — מיינע איבערלעבונגען

ש. בערלינסקי — בילדער און דערציילונגען.

קאַ. צעטניק — דאָס הויז פון די לאַלקעס

מענדל מאַן — ביי דער ווייסל

יוסף ראָזן — געקליבענע שריפטן (אין העברעאיש)